STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04354

LETSTER FRILING

Yisrael Kaplan

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל קאַפּלאַן

לעצטער פּרילינג

ישראל קאַפּלאַן

לעצטער פרילינג

היסטאָרישע נאָוועלע

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
הילפספאַנד פאַר ייִדיש-שאַפונג
תל-אביב, תשמ"ה — 1985

ישראל קאַפּלאַן / לעצטער פרילינג

ISRAEL KAPLAN

THE LAST SPRING

פּאָרטרעט צייכענונג: מיכאל מילבערגער, פּאַריז

כל הזכויות שמורות למחבר

תל־אביב 61230. ת.ד. 23117

TEI-Aviv 61230, P.O.B. 23117

דפוס „אורלי״ — פרידמאַן, תל־אביב. טלפון: 372062

M. Millberger –
Aug. 1973 T.K.

אינהאַלט

9 גרממיה
17 צער גידול בנים
24 זיס און זויער
30 אָבינו מלכּנו
35 חורבן המוחות
43 אַ צײַט אַזאַ
50 בית־דין־של־מעלה
54 הרים וגבעות
60 אַ משׂכּיל
60 גליקלעכסטער אין שטאָט
70 שקצים עליך
76 דווקא הײַנט
83 דורך שפּאַרונעס
91 צײַט אין טונקל
97 שפּעטיקע געסט
103 שידוכים
108 אַ קאַפּעליוש
113 לאַפּסערדאַק און סערמענע
119 אַ קלין
123 גאַנגעס און ניעמאַן
127 דעלעגאַציעס
132 אַ צינגל
137 דרײַ פּײַגן
143 בערלין, בערלין
149 באַלעבאָסטע און קאַץ
156 שולעס אָנגעבראַכט
161 לענגער ווי אַ האַנט
165 ביבל־קריטיק
170 געשענקטע יאָרן
175 דעלעגאַטן קומען
179 זון און מחותּן
184 אַן פּאַרטפעל
191 אונדזער רעגירונג
198 מומיעס און מאַלפּעס
205 דער קייסער איז נאַקעט
212 חתנים
217 לעצטער פּרילינג

* *
*

באַדייטנדיקע שינויים אין דעם ייִדישן לעבן קומען פֿאַר אויך אין ליטע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס ענדיקט זיך אין 1918. שוין מיט אַ יאָר פֿריִער איז אין רוסלאַנד אויסגעבראָכן די גרויסע רעוואָלוציע. צו דער זעלבער צײַט איז געוואָרן פֿאַרעפֿנטלעכט די באַלפֿור־דעקלעראַציע וועגן אַ נאַציאָנאַלער היים פֿאַר ייִדן אין פּאַלעסטינע. אין די יאָרן רײַסן זיך אָפּ לענדער און אויך געגנטן גאַנצע פֿון די גרויסע אימפּעריעס, און ווערן זעלבשטענדיקע מדינות. קומט אויף אויך די מדינה ליטע, וואָס נעמט זיך גרענעצן אַרום די טײַכן ווילִיע און ניעמאַן ביז דעם באַלטישן ים. ניט קיין גרויסע זײַנען אויך די ייִדישע יישובים אין דעם לאַנד, אָבער באַרימט מיט לומדות און פֿרומקייט, און דער עבר אויך מיט תּקופֿות פֿון באַזונדערן אויפֿבלי און אויפֿשטײַג אין ייִדישן לעבן.

די נײַע צײַט ברענגט פֿאַר די ייִדן אין ליטע אויך אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע מיט אַ נאַציאָנאַל־ראַט, און אַ ייִד אַ מיניסטער פֿאַר די ייִדישע ענינים, און די קהילות מיט ברייטער אָפֿיציעלער אויטאָריטעט. אַזאַ דערשײַנונג, ניט קיין געוויינלעכע אין ייִדישן גלות־לעבן, רופֿט אַרויס בײַ די ליטווישע ייִדן אַ גאַר באַזונדערן אויפֿלעב — אַ פֿרילינג!

און מיט דעם גרויסן חורבן פֿון אונדזער פֿאָלק, קומט אויך אויף די ייִדן אין ליטע זייער לעצטער פֿרילינג.

גרממיה

— דײַטשלאַנד האָט פאַרשפּילט די מילחמה, די ידיעה שוין אַ גאָר־גאָר אמתע; העגגט שוין ממש אין דער לופטן דער סוף פון דעם װעלט־פײַער!.. — מיט די אָ נײַס איז אַרײַן רב רפאל לוקניק צו רב אביגדורן, דעם שטאָט־רב, און רעדט װײַטער אין איין אָטעם — פאַר די בעלי־ניצחון שטייען אויף די קני די דײַטשן, און גאָר פעסטע קלאַנגען אַז זייער קייסער װילהעלם איז אַרונטער פון זײַן כיסא־המלכות.

הערט אויס דער רב. אויפגעשטעלט די געדיכטע ברעמען זײַנע, קנייטשן טיפן זיך איבער דעם הויכן שטערן, און עס קומט אַ שאָקל אַ צושטימיקער פון דעם גרויסן גרויען קאָפּ. און באַלד װידער אין דעם ספר װאָס ליגט פאַר אים.

די שנעלע הסכמה פון רב אביגדורן אויף דעם גאַנצן פּאָליטישן אויסלייג, מאַכט שטאַרק חידושן לוקניקן, דעם גבאי, װאָס האָט עס געבראַכט די בשורה. איין מאָל און נאָך אַ מאָל װישט ער איבער די גאָלדענע פענסנע װאָס זײַנען געװען פאַרטראָפּט פון דעם האַרבסטיקן דרױסן, און אין שטוב דאָ טויען זיי פון דעם הייצנדיקן אויװן. טשיקאַװע באַטראַכט ער דעם רבס פּנים און קען ניט פאַרשטיין זײַן גלײַכגילט. גאָר װי אַ זיכערער ניצחון איבער די דײַטשן איז פאַר אים שוין לאַנג גלוי װידוע, און אַזוי זאָל האָבן געװען זײַן מיינונג פאַר די איבער פיר יאָר פון דער מילחמה...

אַ בולטן רושם, זעט דער גבאי, האָבן אָבער זײַנע בשׂורות געמאַכט אויף דער רביצין. שלאַבערדיק האָט זיך איבער די אײַנגעפאַלענע ברעטער פון זינקענדיקן דיל אַ לאָז געטאָן אַ מאָגער הינדל. פון איר באַהעלטעניש האָט עס די באַלעבאָסטע

באַפֿרײַט דעם עוף, וואָס איז ניט געווען רעגיסטרירט אין מיליטערישן אַמט. די דײַטשן, פֿון דעם טאָג ווי זיי האָבן פֿאַרנומען די געגנט, הערן זיך ניט אויף מיט די רעקוויזיציעס און קאָנפֿיסקאַציעס. זיי האַלטן אין איין צאַפּן און אַרויספּרעסן. אַ שטרענגן חלק האָבן זיי אין דער תּבֿואה פֿון פֿעלד, און אין די מילך פֿון קו און ציג, און אין די אייער פֿון יעדער הון. אויף אַלץ איז אַרויפֿגעלייגט זייער אײַזערנע האַנט... אין דער זיכערקייט אַז די שווערע יאָרן ענדיקן זיך שוין, וואַרפֿט צו די רביצין אין אויוון נאָך אַ שײַטל האָלץ. באַלד כאַפּט זי אַרויף איר אויסגעלאַטעטע פּאַטשיילע אויף דער צעדאַרטער פּלייצע, און דורכן פֿענצטער זעט זיך ווי אין דעם גוס־רעגן שנײַדט זי אַדורך די בלאָטיקע גאַס. מיט דעם באַרג נײַס גיט זי עס אַ ברייטן עפֿן די טיר בײַ דעם קעגנדיקן שכן.

שטאָט ווייס אַז לוקניק איז שטאַרק אין פּאָליטיק. דער ראש־הקהל איז ער און רעכנט זיך אין אַלגעמיין פֿון די חשובֿסטע פּירער בײַ ייִדן דאָ איבער גאַנץ זאַמעט, וואָס איז די גרעסטע פּראָווינץ פֿון ליטע. נאָך יאָרן פֿאַר דער מלחמה פֿלעגט ער באַקומען דורך פּאָטשט יעדן טאָג אַ בלאַט. און אויך איצט, אין דער פֿאַרשפּאַרטער וועלט, איז ער אויסגעבונדן מיט ניט ווייניק מענטשן. הערט ער זיך אָן. אָנגענומען איז ער בײַ די אַרומיקע פּריצים און זיי באַראָטן זיך מיט אים. געווען איז ער אויך געערט אין דער רוסישער אַדמיניסטראַציע און גוט באַפֿרײַנדט מיט די העכערע טשינאָווניקעס. און נאָכן אַרײַנמאַרש אַהער פֿון די דײַטשן, איז ער אַן אָפֿטער אַרײַנקומער אין זייערע אַמטן, מיט ייִדישע בקשות און השתּדלותן. ער ווערט אַפֿילו אויפֿגענומען פֿון דעם קאָמענדאַנט אַליין, וואָס קוועלט פֿון זײַן פּיקחות און צעשמועסט זיך מיט אים גאָר ברייט.

ווי יעדן וואָכנדיקן מאָרגן, אין צוריקוועגס פֿון דאַווענען, פֿאַרפֿעלט ניט דער גבאי אַרײַנצוגיין צו רב אביגדורן. שווערלער איז אָבער שטענדיק מיטן אַרויסרײַסן דעם פֿאַרטיפֿטן קאָפּ, אַרויסרײַסן דעם רבֿ פֿון זײַנע צעעפֿנטע ספֿרים איבער דעם

ברייטן טיש, אָדער פון זײַן פעדער מיט די חידושי־תּורה. ניט לײַכט איז אַפילו מיט די קהלשע ענינים צו פאַרנעמען די צײַט בײַ דעם מרא־דאתרא... פאַלט אים ניט אײַן אויך הײַנט, לוקניקן, אַרײַנצוגיין ברייטער מיט דעם רב אין דער וועלט־פּאָליטיק. און אַפּשיטאַ שוין צוּוואַרפן אַוועלכן רמז אויף דער אומגעריכטער ענדערונג בײַ אים, רב אביגדורן. בײַ אַ הנחה גאָר־גאָר אַן אַנדערער האָט ער זיך דאָך געהאַלטן וועגן דעם אויסגאַנג פון דער מילחמה. הערן האָט ער אַפילו ניט געוואָלט פון אַוועלכער אנדערער סברה...

מינוטן נאָך ניט פאַרבײַ פון זײַנע געבראַכטע נײַס, איז שוין רב רפאל גאָר ניט זיכער אַז דער רב איז מיט אים אין גאַנצן מסכּים. אַ הייב האָט זיך אָט געגעבן רב אביגדורס קרומלעבער אַקסל, וואָס שלעפּט אַוועק דעם אָרעם פון אונטער דעם אָנגעשפּאַרטן קאָפּ. די צווייטע האַנט ליגט שוין ניט איבערן ספר. צעשטרעקט איז זי מיט דער גאַנצער ברייט פון דלאָניע, און די פינגער גייען אין ספיקות. וועגן מצב־המילחמה וואָס ער האָט געהערט, עפּעס לייגט זיך אים קשהדיק אויפן שׂכל. אַרום אויער דרייט ער פעסט דאָס שנירל, וואָס דינט אים אין די מילחמה־יאָרן פאַר אַ האַלאַבליע צו זײַנע ברילן. און דיביידע גלעזער גלאַנצן צו לוקניקן מיט תּמיהה. דאָס קול מיט אָפּפרעג:

— איך בין דאָך אויך געווען אין גאַס, געזען מענטשן...

אין גאַס איז דער רב געווען, מענטשן געזען... — באַהאַלט רב רפאל אין זיך דעם שמייכל. טשיקאַווע קוקט ער אָן דעם יושב־אוהל, וואָס גראָבט זיך שוין ווידער אין די ספרים. זײַן אײַליקער וועג פון שטוב צום בית־מדרש און צוריק, און די קאַרגע ווערטער זײַנע מיט מענטשן — זײַנען עס בײַ אים די גאַס און די פּראַקטישע וועלט. אויך אין קאָמערציעלע ענינים דינט דעם רב די אַ וועלט זיינע. באַקאַנט איז שוין זײַן לשון צו די צדדים וואָס שטייען פאַר אים בײַ אַ דין תּורה:

— אָט האַנדלט ווי איך לייג אײַך פאָר, און אַזוי וועט מען

אויך אין גאַס אײַך עצהן; אַז בכלל, אַזוי פירט זיך דאָך אין דעם עולם־המיסחר, עולם־המעשׂה!

פּאַרפלויגן איז שוין פון גבאי זײַן אויסרעכענונג, ער זאָל פאַרברענגען פאַרן מרא־דאתרא, ווי יעדן טאָג, עטלעכע קהלשע ענינים. פאַר זײַנע אויגן שווימט גאָר אַרויס נאָך אײנער אַ פרימאָרגן מיט גרויסע נײַס. אַ פרימאָרגן שוין פון לענגער, אָבער דערמאָנט זיך אַזוי הײַנט. און אויך דעמאָלט האָט רב אביגדור גענומען אָפּפרעגן — מיט זײַן גאַס.

פיר יאָר און נאָך עטלעכע חדשים זײַנען שוין פאַרלאָפן פון יענעם טאָג, ווי אין דער זעלבער שטוב איז ער עס אויך געווען אַרײַנגעקומען, לוקניק, מיט זײַן מאָרגן־באַזור. און ווי שטענדיק איז דער רב שוין געזעסן אַרײַנגעטאָן אין תּורה בײַ אַט דעם טיש. זײַן מינהג איז דאָך אויפצושטיין האַלבע נאַכט, צום אָפּריכטן חצות, תּיקון־חצות. אויף דער ערד זעצט ער זיך, די פיס נאָר אין זאָקן, און ווי' תּשעה־באָב באַוויינט ער מיט קינות דעם חורבן פון בית־המיקדש און גלות־השכינה. פאַר זונאויפגאַנג גייט ער זיך טובלען אין טײַך אָדער אין מיקווה. תּפילת־שחרית איז בײַ אים מיטן נץ; דער ערשטער שפּראָץ פון זון, מאַרקירט ער, זאָל פאַלן צווישן זײַן ענדיקן די ברכה גאל־ישׂראל און דעם שטעלן זיך שמונה־עשׂרה. אין דעם טונקעלן און כּמעט ליידיקן בית־מדרש קאָן ער זען בײַ זײַן דאַוונען נאָר דעם מנין ייִדן פון טיפן עלטער, די „משמרים לבוקר״, וואָס פעדערן זיך אין די מאָרגנס לעבודת־הבורא.

פון בית־מדרש לאָזט זיך רב אביגדור איבער די הײַזער ווו עס ליגט אַ קראַנקער. ער בלײַבט נאָר בײַ דער טיר און פרעגט נאָך בײַ די שטוביקע, ווי עס שפירט זיך דער חולה און ווי איז אים אַדורך די נאַכט. איז עס אַ שטוב פון אַ ניצרך, האָט ער בײַ זיך אַ טוטעלע מיט מזומנים, פון דעם געלט וואָס ער באַקומט פון נדבנים, אָדער רײַסט אַרויס פון די גבאים. די ווײַב גרייט עס אים צו די טוטעלעך; מחמת ער איז ניט רגיל אין מטבעות. די

מענטשן פון שטוב בעט ער איבערצוגעבן דעם חולה, אַז ער, דער רבֿ, איז מתפּלל פֿאַר אים אויף אַ רפֿואה שלמה; דרײַ מאָל אַ טאָג, אין דער תּפֿילה „רפֿאָנו", דערמאָנט ער אים מיטן פֿולן נאָמען און מיטן הנולד מהאשה, מיט דעם נאָמען פֿון דעם קראַנקנס מאַמען, וואָס דאָס איז אַ באַזונדער סגולה בײַם אויסבעטן רחמים פֿאַר אַ מענטשן אין אַ סכּנה. גלײַך גיט אָבער יעדן מאָל צו רבֿ אביגדור:

— און דער עיקר, דער חולה אַליין זאָל זײַן האָפֿענונג לייגן אויף דעם מלך רופֿא נאמן, דעם כּול־יכול!

אויך אין יענעם טאָג מיט איבער פֿיר יאָר צוריק, איז נאָך זײַן רבֿס חצות און טבֿילה, און בית־מדרש, און די חולאים — איז אויך רבֿ אביגדור געזעסן דאָ אין שטוב אויף דעם זעלבן אָרט. אַ זומערדיקער פֿרײַטאָג געווען, 1914. אין דעם פֿרימאָרגן פֿון יענעם טאָג האָט ער, לוקניק, שוין ניט געוואָרט אַז דער רבֿ זאָל אַרויסהייבן זײַן קאָפּ פֿון די ספֿרים און כּתבֿים. גלײַך האָט ער געלאָזט פֿאַלן:

— אַ מלחמה! אונדזער רוסלאַנד קעגן דײַטשלאַנד...

— דײַטשלאַנד?.. — זײַנען אין דער רגע רבֿ אביגדורס ברילן שוין געווען פֿאַררוקט הויך איבערן שטערן — דאָך פּרײַסן, ניט ווײַט פֿון אונדז!..

— נאָענט, רבי, הינטער אונדזערע פֿענצטער. בײַ דער דײַטשישער גרענעץ ליגט די גאַנצע געגנט אונדזערע, זאַמעט. און גאַנץ ליטע!

אַ הייב פֿון אָרט האָט זיך דעמאָלט געגעבן רבֿ אביגדור. שרעק האָט זיך צעפֿינטלט פֿון זײַנע אויגן, און דער שטערן וויגט זיך אין טיפֿע קנייטשן. אײַנגעשפּאַרט מיט די ביידע הענט אין טיש, האָט זיך צעשאָקלט דער איבערגעבויגענער גוף, ווי דורכגעבליצט מיט אַ ברענענדיקן געדאַנק:

— גערמאַניע... פּרײַסן, דײַטשלאַנד, גערמאַניע... היינו הך... גערמאַניע, גרממיה של אֱדום!..

האַסטיק האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער פּאָליצע ספרים בײַ דער וואַנט. זײַנע ציטערדיקע פינגער בלעטערן אין אַ כּרך פון דעם גרויסן ווילנער ש״ס, און דאָס קול באַלד מיט אַ טרויעריקן גמרא־ניגון:

— גרממיה של אֱדוֹם, שאילמלא הן יוצאין, מחריבין כּל העולם כולו... מגילה דף וואַו, זעקסטער בלאַט; און אַט בײַם ראַנד זײַט, אין די הערות הגר״א, איז דאָס וואָרט גרממיה אויסגעטײַטשט: גרמניה. די גערמאַניע, ווערט עס געזאָגט, אַז די אָ מדינה גייט אַרויס אויף מילחמה, איז זי בכּוח חרוב צו מאַכן די גאַנצע וועלט. אַ בפירושע גמרא!..

באַנעמען האָט ער ניט געקענט דעם גאַנצן ענין, רב אביגדור. אין יענעם פרײַטאָגדיקן מאָרגן האָט ער זיך ממש צעשריִען אויף דעם וועלן זיך פאַרמעסטן מיט דער גרממיה. אַזאַ מוראדיקער טעות פון דער מלוכה, מלכות רוסלאַנד!.. ביטולדיק האָט ער געמאַכט מיט די הענט און מיט זילזול זיך צעשמייכלט אויף די יועצים און שׂרים פון פּעטערבורג, די עיר־הבירה, און אויף דעם קייסער ניקאָלאַי. איין מאָל און נאָך אַ מאָל האָט ער איבערגעחזרט דעם פּסוק „משיב חכמים אָחוֹר ודעתם יסכּל״, פאַרדרייען טוט גאָט דעם מוח פון חכמים און פאַרנאַרישט זייער שׂכל. אַן עונש מן השמים...

באַלד אָבער האָט אים דערמאָלט אַ שלאָג געטאָן מיט ספיקות. ניט זיכער איז ער שוין געווען אין דער עצם ידיעה, אַז אַ מילחמה:

— איך בין דאָך אויך געווען אין גאַס...

בײַ די אָ ווערטער זײַנע אין יענעם פרײַטאָג, האָט זיך מיט האַסט אַן עפן געטאָן די טיר. פאַר די אויגן שטייט אים נאָך, לוקניקן, ווי עס האָט זיך געהאַט אַרײַנגעלאָזט אַ ייִד, און הינטער אים זײַן גאַנצע הויזגעזינד. אויף דער מילחמה איז דער מענטש גערופן, איז ער עס געקומען זיך געזעגענען. אַרום די פּיס פון זייער טאַטן קלאַמערט זיך דאָס קליינוואַרג, און די גרעסערע לאָזן

ניט אָפּ זײַנע הענט. מיט געבליפּ בעט די װײַב אַ ברכה פֿון רבֿ, אַז איר מאַן זאָל בלײַבן לעבן און װאָס גיכער זיך קערן אַ געזונטער אַהיים... ניט פֿאַרמאַכט האָט זיך שױן דעם טאָג די טיר; געקומען זײַנען נאָך און נאָך מילחמה־גערופֿענע...

אויך יענער פֿרײַטאָג, װײס גוט דער גבאי, האָט ניט געװירקט אויף דעם יושב־אוהל, אַז ער זאָל שױן אויפֿהערן מיט זײַן „גאַס" און מיט זײַן טרעפֿן זיך מיט מענטשן. ניזהר איז ער דאָך בכלל פֿון אַרײַנגײן מיט װעמען אין רייד װאָס זײַנען ניט פֿון דברי־תּורה און מוסר. סתּם אַ שמועס, הייסט בײַ אים ביטול־תּורה, דברים־בטלים... האָבן זיך דורך די יאָרן פֿון דער מילחמה װייניק־װאָס געפֿונען בעלנים אויף דורכריידן זיך ברייטער מיט דעם רבֿ אין פּאָליטיק. האָט אויך זעלטן װער מעיז געװוען צו באַשטרײַטן זײַן זיכערקייט, אַז גרמניה, דײַטשלאַנד הייסט עס, װעט האָבן דעם ניצחון — די הנחה זײַנע, געבויט אויף אַ װאָרט אין גמרא.

און אָט איז די מילחמה שױן בײַ סאַמע ענד. האָט ער עס הײַנט, לוקניק, געבראַכט דאָ אין שטוב די לעצטע נײַס, האָט דערציילט װעגן דער גרויסער אַנטשיידענער מפּלה פֿון די דײַטשן, און אַז שױן בײַ זיי אחרי־כּכלות־הכּל. און דער רבֿ איז דאָך באַלד געװוען מסכּים. פּלוצעם אָבער — שױן ספֿיקות, ער ברעקלט זיך. צעהויבן זײַנען בײַ אים די פּלייצעס — ער איז דאָך אויך געװוען אין גאַס, מענטשן געזען...

אַ װאָרט רעדט ניט דער קלוגער גבאי. דעם שמייכל אָבער לאָזט זיך אים ניט באַהאַלטן. פֿון דער זײַט מערקט ער װי דער רבֿ גיט זיך יעדע װײַלע אַ דריי פֿונעם ספֿר, שאָקלט זיך הין־ הער, און די אויגן שטײַף פֿאַרקװעטשט. צװישן די ציין קײַעט זיך אַ שפּיץ באָרד. און אָט שלײַפֿט זיך די צונג צװישן די ליפּן. זיי שליסן זיך אָבער באַלד, און דער קאָפּ מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן צוריק איבערן ספֿר... נאָך מינוטן איז שױן רבֿ אביגדור אַפּנים באַשלאָסן צו װײַזן אַז ער איז כּלל ניט אָפּגעשטאַנען אין הוויות־העולם:

— אין פּלוג איז דאָך די דײַטשע מפּלה אין אַ שאַרפער סתּירה מיט דער גמרא, אָט דער מאמר „גרממיה של אֱדום"... האָט מיר אָבער שוין לעצטנס אַ שײַן געטאָן, אַז די סתּירה לאָזט זיך יע אײַנזעצן. פּשוט, אין דעם מאמר איז וועגן גרממיה דאָך ניט געזאָגט „מנצחין", אַז דײַטשלאַנד קאָן באַזיגן. „מחריבין" שטייט נאָר געשריבן. די אָ מדינה, הייסט עס, איז בכּוח צו חרוב מאַכן די וועלט. האָבן דאָך די דײַטשן אין דער מילחמה טאַקע חרוב געמאַכט שטעט אויף שטעט און לענדער גאַנצע!

צער־גידול־בנים

רב רפאל לוקניק, דער שטאָט־גבאי, האָט שוין געזאָגט דעם רב אַ גוטן־טאָג און אַ קוש געטאָן די מזוזה. איז פון דרויסן אָנגעלאָפן די רביצין און לאָזט אים ניט שטעלן אַ טראָט ווײַטער. דאָס פנים פלאַמט איר:

— אַ ביזיון!.. פון קאָפּ הײַנט אַרויס דאָס גלעזל וואַרעמס; מישטיינס געזאָגט, דער גרויסער כּיבוד אין די איצטיקע מילחמה־יאָרן... איר וועט זיך זעצן, רב רפאל, וועט טרינקען!

די גוואַלדיקע מילחמה־נײַס וואָס לוקניק האָט געהאַט דאָ פריִער אין שטוב געבראַכט, האָבן עס אַ טראָג געטאָן די פרוי צו שכנים, איבערצודערציילן פאַר מענטשן. אָן עק נעמט דאָך שוין צו דעם וועלטאומגליק און ווידער קומט שלום־ושלווה!.. פון אויוון כאַפּט איצט די רביצין אַרויס דעם דרומל און נעמט גיסן דאָס קאָכעדיקע וואַסער אין צוויי גלעזער, פאַר איר מאַן, רב אביגדורן, און פאַר לוקניקן. דאָס טעצל צוקער וואָס די באַלעבאָסטע שטעלט אַוועק אַזוי נאָענט צו זײַן גלאָז און דער שטרענגער בליק אירער וואָס פאַלט אויף זײַן האַנט, האַלט אָפּ לוקניקן פון אַ נעם צו טאָן פון וועסטל־קעשענע דאָס מיטגעבראַכטע צוקער און עס אַרײַנשיטן אין דעם וואַרעמען טרונק, ווי ער איז געוווינט אין די לעצטע יאָרן. ער זעט שוין ווי דורכגעדרונגען איז די רביצין מיט דעם געפיל אַז די מילחמה איז צו ענדע, און דער גרויסער מאַנגל אין עסנוואַרג וועט אויך גיך פאַרבײַגיין...

ווי יעדן מאָרגן פילט זיך דאָ דער גבאי ניט גאָר אָנגענעם בײַם טרינקען זײַן טיי מיט צוקער און אויך מיט אַ ביסל מילך. די גלאָז פון דעם רב, וואָס זיצט אַקעגן אים, איז נאָר הײלע וואַסער. בײַ אים איז עולם־הזה אויף אַ געשמאַקערער טרונק, וואָס

איז נאָר אויף מענג זײַן דעם גוף, און צעבאַלעוועט דעם חומר. מהאַי טעמא עסט ער כמעט ניט קיין פלייש. נאָך די תּעניתים, וואָס זײַנען בײַ אים אָן אַ צאָל, פאַסט ער זיך אָפּ מיט גאָר קליינע פּישעלער וואָס האָבן ביינדעלער אַ סך. אַזאַ מאכל מוז מען עסן פאַרזיכטיק און פּאַוואָליע. איז געצוימט דער אַפּעטיט.

דאָס מילדע פּנים פון רב אביגדורן און זײַנע געלאַסענע זופּן פון דער טיי, האָלטן שוין אָפּ דעם גבאי פון רירן זיך ווידער אַהיים. ענינים אַזוי פיל קהלשע בעטן זיך דאָך אַרומצוריידן מיטן רב. וועט ער אפשר טאַקע אַ פּרוּוו טאָן... ניט פאַרענדיקט אָבער דאָס טרינקען און נאָך פאַר דער ברכה־אחרונה, איז די רביצין פאַרלאָפן מיט אַ פאַמיליע־ענין:

— טאָ ווי איז הײַנט מיטן פאָרן צוריק פון מינסק?

די שרעק פון דער מאַמען וועגן דעם זון, וואָס מאָרגן ווערן שוין פינף וואָכן ווי ער איז אַוועקגעפאָרן, און די לעצטע טעג וואָרט מען אין דעם רבס שטוב שוין אַזוי אויף זײַן צוריקקער — וואַרפט אָן אַן אומרו אויך אויף דעם גבאי. ניט נאָר פון מינסק, ווייס ער, קאָן מען שוין אַהער ניט קומען מיט דער באַן, און ניט גאָר לײַכט אויך מיט אַ פור. אַפילו פון ווילנע, און פון דער נאָענטער קאָוונע, איז אַ סכנה דאָס פאָרן. הפקר זײַנען הײַנט די וועגן פאַר יעדן רויבער!.. לוקניקס בליק גראָבט זיך אין דער ליידיקער גלאָז וואָס שטייט לעבן אים. ניין, פון מוח דראַפּעט זיך אים ניט אַרויס עפּעס אַ וואָרט אויף צו לינדערן דעם פּײַנלעכן איבערציטער פון די ביידע עלטערן. אין אַזאַ פאַרפלאָנטערטער צײַט האָט זיך געלאָזן זייער זון משה גאָר אין אַ ניט־נאָענטע נסיעה. געפאָרן איז ער קיין מינסק וועגן אַ ירושה וואָס איז געבליבן פון דער רביצינס אַ קרובה. און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ צוריק.

טיף אין האַרצן פלאָגט זיך די מאַמע, פאַרשטייט לוקניק. פון דעם טאָג ווי זי האָט פון מינסק באַקומען אַ ידיעה וועגן דעם טויט דאָרט פון איר מומען, וואָס איז געוועזן אַ רײַכע אַלמנה און קינדערלאָז — האָט זי ניט גערוט. דערוווּסט האָט זי זיך, אַז

פאַרן שטאַרבן האָט די מומע אַוועקגעלייגט בײַ אַ באַרימטן רב אַ סך פון אירע שטובזאַכן, אין דעם אויך טײַערע צירונג און אַ מענערשן גאָלדענעם זייגער מיט אַ גראָבער גאָלדענער קייט, און דערצו נאָך אַ שווער זעקעלע מיט גאָלדענע מטבעות... שעהן גאַנצע פלעגט די רביצין אים לעצטנס פאַרנעמען, רב רפאלן, מיטן העלפן איר מאַכן חשבונות פון דער ירושה. אויסצוגעבן איז דאָ אַ טאָכטער. אויף אַן אויפריכטונג וואַרט אויך די עלטערע טאָכטער וואָס איר מאַן קאָן זיך אַלץ ניט דערשלאָגן צו אַ רבנות, און די מישפּחה בײַ אָט דער פּאָר וואַקסט.

אין אַ ספר קוקט שוין ניט רב אביגדור, אָן אַ זײַט אויף די פעדער מיט די כּתבים. דער מאָגערער גוף איבערגעבויגן איבערן טיש. שאָקלט זיך דער גוף מיט אויגן פאַרמאַכטע, וואָס די קנייטשן אַרום זיי פאַרקוועטשן זיך שטאַרקער און שטאַרקער. פילט לוקניק אַרויס די פײַנלעכע מחשבותן וואָס זײַנען באַפאַלן דעם רב. בכלל האָט אים שוין אָט דער משה פאַרשאַפט גענוג צער. אַ גאונישן קאָפּ האָט דער בחור און אין טעלזער ישיבה געשמט ווי אַן עילוי. האָט ער זיך אײַנגעשפאַרט אַריבערצופאָרן לערנען אין ווילנע. הערן האָט ער ניט געוואָלט, אַז אַ כּרך איז דער אומפאַסיקסטער אָרט פאַר אַ יונגן בן־תּורה, וואָס מוז זײַן אַרײַנגעטאָן נאָר אין גמרא. נאָך מיט יאָרן־יאָרן צוריק — איז געווען דעם טאַטנס טענה — האָט דער ווילנער גאון גענעצהט זײַן באַרימטן תּלמיד רב חיימען, אַז די ישיבה וואָס ער האָט בדעה צו מיסד זײַן, זאָל ער זען צו מאַכן אין אַ קליינעם מקום. האָט רב חיים אויסגעקליבן וואָלאָזשין, אַן אָפּגעלייגט שטעטל. אַפשיטאַ שוין ווי מסוכּנדיק איז די הײַנטיקע ווילנע, אַ שטאָט פול מיט משׂכּילים, און סתּם דאָרט כּל המינים כּופרים!..

האָט די ווילנע טאַקע באַלד זיך געלאָזן שפּירן אויפן זון. דעם ערשטן יאָר, געווען געקומען אויף יום־טוב אַהיים — צווישן זײַנע זאַכן אַ רוסיש ביכל. אַ גזירה אַזאַ, האָט זיך משה גענומען פאַרענטפערן; די תּלמידים פון ישיבה מוזן אויך אַ ביסל לערנען

לשון־המדינה... די לעצטע יאָרן איז ער שוין אויך אַ מחותּן מיט דײַטשע ביכער. און שוין אויך אַ פּאָליטיקער. דעם סוכּות האָט ער ניט אויפגעהערט צו ריידן פון עפּעס אַ דעקלאַראַציע וועגן אַ ייִדישער מדינה אין ארץ־ישׂראל, אַזאַ מין התחייבות וואָס האָט אונטערגעשריבן אַ לאָרד באַלפור, אַן ענגלישער מיניסטער. איז שוין אין ווילנע גאָר אַ גרויסע ציוניסטישע אויפלעבונג. אַ סך נעמען זיך גרייטן צום פאָרן קיין ארץ־ישׂראל. מיטגעבראַכט האָט משה אויך בילדלעך, ווי חברה יונגע מאַכן עפּעס אַזוינע קונצשטיק, וואָס הייסט „גימנאַסטיק". דעם טאַטן זײַנעם האָט ער אַפילו צוגעטראָגן אַ בילד ווי אויף הויך־אָנגעצויגענע שטאַנגען שטייען בחורימלעך מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף... איין מאָל אַ קוק און נאָך אַ מאָל אַ קוק מיט די ברילן זײַנע, האָט רב אביגדור נאָר געזאָגט:

— מיט די חכמות קען מען נאָך ניט פאַרענטפערן אַ תּוספות, אַפילו אַ ניט־האַרבן...

מיט גאווה האָט משה אויך דערציילט, ווי ער און נאָך ישיבה־בחורים אין ווילנע האָבן זיי זיך געמאַכט אַ מין חברה. לערנען זיי ייִדישע געשיכטע און נאָך חכמות. צוויי מאָל אַ וואָך טרעפן זיי זיך אַלע מיט איינעם אַ דאָקטאָר יוסף רעגענסבורג, וואָס איז אַ מנהיג בײַ די ציונים און בכלל אַ גרויסער מלומד. באַקענט ער זיי מיט דער פילאָסאָפיע, און שמועסן וועגן ארץ־ישׂראל... אַ טאָג צוויי נאָך אָט דער בשׂורה טובה האָט שוין דער טאַטע באַשײַמפּערלעך געזען ווי מיט דעם חברה־מאַן האַלט. שמיני־עצרת בײַם עסן, האָט רב אביגדור גערעדט פון דער מגילה קוהלת, וואָס מען האָט אין דער פרי געלייענט אין בית־מדרש. אין מסביר זײַן די דברי־חכמה און דעם מוסר־השׂכל פון שלמה המלך, וואָס האָט די מגילה געשריבן, האָט איבער משה און וואַרפט גאָר אַרײַן:

— די ביבל־פאָרשערס, די חוקרי־המיקרא, זײַנען בכלל מסופּק, צי שלמה המלך איז טאַקע באמת געווען דער מחבר פון קוהלת...

— דו־דו, מה־למעלה־מה־למטה, פּי־פּי־לאָסאָפיע, דו־דו־

אוי־אוי!.. — האָט זיך רב אביגדור פאַרהיקעט, ווי זײַן טבע שוין בײַ אַ שטאַרקן שוידער און בײַ פּרעמדווערטער; אויסגיסן האָט ער געוומען זײַן רוגזה אויף די כּופרים און פילאָסאָפן וואָס פאַרקריכן אין גאָר הויכע דרכים, שרעקן זיך אַפילו ניט אָפּ פון אַרײַנגיין מיט חקירות אין די סודות פון מעשׂי־בראשית.

פאַרשטערט איז שוין געווען אין שטוב דער יום־טוב. ניט געוואָלט האָט דער רב אַפילו אויסהערן די איבערבעטענישן פונעם זון און זײַנע דערקלערונגען, אַז בעצם איז ער גאָר ניט מסכּים מיט די דעות־ניפסדות, וואָס עס זאָגן און שרײַבן די חוקרים:

— כּהוא־זה האַלט איך פון זיי ניט, כּהוא־זה ניט!..

דעם גרויסן חשש האָט שוין דער זון ניט אַרויסגעשלאָגן פון זײַן טאַטן, וואָס האָט נאָר אָפּגעקרעכצט:

— איך, אַוודאי ווילט זיך מיר גלייבן אַז דו גייסט אויפן דרך־הישר; אין הימל אָבער, צי דאַרטן האַלט מען נאָך פון דײַן ייִדישקייט, ווער ווייסט...

דעם חשד פון רב אביגדורן האָט די לעצטע וואָך פאַרשטאַרקט אַ גרוס פון מינסק. אַ געקומענער פון דער שטאָט האָט דערציילט, אַז משה מישט זיך דאַרטן מיט ציוניסטן און סאָציאַליסטן; געהאַלטן האָט ער אַ רעדע פאַר עפּעס אַ חברה יונגע, וואָס רופן זיך חלוצים; זײַנען אין זאַל אַלע געזעסן אָן היטלען, און אויך דער רעדנער...

דײַטלער ביז גאָר זײַנען איצט פאַר לוקניקן די תּנועות וואָס פלאַטערן דאָ בײַם טיש איבער דעם רבס פּנים. הילפלאָז שפּרייטן זיך אים די ביידע אָרעמס, און די אויגן רחמנותדיק אויף אויבן:

— שולדיק וועגן מײַן משהן, איז טאַקע נאָר איך, איך אַליין...

אַ קינד זיך געהאַט אײַנגעשפּאַרט צו פאָרן לערנען דווקא אין ווילנע, אין אַזאַ מסוכּנדיקן כּרך; האָט אַ טאַטע בשום ענין ואופן ניט געטאָרט נאָכגעבן!.. מײַן שולד, מידי תּבקשנו, פון מיר וועט זײַן געמאָנט...

דער בית־דין־של־מעלה, דאָס שטעלן זיך אויפן הימל נאָכן

טויט אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון פאַר די אַלע מעשׂים בײַם לעבן — די אַ מורא לאָזט ניט אָפּ רב אביגדורן. פּרוּווט לוקניק דאָך צו לינדערן דעם צער פון רב:

— סתּם זוכן אויף זיך חטאים... סכּנות אויף יוגנט לויערן ניט נאָר אין אַ כּרך...

יזאושדיק שאָקלט רב אביגדור מיטן קאָפּ, שמייכלט ביטער. מבטל מאַכן וויל עס דער גבאי זײַן צער וועגן דעם מיטעלן זון. אָבער אָט איז שוין אין אים אויפגעריכט ווידער אַ ווונד. יעקב, דער בכור זײַנער, האָט געלערנט אין אַ קליין שטעטל, אין דער באַרימטער ראַדונער ישיבה, און דערגאַנגען צו גרויסער לומדות. איז דער מוסד־התּורה צוליב דער מלחמה געוואָרן פאַרוואָגלט ערגעץ אין רוסלאַנד, וואָס לעצטנס איז דאָרט פאַרגעקומען אַזאַ גרויסע מדינה־איבערקערעניש. דערציילט מען, אַז יעקב איז געוואָרן אַ באָלשעוויק, און אַפילו עפּעס אַ קאָמיסאַר... ווי שאַרף אָבער דער אַ זון האָט ניט פאַרבראָכן מיט דער אמונה, איז דאָס אחריות זײַנע, פון דעם טאַטן, פאָרט ניט אַזוי האַרב. נאָגעניש און ליידן אָן אַ שיעור פאַרשאַפט אים דער ייִנגערער:

— וועגן יעקבן קאָן איך בײַם בית־דין־של־מעלה נאָך האָפן אויף אַ מליץ־יושר; געטאָן האָב איך דאַכט אַלץ. ער זאָל זײַן אַ בן־תּורה און אַן ערלעכער ייִד. וועגן משהן אָבער, אַ וואָרט דאָך ניט אָפּצוענטפערן דעם קטיגור!

לוקניק האַלט זיך שוין אָפּ פון מוטיקן דעם רב. אַרײַנלויבן קאָן ער אים דעם דריטן זון, משולמען, וואָס איז פון די מצוינים אין טעלזער ישיבה. ניט ווייניק שבחים לאָזן זיך אויך זאָגן וועגן די טעכטער. ער שווײַגט אָבער. ער ווייס, אַז ווי מען נעמט רב אביגדורן אויסרעכענען די קינדער זײַנע, דערמאָנט ער באַלד די דרײַ קליינע וואָס זײַנען בײַ אים אומגעקומען אין אַ מגיפה. און צעקרעכצט זיך מיט דעם מאמר: „בעוון ביטול תּורה בניו של אדם מתים כּשהם קטנים”, צוליב דעם מענטשנס חטא פון ביטול־תּורה, שטאַרבן בײַ אים די קינדער קליינערהייט...

אין אַ ספר קוקט נאָך אַלץ ניט דער רב. אָן אַ זײַט אויף די פעדער מיט די כּתבים. ווידער פּאַרקוועטשט די אויגן, אין טיש אײַנגעשפּאַרט די ברוסט, און דער קאָפּ צעשאָקלט זיך פון אַקסל צו אַקסל מיט אַ מוטיקן גמרא־ניגון:

— חזר הקדוש ברוך־הוא על כּל מידות טובות ליתּן לישׂראל ולא מצא אלא עניות...

פון די אַלע מידות טובות הייסט עס, וואָס גאָט האָט דורכגעזוכט צום שענקען זײַן פאָלק ישׂראל, האָט ער נאָר אײַנגעפונען די אָרעמקייט... פון דעם מאמר־חז״ל וואָס לוקניק הערט, ווייס ער שוין אַז דער רב איז בײַ זײַן מסכתּא. יאָרן ווי ער האָט זיך אויסגעקליבן די מסכת חגיגה און האַלט זי אין איין אײַנחזרן אויסווייניק און גרינטלעך מסביר זײַן יעדן וואָרט. דאָס טוט ער לויט אַן אַלטער עצה נאָך פון דעם ווילנער גאון, געהאַט גערעדט האָט דער גרויסער צדיק מיט זײַנע תּלמידים וועגן דעם יום־המיתה, און וואָס קאָן דער מענטש טאָן צו זײַן ערשטן דערשײַנען דאָרטן אויפן הימל. האָט דער גאון געגעבן אַ משל. איינער קומט פון אַ לאַנגן וועג אַהיים. אין זײַנע פּעק קאָנען זיך געפינען די בעסטע מתּנות. אָבער איידער מען עפנט דעם גאַנצן באַגאַזש און מען קלײַבט פונאַנדער, ווייס מען נאָך גאָרניט וואָס דער גאַסט האָט מיטגעבראַכט. דער קלוגער האַלט אָבער אין זײַן האַנט גרייט איין קליינע שיינע מתּנה. ווערט ער באַלד מיט זײַן באַווײַזן זיך וואַרעם אויפגענומען... כּך, אַז נאָכן טויט קערט זיך די נשמה צוריק אין הימל. קאָן טאָקע זײַן אַז בײַם פונאַנדערקלײַבן די אַלע מעשׂים פון דעם מענטשן בחייו, אויף דעם עולם־התּחתּון, וועט דער בית־דין־של־מעלה געפינען בערג גאַנצע מיט תּורה און מיצוות. אָבער וואָס־ווען, איז תּכליתדיק אַז מיטן באַווײַזן זיך פאַר דער פּמליה־של־מעלה, האָט מען שוין־גרייט אַ גוט אײַנגעחזרטע מסכתּא. און טאָקע באַלד אָפּגעזאָגט, בשלימות, מיטן ריכטיקן הסבר, באַקומט מען דאָך עפּעס אַ קבלת־פּנים!..

זיס און זויער

— אַ גלאָז טיי, רב רפאל, וועט איר ווידער טרינקען.

די רביצין האָט שוין אויפגעכאַפּט אַז איר מאַן, דער רב, נעמט זיך רירן פון די ספרים און פּאַפּירן אויפן טיש און גייט צו דעם עסן וואָס שטייט פּאַר אים גרייט אין אַ צווייטן צימער. איילט זי זיך מיט דער טיי אָפּצוהאַלטן רפאל לוקניקן. קאָנען וועט ער שוין באַלד, דער ראש־הקהל, ריידן ברייטער מיטן רב אין שטאָטישע ענינים. ברענגט זי אויך אַ צובייס.

— איר זייט דאָך ניט געגעסן. אַז דער מאַן אירער קאָן זיך ביים רב פאַרזיצן, ווייס אייער ריקל...

— אַ דאַנק. נאָר טרינקען, עסן אָבער ניט; צוליב דריי טעמים — און אַז טאַקע געגנוי דריי, נעמט לוקניק מיט אַ תמימות ציילן אויף די פינגער — איך האָב אַ שטוב, איך האָב אַ ווייב, איך האָב מורא...

מיט זיין חכמה וועגן דער ווייב וויל עס לוקניק אַ ביסל אַמוזירן דער רביצין. חברטעס זיינען די ביידע פון דער יוגנט. און היינט, אַז איינע איז די פרוי פון שטאָט־רב און די צווייטע אַ גבירטע און איר מאַן איז דער ראש־הקהל, גייט אָן ביי די ביידע מיוחסות אויך ווייטער די פריינדשאַפט. די רביצין טראָגט אָבער אַ האַרץ אויף זיין ריקלען, און אָט הערט ער עס אַרויס פון נאָך אַ זאָג:

— אַ ביסל מילך, רב רפאל? איר זייט דאָך ניט פליישיק.

— פליישיק איז ריקל — טוט ער ווידער צוליב דער רביצין וואָס ווייס שוין לוקניקס ווערטל, אַז זיין ווייב איז שטענדיק פליישיק, ווייל זי האַלט אין עסן איר מאַנס האַרץ און לונג...

מיט אַ האַלבן מויל שמייכלט אונטער די רביצין. די ווערטלעך זײַנע, ווייס זי, וואַרפט לוקניק טאַקע אויך אין בײַזײַן פון דער ווײַב, וואָס נעמט דווקא אָן פאַר גוט און לאַכט אויך דערבײַ... אויף דעם וווּנדערן, פאַרוואָס לאָזט זיך אַ פרוי אַזוי באַליידיקן פון איר אייגענעם מאַן, האָט ריקל געגעבן איר, דער רביצין, אַן ענטפער גאָר אַזאַ:

— איז אַ מאַן געבענטשט מיט שאַרפזין און קאָן אויך פּיקחותדיק שאַפן אַ ווערטל, מעג זײַן ווײַב מיט אים שטאָלצירן און אָנקווועלן, ווען אַפילו די חכמה גייט אויפן חשבון פון איר אַליין, יע, פון דער אייגענער ווײַב...

אַז מיט אַזעלכענע ווערטער האָט ריקל בפירוש געמיינט צו שטעכן, איז גוט קלאָר דער רביצין. אין די גבירישע אויגן פון אָט דער גרויסער סוחרטע איז דער רב ניט מער ווי אַ בטלן און אַ לעמעשקע, און זי, די רביצין, געוויס אַ לא־יוצלח, און אפשר אויך אַ גאָרנישט... ווייס זי אָבער, די רביצין, דעם ריכטיקן גרונד וואָס לוקניק ווערטלט זיך וועגן זײַן פרוי. אַ יונגע אלמנה איז ריקל געווען. האָט זי געפאָלגט די עצה פון פּראַקטישע מענטשן און חתונה געהאַט מיט אַן אָרעמען ישיבה־בחור רפאל לוקניק, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ גוטן קאָפּ און געזונטן שכל, און אויך מיט שאַרפזין. די פרוי האָט אָבער באַלד געזען אַז איר נײַער מאַן זאָל האָבן אויך וועלטלעכע בילדונג. באַזונדערש האָט זי געטאָן אויף אַרײַנפירן אים אין די געשעפטן וואָס זי האָט געהאַט בירושה פון אירע עלטערן. פאַר לײַטן האָט זי אים אויך גענומען באַקרוינען ווי דעם אמתן בעל־הבית פון דער פירמע. אַ קליִענט אַז ער האָט זיך געדונגען ווענן מקח אָדער געוואָלט אײַנשטעלן די צאָלונגען מיט וועקסלען, און ווער עס איז געקומען ווענן אַן אָפּמאַך — פאַר די און נאָך אַנדערע פלעגט זײַן ריקלס ענטפער:

— איר מוזט ריידן מיט דעם הערן לוקניק אַליין; ער נעמט אויף דאָ אין קאַנטאָר — און באַלד איז צום אים דורך אַן משרת געלאָפן אַ צעטעלע, וואָס צו ענטפערן...

אַז די ווײַב האָט עס לוקניקן, ווי מענטשן זאָגן, אויפגעבויט, געדענקט מען נאָך אין שטאָט. די רביצין אָבער ווייס אַז די ריקל וואָס איז בטבע אַ קאַפּריזנע און אַן עקשנטע, האַלט זי זיך נאָך היינט בײַ אירן אַ פּרינציפּ — דערציִען דעם מאַן. בייזערט זי זיך אָפּט און וויל זיך מיט אים נאָכאַנאַנד פאַרשאַפן. ער אָבער פאַרשוויַיגט כסדר, און דאָס פאַרשטיקטע געמיט דערטרינקט ער אין אַ צוגעטראַכטער הלצה, אַ ווערטל... און ריקל וואָס זיצט דאָס רוב אויך דערבײַ ווען איר מאַן וואַרפט די קאַטאָוועסן, איז זי גענוג קלוג אויף ניט אַרויסווײַזן אַוועלכן סימן פון צו זײַן געטראָפן. אויפגעלייגט פון דער פיקחות, לאַכט זי געשמאַק צוזאַמען מיט די אַנדערע.

דעם שלום־בית בײַ די לוקניקס האָט מען שוין געקענט אַרויסהערן באַלד נאָך זייער חתונה. אין רימען זײַן ריקלען פלעגט ער אָפּט אויך געבן כיטרע אַ מורמל:

— אַלץ וואָלט געווען גוט מיט מײַן ווײַב, נאָר זי מישט זיך מיר אין קיר...

פלעגט דערבײַ אַ פאַל טאָן צו אים, ווי געוויינלעך, די פראַגע, צי העלפט ער דער ווײַב יע־אַמאָל אין שטוב?.. איז ער שוין מיט אַ מעשה. געבעטן האָט אים זײַן ריקל אַ גלאָז קאַפע. קאָכט ער אויף וואַסער, שיט אַרײַן קאַפע גענוי די מאָס וואָס זי איז געוווינט, און אויך מילך און צוקער מיט אַ לעפעלע גרייט אין גלאָז. גיט זי אַ זופּ און שרײַט אַז ניט זיס. ווײַזט ער איר אויף דעם לעפעלע; אַ מיש נאָר. איז זי מיט אַ גוואַלד:

— פאַרשקלאַפן די ווײַב וואָלט ער וועלן, נאָר איבער איר קאַמאַנדירן!

געוווינט איז שוין ריקל צו הערן, ווי אין אויסרעכענען די מעלות פון זײַן ווײַב פאַרגעסט ער ניט נאָך צו געבן אַ ווײַז אויף איר:

— יע, און יונגערהייט האָט זי זיך געהאַלטן פאַר אַ שיינע...

לעצטנס האָט זיך בײַ לוקניקן אויפן פנים געמערקט אַ בלאַסקייט.

פרעגט אים די רביצין וועגן זײַן קו־הבריאות. פֿאַרקוועטשט ער אַן אייגל:

— וואָס איך מאַך? זיך נאָר פֿאַרצושטעלן, אַז צוליבן געזונט האַלט איך זיך אָפּ שוין דרײַ טעג פֿון קריגן זיך מיט דער ווײַב; איז עס אַ לעבן?..

דאָס קריגן זיך פֿון מאַן־און־ווײַב קומט אויס לוקניקן אַפֿילו ווי אַ מין עיקר אין צוזאַמענלעבן. געקומען איז צו אים אַ פֿאַרפֿאַלק זיך געזעגענען פֿאַר אַ לוסטרײַזע, האָט די פֿרוי לוקניק זיי געווּנטשן אַ גליקלעכן וועג און זיך גוט פֿאַרברענגען. אָבער לוקניק גיט צו:

— און איר זאָלט האָבן כּוח דורכן גאַנצן וועג זיך צו קריגן...

— ווי ריכטיק! — האָט אויסגעשריִען די פֿרוי — אַז שוין בײַם פּאַקן דעם ערשטן טשעמאָדאַן האָבן מיר זיך געאַמפּערט.

האָט טאַקע ריקל גראָד ניט לאַנג צוריק זיך צערעדט וועגן אַ נסיעה — אָבער נאָר זי אַליין. אָט ענדיקט זיך די מילחמה, האָט זי גענומען פּלאַנירן, וועט זי שוין קאָנען פֿאָרן מיט אַ באַזוך צו אירער אַ שוועסטער אין ריגע. און באַלד צום מאַן מיט אַ פֿראַגעלע:

— ווערסטו פּטור פֿון דײַן ווײַב אויף אַ חודש אַ גאַנצן; האַ, וויפֿל איז דאָס ווערט?..

— אויף אַ חודש אַ גאַנצן פֿאַרט אַוועק די ווײַב... — חזרט איבער לוקניק מיט אַרײַנקלער — אויף אַ חודש אַ גאַנצן, וויפֿל דאָס ווערט?... אַהאַ, בכלל ניט אָפּצושאַצן!..

און וועגן אַ ווײַב בכלל האָט לוקניק גראָד די טעג געוואָרפֿן אַ וואָרט. אַן עלטערער אַלמן האָט זיך בײַ אים אין שטוב מיישב געווען וועגן חופּה האָבן. אין צורײדן אים דריקט זיך אויס לוקניק:

— מאָלע וואָס אַ ווײַב קאָן דיר ניט אײַנשפּאָרן! אָט טרינקסטו טיי, און עס פֿעלט צוקער; נאָר אַ קוק אויף דער ווײַב, איז דיר זיס. ניטאָ אויך קיין לימאָן, ווידער אַ קוק, און שוין זויער...

די שפּאַסערײַ לוקניקס איז ממש ניט סובל רב אביגדור, דער שטאָט־רב, וואָס זעט אין לצנות דעם אש־גיהנום. ניט איין מאָל

האָט ער שוין פאַר ידידים פאַרטרויט, אַז די קלות־דעת פון דעם ראש־הקהל קען ברענגען צו אַן איבערקלער, צי איז ער בכלל ניט קיין קל; און זײַן יראת־שמים איז עס גאָר למראית־עין, נאָר אויסערלעך... היט ער זיך טאַקע, לוקניק, פון אַרויסברענגען פאַרן רב אַפילו אַ ווערטל סתם. ניט אָבער פורים. לשם דער שימחה פון דעם גרויסן נס איז דאָך אַ ייִד מחויב אַפילו אָנצושיכורן זיך גאָר שטאַרק. קוקט אויס דער רב אין דעם טאָג אויף זײַן ראש־הקהל. אָט ער איז אים יעדן יאָר אַ הילף אין מקיים זײַן די מיצווה צו זײַן פריילעך. צוזאַמען מיט לוקניקן קומט זײַן ווײַב. און צו דעם שיינעם שלח־מנות, וואָס זי גיט איבער דער רביצין, טראָגט ער צו דעם רב אַ קאַטאַוועסל. איין פורים האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט ווי צו אַ דין־תורה מיט אַ טענה:

— מײַן ווײַב וויל גאָר שוין ניט אויף פורים קיין המן־טאַשן! טאַשן, האָט זי זיך אַרומגעזען, פעלן איר ניט. אַחוץ אַ האַנטטאַש זײַנען טאַשן בײַ איר אין די בגדים. האָט זי גענוג טאַשן; און מײַן מאַן, טענהט זי, איז אַ המן!..

פאַריקן פורים, ווען די פרוי לוקניק האָט צוגעטראָגן דער רביצין דעם שלח־מנות, האָט איר מאַן אַוועקגעלייגט אויפן טיש אַן אַלטן פּאַפּיר און זאָגט צום רב:

— די חתונה־כּתובה פון מיר מיט מײַן ווײַב. בעט איך, דער מרא־דאתרא זאָל מיר באַשטעטיקן אַן אָפּשריפט.

— וואָס מיט אַ מאָל? און דווקא פורים? — ווונדערט זיך דער רב.

— דער מענטש ווייס דאָך ניט זײַן לעצטן טאָג... — פאַרגלאָצט לוקניק אויף אויבן די אויגן און צעשאָקלט זיך ווי מיט דאגה און טיפן ציטער — נו, מוז מען זיך דאָך שטעלן פאַרן בית־דין של מעלה... וועט דער אָפּשריפט ווערן מיטגעגעבן אין אויסריכטן מיך. און אַז אין הימל דערזעט מען, ווער איז געווען די באַשערטע פון דעם ניפטר; און ווערדליק די יאָרן פון דער כּתובה איז ער ריכטיק אויסגעשטאַנען אַ לעבן — פּירט מען מיך גלײַך אין גן־עדן!

באַלד אָבער איז דאָס בגילופינדיקע פּנים פאַרלאָפן ווי מיט איבערקלער און דאגה:

— איך קום דאָרט אויבן, מען פירט מיך אין גן־עדן... אָבער קאָן זײַן אויך געמאָלט, אַז נאָך ניט געענדיקט די לוויה, אַהאַ, אַ באַקאַנט קולכל רײַסט זיך אין דער טיף אַרײַן, און מיט באַפּעל: געגנוג מיט די פוילע שטיק, אַרויס!.. איז אָט די „אייביקע רו״....

אַ צי לוקניקן בײַם אָרעם גיט אים אַ הייב פון טיש, און דאָס באַקאַנטע קולכל אויך מיט באַפּעל:

— גענוג אויף הײַנטיקן פּורים!

און אַז טאָקע נאָר אין אַזאַ טאָג קאָן ער זיך אַפילו בײַם רב דערלויבן מיט אַזעלכענע חכמות, איז אַרויסצוהערן פון לוקניקן בײַ דער טיר — אין זײַנע ווערטער קלינגט אויך איבערבעט:

— אַ גוטן פּורים, רבי; אַ גוטן פּורים, רביצין; אַ גוטן פּורים!

אבינו מלכנו

— אבינו מלכנו, און די אַנדערע הוספות, אָבער נאָך ניט אויפהערן!

צוריק איז שוין רב אביגדור פון זײַן איבערבײַס אין צווייטן צימער. די רייד זײַנע גייען עס צו רפאל לוקניקן, דעם ראש־הקהל, וואָס האָט אים, דעם שטאָט־רב, געהאָט געבראַכט דאָ פריִער די בשורה, אַז די וועלט־מילחמה איז שוין געענדיקט. וואָרנט ער עס איצט, רבֿ אביגדורן, וועגן די תּפילות וואָס ער האָט דורך די מילחמה־יאָרן מתקן געווען צו זאָגן אין די בתּי־מדרשים. אין חשש איז ער, אַז פון גרויס שימחה וואָס די מילחמה אין געענדיקט, זעט שוין דער עולם אַ סוף פון די אַלע אַנשיקענישן אויף די ייִדן פאַר דער לעצטער צײַט; וועט מען נעמען מבטל מאכן די צוגעגעבענע תּפילות!

כאַפּט זיך שוין ניט לוקניק יעדע ווײַלע צו דער גראָבער קייט וואָס ציט זיך יוסט איבער זײַן בויך צו דעם זייגערל אין וועסטל־קעשענע, און קוקט ניט אַרײַן די צײַט. געדולדיק מערקט ער ווי דער רב נעמט זיך פאַרטיפן אין אַ פּאַפּיר, און צעלייענט זיך אַפילו אויפן קול. אַ שאלה־בריוו צו אים פון אַ דערבײַיִקן רב רעדט פון אַ דאָרפגייער וואָס שוין איבער פינף יאָר ווי ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אויפן וועג מיט זײַן סחורה דורך אַ וואַלד, און באַוווּסט איז יענער מקום מיט גזלנים. ווערט פון דעם גדול־בתּורה געבעטן אַ תּשובה, צי איז מותּר דער פּרוי פון דעם נעלם, די עגונה, חתונה האָבן?.. לוקניק איז אָבער באַשלאָסן פאַרט ניט אָפּצולאָזן הײַנט רב אביגדורן. ווי דער מרא־דאתרא

האָט ער דאָך אַ וואָרף געטאָן צו אים די וואָרענונג וועגן די תּפילות פון דעם גאַנצן קהל, מעג ער, ווי דער ראש־הקהל, אויך זאָגן דערבײַ אַ וואָרט. און אין די רייד וועט ער אָבער זען אַרײַנצושנירלען אויך פון די מחשבותן וואָס דריקן אים וועגן די דרכים און התנהגותן טאַקע פון דעם מרא־דאתרא אַליין. אַרויסברענגען וועט ער בעיקר קהלשע ענינים — צאַפּלדיקע, ברענענדיקע.

— רבי, מיט אײַער אבינו מלכנו דערמאָנען זיך אַזוי דײַטלעך יענע טעג פון אָנהייב מילחמה...

דער גרויער קאָפּ, קוקט זיך צו לוקניק, הייבט זיך פון דעם פּאַפּיר. אויך דאָס שטריקל וואָס דינט די ברילן אַנשטאָט דער צעבראָכענער האַלאַבליע, דרייט זיך אָפּ פון דעם האָריקן אויער. געווענדט זײַנען שוין רב אביגדורס צעבריטערטע אויגן און גאַנצער געהער צו די דערמאָנונגען אין לוקניקס מויל.

אַ פּאָלק קאָזאַקן זײַנען אָנגעקומען אין שטאָט גלײַך בײַם אָנהייב מילחמה, טאַקע אין דעם טרויערטאָג פון תּשעה־באָב. פינצטער זײַנען געוואָרן די גאַסן דורך דעם שײַנדל און שטאָלץ פון דער רוסישער אַרמיי. שלאָגן און ראַבירן האָט מען גענומען די ייִדן. איז ער, דער גבאי, געקומען צו רב אביגדורן, דעם מרא־דאתרא, און גערעדט וועגן גיין צום מיליטערישן קאָמענדאַט. ער, לוקניק, און צו אים נאָך צוויי חשובע בעלי־בתּים וואָס זײַנען שטאַרק אין רוסיש, וועלן איבערגעבן דעם אָדון אַ בקשה צוזאַמען מיט אַ סומעלע, אַ מינחה לעשיו... האָט ער דעמאָלט אויסגעהערט, דער רב — דערמאָנט אים איצט דער גבאי געניוי — און נאָך אַ לענגערן טראַכטן געלאָזט הערן זײַן וואָרט. פון מאָרגן אָן, האָט ער געזאָגט, וועט יעדן טאָג אין דאַוונען ווערן צוגעגעבן די תּפילה אָבינו־מלכּנו. און באַלד דערבײַ אויך געהאַט פּאַרטרויט, אַז ער האָט בדעה אויסצורופן אַ תּענית־ציבור.

די צונג שוין ניט אַזוי געבונדן, גייט איצט לוקניק ווײַטער מיטן דערמאָנען דעם רב פון זײַנע התנהגותן אין די מילחמה־יאָרן. ער האַלט זיך אַפילו ניט אָפּ, דער גבאי, פון נאָכצומאַכן

די תּנועות, ווי ביי יעדער פרומער תּקנה פלעגן זיך ביי רב אביגדורן פאַרריסן די אויגן צום הימל, און די שטים וויינענדיק:

— בעוונותינו הרבים, עת צרה ליעקב... תּשובה טאָן, תּשובה!.. אולי ירחם...

די צרות האָבן אָבער ניט אויפגעהערט — גיט רב רפאל אַ מיש אויף ווידער אַ בלעטל פון יענע טעג. מיט זיין לעצטן זופּ פון קאַלטן טיי, צערעדט ער זיך פון דעם מוראדיקן בילבול. די ייִדן שפּיאָנירן לטובת די דייטשן, האָבן די רוסישע קאָמאַנדירן זיך געהאַט צעטענהט, און אַריינגעוואָרפן די שטאָט אין גרויל. פּאָגראָם און גירוש זיינען געהאַנגען איבערן קאָפּ. ביי דער פּורעניות איז עס פון רב געוואָרן איינגעפּירט, צו זאָגן מאַנטיק און דאָנערשטיק אויך סליחות... און אַז דער פראָנט האָט זיך ממש דערנענטערט צו דער שטאָט, מיט די באָמבאַרדירונגען און שׂריפות — האָבן ייִדן אַ שטראָם געטאָן צום רב. געוואָלט האָט מען הערן וועגן פאַרלאָזן די געגנט און זיך ראַטעווען פונעם פייער. האָט דער רב ווידער גוזר געווען אַ תּענית. מענטשן זיינען אָבער אין דער בהלה געלאָפן, און אַ סך פון זיי נאָך פאַרוואָגלט אין מרחקים איבער רוסלאַנד.

ריידן נעמט לוקניק פאַרן רב אויך וועגן די צרות וואָס די שטאָט שטייט אויס פון די דייטשן. אַרויסגעטריבן האָבן זיי די רוסן און זיצן דאָ נאָך. דערמאָנט ער ווי די נייע הערשער האָבן אין זייערע אַלע פאַרנומענע ערטער באַלד גענומען רעקווירירן און קאָנפיסקירן עסנוואַרג און בכלל סחורות. אַפילו ברויט צום קויפן, זיינען געוואָרן איינגעפירט קאַרטעס. און די יד־חזקה זייערע אויף יעדן טראָט; כּסדר שטרענגע באַפעלן און פאַראָרדענונגען. אָפּגעשלאָסן איז געוואָרן יעדער איינער אין זיין וווינאָרט און טאָר ניט אַרויספאָרן פון דעם באַשטימטן תּחום. האָבן די באַגרענעצונגען און גזירות אָנגעבראַכט דחקות, הונגער און מגיפות... דערוועקט האָט זיך באַזונדער דער רב, ווען זעלנער האָבן גענומען כאַפּן יונגע מענטשן און זיי אָוועקשלעפּן אויף צוואַנגאַרבעט, און ניט

איינער איז ביי דער עבודת־פרך אומגעקומען. אויף אַט דער צרה האָט עס דער רב באַפוילן צו זאָגן יעדן בין־מינחה־למעריב דריי קאַפּיטלעך תּהילים.

מיט זיינע רייד איז שוין דער גבאי אַט־אָט ביי זיין אָנגעמערקטן ציל. ווערט ער גאָר שטאַרק אַפּגעהיצט און באַרעכנט ביי יעדן וואָרט:

— אַז די מילחמה, רבי, און אַזאַ מילחמה, האַלט שוין בײַם סוף, קומט איצט אָן, קען מען זאָגן, אַ נייע תּקופה. מוז זיך דאָך קהל נעמען פעסט ביי דער אַרבעט. מוסדות זײַנען חרוב געוואָרן, פּרנסות אונטערגעגאַנגען, און דאָס אָפּבויען זיך פון די שׂריפות!.. און גאָר וואָך מוז מען אין אַזאַ צײַט שטיין אויף דער שמירה פון כּלל, באַזונדער אין די ענינים פון ייִדישקייט. אויפלעבן די ייִדישקייט, מחזק זיין דעם עולם אין רוחניות, און טאַקע ברוח הזמן, אַנדערע צייטן...

אַ וואַלד קנייטשן צעוויגן זיך איבער דעם רבס שטערן, און זיינע ווערטער פאַלן מיט אַרײַנדרינג:

— אויפלעבן ייִדישקייט... וואָס, אָפּגעלעבט, חס־ושלום?.. ייִדן דאַוונען שוין ניט. היטן ניט דעם שולחן־ערוך?.. ברוח הזמן... אַן אַנדער תּורה, חס־ושלום!.. יע, וואָס שייך מחזק זיין ייִדישקייט. מוסרן מער דעם עולם, דאָס קאָן בכלל קיין מאָל ניט שאַטן... הײַנט וויל איך אָבער גאָר באַזונדער וויסן, וואָס טוט אונדזער קהל מיט דעם קלײַבן באַגלייביקע ידיעות וועגן די היגע ייִדן וואָס זײַנען אַוועק אין מילחמה און מען הערט ניט פון זיי?

דער גבאי ווייס פון דער מורא וואָס לאָזט דעם רב ניט רוען. אַ שרעקלעך געפיל פּײַניקט אים, דעם מרא־דאתרא, וואָס ביי אים איז קהילה קאָנען נאָך חלילה בלײַבן מילחמה־עגונות. מוחל זיין קאָן ער זיך ניט, וואָס אין די ערשטע טעג פון דער מילחמה האָט ער פאַרקוקט אַ גאָר הארבן ענין. ניט געהאַט אײַנגעפאַלן איז אים דעמאָלט צו פאָדערן פון די געוזופענע מענער אַ תּנאַי־גט פאַר זייערע ווײַבער. וואָלט יעדער מאַן וואָס איז אַוועק אין

מילחמה איבערגעלאָזט אַזאַ גט, וואָלט דאָך די פרוי זײַנע געמעגט חתונה האָבן אָן שאלות און ספיקות, אויב ער קערט זיך ניט צוריק — און זי בלײַבט ניט קיין עגונה... פּרוּווט אים לוקניק באַרוּיִקן:

— רבי, די מילחמה ענדיקט זיך, די וועלט וועט אם־ירצה־השם ווערן אָפן, וועט לײַכטער זײַן מיטן דערגיין וועגן די מענער.

— די תּמיכה לכל־הפּחות אָנהאַלטן פֿאַר די עלנטע מישפּחות, און בעין־יפה, ברייטהאַרציק — קרעכצט אָפּ רב אביגדור, און איז שוין מעורר וועגן נאָך הילף — קהל טאָר אויך ניט פֿאַרגעסן די געבאַפּטע צו דער צוואַנגאַרבעט, וואָס זײַנען לעצטנס צוריקגעקומען אָפּגעשוואַכטע. און פֿון רוסלאַנד נעמען זיך קערן די פּליטים; און די סאָלדאַטן וואָס זײַנען שוין ברוך־השם געקומען פֿון דער מילחמה, ניט פֿאַרגעסן זיי.

— די צוריקגעקערטע סאָלדאַטן און די פּליטים, פֿאַרזעענע נעבעך... — צעשמייכלט זיך ביטער דער גבאי — אוי, לאָזן זיך אָט די חברה הערן, גוט הערן און פילן!..

חורבן המוחות

דער רעגן וואָס האָט זיך האַרבסטיק צעבושעוועט איבער דער גאַס און ווילד געשמיסן אין די שויבן — שטילט לוקניקן און וואָרנט פון אַ האַסטיקן וואָרט. ער וויל שוין אָבער אויך זען אַ מילדערן אויסדרוק איבער דעם רבס פּנים וואָס איז אַלץ אָנגעגאָסן מיט קפּידה. נעמט ער זיך ווי לאָבן מיט דעם אַריינטייטש אין גמרא וועגן דעם אויסגאַנג פון דער מילחמה, וואָס רב אביגדור האָט געהאַט דאָ פריִער געזאָגט און דערביי ממש געשטראַלט פון זיין אייגענעם איינפאַל.

— מחריבין... אַ רעיון נפלא האָט דער רבי היינט מגלה געווען וועגן דייטשלאַנד וואָס האָט פאַרלאָרן די מילחמה. אָט די גרממיה של אֱדום, וואָס אין פּלוג, ווי די גמרא זאָגט, מחריבין כּל העולם כּולו... חריפות ליגט טאַקע אין דעם רבינס דערקלער: מחריבין, חרוב מאַכן קאָנען די דייטשן, ניט אָבער מנצח זיין. אַ דערהער אַזאַ טיפער, הפּלא ופלא !..

— אַ חורבן, אַזאַ עונש אויף דער וועלט... — הייבט רב אביגדור די אויגן אויף אויבן — הייזער און מקומות גאַנצע חרוב געוואָרן, און הונגער און מגיפות, רחמנא ליצלן.. קרבנות, קרבנות אָן אַ שיעור !.. עפּעס אַזוינע צוגעטראַכטע כּלי־משחית, לויפן איבער בערג און טאָל, שיסן אויף מיילן ווייט... און אויך ריחות וואָס מען לאָזט אַוועק מיטן ווינט און פאַרסמען אויף טויט... גרויס טאַקע די רחמי־שמים, וואָס צו דעם חורבן נעמט שוין אַ סוף !

לוקניקן קריכן אָבער היינט ניט אין מוח די קאַמפן אַזש ערגעץ אַרום פּאַריז, מיט די טאַנקעס דאָרט, און די „גראָבע בערטעס"

און גיפטיקע גאַזן — נײַע מינים געווער וואָס דער רב האָט זיך אָנגעהערט. אים, דעם גבאי, לויפן פאַר די אויגן די גיפטיקע בליקן וואָס גיבן זיך לעצטנס אַ טראָג אויף זײַן זײַט. און די ריידעלער !.. פּוסטעפּאַסניקעס און אַלערליי הפקרניקעס דרייען זיך אַרום און זיי טומלען און העצן. נעכטן אָוונט האָט זיך בײַ די פענצטער פון זײַן שטוב פאַרקליבן אַ רעדל פון אַט די חברה־לײַט. האָט זיך פון הינטער די לאָדנס דערהערט אַ מין וויכּוח — ווי צו מאַכן אין שטאָט דאָ דעם חשבון מיט די בורזשויעס און ספּעקולאַנטן וואָס האָבן אויסגענוצט די מילחמה־נויט, און בכלל מיט די אַלע בלוטזויגערס... — אויף די סלופּעס צעהענגען ! — שרײַען אויס שטימען. פון דער אַ אידעע צעהילכט זיך אָבער ווער אין רעדל מיט אַ חוזק, אַז גאָר ניטאָ אַזוי פיל סלופּעס. און ער פּסקנט — נאָר צום וועגטל, אָפּקנאַקן !..

קוקט לוקניק ווי מיט קינאה אויפן רב, וואָס שוועבט זיך אין זײַנע עולמות־עליונים. קיין השגה אַפילו ניט, אַז אַ וועלט קערט זיך היינט און שלײַדערט זיך... זאָל ער אָבער אַ ביסל כאַטש יע וויסן !

— מחריבין, האָט דער רבי געזאָגט, און מיט צער דערמאָנט דעם חורבן וואָס די מילחמה האָט אָנגעמאַכט... דער אמתער חורבן, רבי, נעמט זיך ערשט צעפּלאַקערן, און די סכּנה ניט דער ערך, מאַוימדיק... אַ חורבן־המוחות, רבי ; מענטשן האָבן פאַרבראָכן מיטן דרך־הישר, זיך אַוועקגעלאָזט אין הפקרות, באַגייען מעשׂים תּעתּועים. אַל תּפתּח פּה לשׂטן, אַ העלישער פײַער אויף דורות !..

שוין לענגער ווי דער רב האָט גענומען הערן וועגן אַ מרידה אין רוסלאַנד. אַ גאָר גרויסע איבעקערעניש ; און געהערט אויך, אַז מורדים זאָלן האָבן אַוועקגעהרגעט דעם קייסער... מויל און אויערן צעעפנט, הערט ער אָט פון גבאי, אַז די מגיפה פאַרשפּרייט זיך ווײַט ווײַט איבער דער וועלט, און פילט זיך שוין דאָ אין שטאָט. גאָר גרויסע חכמים, זאָגט לוקניק, האָבן זיך באַוויזן טאַקע אין דעם המון פּליטים און באַפרײַטע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען עס

אַרונטערגעקומען אַהער פון דער סאַמע רעוואָלוציע. מומחים גוואַלדאָוונע זײַנען אָט די מיט אַ מאָל געוואָרן אין דעם גאַנצן סדר־עולם, ווי מדינות דאַרפן זיך פירן, און זיי ווייסן נאָר צו לויבן די נײַע פאַראָנדקעס פון רוסלאַנד. די אַלע אַנדערע מלוכה־אָרדענונגען זײַנען זיי מבטל בתּכלית הביטול. שטייט שוין אַזאַ אספסוף גרייט מיטצוהעלפן אין פאַרכאַפּן די הערשאַפט אויך אין אונדזער געגנט, נאָך איידער די דײַטשן רירן זיך אַרויס. להוט זײַנען אָט די חברה־לײַט צו זען אויך בײַ אונדז זייער האַרציקע מלוכה־אָרדענונג, דעם תּוהו־ובוהו וואָס הײַנט אין רוסלאַנד און די שליטה דאָרט פון דער אכזריותדיקער הפקרות. גאָרניט ווילן זיי הערן פון דעם אמתן רצון בײַ די אַלע־אַלע תּושבים אין די שטעט און אין די דערפער פון אונדזערע מקומות; גאָר גוט ווייסן זיי, אַז די אָרטיקע אָנפירער טוען שוין לענגער וועגן אַן אייגענער ממשלה. און אַז קהל, די ייִדישע אָנפירערשאַפט, האָט דערבײַ טאַקע אויך וואָס צו זאָגן — לאַכן זיך אויס אונדזערע הפקר־יונגען. גיב זיי איבער אין האַנט די הנהגה אויף דער ייִדישער גאַס!...

— פּאָ־פּאָליטיק... — האַקט איבער רב אביגדור מיט אַ פאַרפּלאָנטערטער צונג — קיין מאָל מיש איך זיך ניט אין די דרכים פון מלכות.

— ניין, ניין! — כאַפּט זיך דער גבאי אַז ער איז צו ווײַט אַוועק אין זײַנע רייד — עס גייט, רבי, אין ייִדישקייט... אַ גרויסע סכּנה פון די הפקרניקעס, אָט זייער השפּעה!.. מיט די צינגעלער זאָגן זיי צו גאָלדענע בערג, און כאַפּן אַרײַן אין זייער נעץ דעם המון, און ראשית־כּל דערווײַטערן זיי די מענטשן פון ייִדישקייט; זיי לאַכן דאָך אויס פרומקייט און לעשן אויס אין דעם ייִדן יעדן פונק פון יִראת־שמיים... אין אַזאַ צײַט מוז דער רב טאָן! זײַן דער עומד בפּרץ, זיך שטעלן אין דעם בראָך, אָפּצוהאַלטן מיט זײַן השפּעה; טאַקע אונטערהייצן די מענטשן מיט אמונה, גוט־גוט אַ וואַרעם טאָן... דער רבי פלאַמט דאָך מיט פײַערדיקן גלויבן!..

אַ ריס גיט זיך רב אביגדור פון טיש, פון שטול. מיט אַ כאַפּ נעמט ער אַרונטער דאָס קאַלירטע פּאַטשיילקע וואָס ליגט איבער די בלעטער אין זײַן צעעפנטן ספר, און פאַרמאַכט אים אין גאַנצן. לוקניק קוקט אָן ווי ער צעשפּרײַזט זיך הין־און־הער, אין מויל אַרײַן קערט ער די באָרד און קנײַפּט ביטער די האָר.

— אונטערהייצן זאָל איך, וואָרעמען, משפּיע זײַן... און אויף מײַנע אייגענע, די זין ?.. אַז איז שטוב זאָל זײַן אַ וואָרעמקייט פון צוואַנציק גראַד, מוז דער אויוון אַליין זײַן אָנגעהייצט לפּחות אויף פערציק גראַד... ווייס איך דאָך שוין, וואָס פון מײַן יעקבן, דעם בכור, איז געוואָרן; זיך אַוועקגעלאָזט מיט דער רעוואָלוציע, און איז געקוילעט. און מײַן משה האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין די ביכער, זיך אָנגעשטעקט מיט פילאָסאָפיע; איז ער שוין אַ פאַרסמטער... רויק קאָן איך הײַנט ניט זײַן אַפילו מיט מײַן משולמען, דעם מיזיניק, וואָס לערנט אין דער טעלזער ישיבה, און האָט דאָרט, ברוך־השם, אַ גאָר גוטן נאָמען. האָט מיר אָבער די טעג אָן איש נאמן פאַרטרויט, אַז בחורים פון דער ישיבה, און מײַנער אויך בתוכם, האָבן צווישן זיך עפּעס אַ חוג, אַ מין חבריה. קלײַבן זיי זיך צונויף און זײַנען זיך מתווכּח און מברר צאַפּלדיקע רעיונות פון דער הײַנטיקער וואַקלדיקער צײַט... שוין בײַ די בני־תורה אויך אַ וואַקלעניש, אַ צאַפּלעניש; השם ירחם !..

אַ געקוילעטער, אַ פאַרסמטער, אַ צאַפּלדיקער... — שטיקט אין זיך לוקניק אַ טיפן שמייכל איבער דעם רבס סך־הכּל פון זײַנע דרײַ זין... האַלט ער זיך שוין אָפּ, דער גבאי, פון דערציילן אים זײַן פּרווו מיט ווילנע. יאָרן ווי ער איז געזעלשאַפטלעך פאַרבונדן מיט די גרויסע עסקנים און גבאים פון אָט דער שטאָט, און נאָך מיט אַ חודש צוריק האָט ער דאָרט אָנטייל גענומען אין אַ באַזונדערער פאַררופענער אסיפה. האָט ער זיך אין דער אַלטער באַרימטער קהילה אָנגעהערט פון די נײַע אַנשיקעניש. רעוואָלוציאָנערע ווינטן האָבן זיך גרויליק צעבושעוועט און פאַרמעסטן זיך חוצפּהדיק אויך אויף די יסודות פון דער ירושלים־

דליטא. מיטן צוריקשטראָם פון רוסלאַנד האָבן זיך באַוויזן אַלערליי טומלער, און אויפגעשוווּמען זײַנען אויך רוויטע חברה־לײַט פון די פריִערדיקע יאָרן, דער עיקר יענע מורדים־במלכות פון 1905. די אַלע העצן און שטורעמען. פסול איז בײַ זיי יעדער איינער פון די בכּבודיקסטע מנהיגים און מיוחסים אין דער עדה, און קנאַקן מיט גיפט אַפילו אויף רב חיים־עוזרן, דעם וועלט־גאון !.. מי שׂמך ? — שרײַען זיי אויף די ייִדישע מנהיגים, און פאָדערן מיט גוואַלדן וואָלן גאָר מאָדערנע צו די קהילות ; די ראשי־הקהל זאָלן ווערן געקליבן דורך יעדן איינעם, אַפילו אַ פּחות שבפּחותים...

שאַרפע קעפּ זײַנען אויף דעם ווילנער צוזאַמענקום אַרויס מיט פּראַקטישע עצות, ווי צו לאַווירן אין אַזאַ סכּנהדיקער צײַט מיט אָט דעם עולם. שטאַרק איז געוואָרן באַטאָנט אַז די רבנים קאָנען אַ סך העלפן בײַם אײַנצוימען דעם צעשפּרוזשעטן ערב־רב... אַ גאָר וויכטיקע רעדע איז דאָרט אויך געווען וועגן דעם אָרגאַניזירן און שאַפן אַ פעסיקע מדינה פאַר דער געגנט, וואָס האָט ביז דער מילחמה געהערט צו רוסלאַנד. איז דערבײַ געוואָרן ברייט אַרומגערעדט דער אָרטיקער געפּלאָנטער פון פעלקער, און ווי אַ צוויי־דרײַ פון די גרעסערע שטאַמען רײַסן זיך יעדע איינער באַזונדער צו פאַרכאַפּן דאָ די גאַנצע געגנט און הערשן נאָר אַליין...

ניין, בײַ דער פאַרלאָרנקייט פון רב אביגדורן, ווי ער איז אין די מינוטן פאַרביטערט פון זײַנע זין — קאָן ער אים ניט, דער גבאי, אַפילו געבן אָנצוהערן וועגן זײַן לעצטער וואַנדערונג צו די ווילנער עסקנים. שוין איבער אַ וואָך ווי ער האָט קיין ווילנע דרינגלעך געשיקט אַ מענטשן מיט בריוו, און וואַרט מיט אומגעדולד אויף עצות פון דאָרט, און בכלל מיטהילף...

ניט אָבער צו זאָגן הײַנט כאָטש איין וואָרט וועגן דעם חוב פון אַ רב צו זײַן שטאָט, צו זײַן עדה — קאָן זיך דער גבאי ניט פועלן. שטעלט ער זיך ניט אָפּ אויף פון אָנצורירן דעם רבס היים :

— חשבונות האָט איר, רבי, מיט אײַערע זין ; ווי אַ פאָטער זײַט

איר אין חשש פאַר זייערע פילאָסאָפיעס, און נאָך דרכים... איר זײַט דאָך אָבער אויך אַ טאַטע פון אַ גאַנצער עדה, אונדזער אב־בתּורה, דער גײַסטיקער מנהיג און מרא־דאתרא... און אַט פאַרלירט אַ המון־עם דעם קאָפּ!.. חוזק ווערט דאָך געמאַכט פון די קדשי־ישׂראל!..

די פּלייצע שוין אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, צעגלעטן זיך אומבאַהאָלפן רב אביגדורס דינע שטראָליקע פינגער איבער די גרויע זײַדענע האָר פון זײַן לאַנגער באָרד. פון דעם מטושטשן שמייכל וואָס איז צעשפּילט איבער דעם אויסגעצויגענעם פּנים, דרינגט לוקניק אַז קיין רייד פון אים וועט ער דאָ ניט הערן. באַוויַיזט זיך אָבער פון קיך די רביצין. און ווי גאַנץ אָפט, איז זי מיט אירן אַ וואָרט:

— דער המון־עם וואָס איר זאָגט, רב רפאל, און די בהלה אַײַערע, אַז די מענטשן זײַנען שוין אַוועק פון ייִדישקייט; נו־נו, סתּם אַ פּיַין ביסעלע גוזמא... אין יענע קאָביקע טעג, וואָס מען רופט 1905, פלעגט מען צו מײַן טאַטן, דעם אַלטן רב, זכרונו לברכה, פלעגט מען דאָ צו אים אַרײַנפאַלן מיט גוואַלדן: די יונגע ווערן מורדים במלכות און כּופרים!.. האָט אָבער דער אַלטער געהאַט זײַן קוק, און רויִק איז געווען זײַן ענטפער. הײַנט בושעווען זיי, פלעגט ער זאָגן, שטיינער וואַרפן די יונגאַטשעס אויף די וואָס גייען אין בית־מדרש. זאָל נאָר פאַרגיין אַ שטיקל צײַט, וועט מען זען ווי די זעלבע קלײַבן זיך בײַ די טירן פון בית־מדרש. שטיין וועלן זיי נאָך אין דרויסן, און ווי פון טשיקאַוועס וועגן אָנקוקן די מענטשן וואָס גייען צום דאַוונען, און זיך אפשר אויך ווערטלען איבער די ייִדן וואָס זײַנען בעלנים צום ווערן אויפגערופן צו דער תּורה און לאָזן זיך קאָסטן געלט פאַר דער עליה... נאָר אָבער געדולד, פלעגט מײַן טאַטע אונטערשמייכלען, גאָר גיך וועט מען אויך זען ווי די געקינצלטע פרײַדענקער רײַסן זיך שוין אין בית־מדרש פאַר אַ בכּבודיקן פלאַץ און חלשן צו ווערן אויפגערופן שישי, אַט די פעטע עליה... יע־יע, פלעגט זיך דער אַלטער אַפילו אַ

חכמה טאָן, די אַ מורדים און אויפגעבלאָזענע כּופרים, אויך זיי וועלן מיט דער צײַט דערקומען צו דעם שישי־עלטער...

— דער אַלטער רב, געווען אַ חכם; באַוווּנדערט האָט מען זײַן פּיקחות, אַפילו אַז מען איז מיט אים ניט געווען מסכּים... — שאָקלט צו דער גבאי מיט פאַרהערלעכער דערמאָנונג.

די פײַנלעכע בליקן פון דער רביצין, וואָס טראָגן זיך פּאַרטײַעט אויף דער זײַט פון איר מאַן, דעם איצטיקן שטאָט־רב — שטויסן אָן לוקניקן אויף אַ לעבן אַ גאַנצן פון אָט דער פּאָר. איר טאַטנס פּיקחות, אָט־אָט, האָט עס משמעות אין איר אַרויסגערופן אַ פאַרגלײַך... אַן ענלעכן בליק אַזאַ פון אָט דער פרוי האָט דער גבאי צום ערשטן מאָל שוין באַמערקט — אויף איר חתונה. דער חתן, וואָס איז פאַרשדכנט געוואָרן פון אַ באַרימטער ישיבה, האָט נאָך דער חופּה אין זײַן דרשה זיך צעפּילפּולט אין אַ האַרב־לומדישער סוגיה פון שד שבא על אשת־איש; אַ שד וואָס איז געלעגן מיט אַ פרוי, צי איז זי נאָך מותּר פאַר איר מאַן, אָדער ער דאַרף זי אָפּגטן...

— אַ שד... אַ קאָזאַק!.. מסתּמא אָט די העלדישע בעל־תּאווהניקעס פון אונדזער רוסישן מיליטער... — איז אין דער משונהדיקער שטימונג בײַם חתונה־טיש געוואָרן אַרײַנגעוואָרפן אַ היימלעכקייט דורך איינעם פון די מחותּנים, דעם אַלטן זשידיקער רב, וואָס האָט צוזאַמען מיט זײַן ביטולדיקן ווערטל אַ צי געטאָן פון מויל די שמאַקצנדיקע פּיפּקע און געגעבן אַ שפּײַ, געדיכט מיט לעבנס־חכמה.

— די פאַנטאַזיעס מיט וועלכע עס לאָבן זיך בחורים באַנקקוועטשערס... — איז שוין איבער די טישן פון דער חופּה־וועטשערע אַוועק אַ ליצנות.

דער באַגראָבענער בליק דעמאָלט פון דער כּלה — פאַרגעסט זיך אים ניט, לוקניקן. ער ווייס אויך ווי דער אַלטער רב האָט געגומען קוקן אויף זײַן איידעם, וואָס האָט עס מיט דער צײַט געדאַרפט פאַרנעמען דעם כּיסא־הרבנות אין שטאָט. צוגעזען האָט

ער די איבערגעטריבענע פרומקייט פון דעם יונגן מאַן, זיין מאַכן זיך אָפּט תעניתים, און די סיגופים זיינע, דאָס פּייניקן זיך; און אַחוץ די ספרים גייט אים קיין זאַך ניט אָן, אַפילו ניט זיין אייגענע פאַמיליע וואָס פאַרמערט זיך און לעבט אין גרויסן דחקות... אָט די התנהגות פון זיין קומענדיקן ממלא־מקום, און דער עיקר וואָס ער איז אויסגעטאָן פון דער וועלט און אַ מסתּפּק במועט — פלעגט דעם שווער אַ סך דערמאָנען דער אַלטער דרך פון באַוווּסטע גדולים אין די פאַרגאַנגענע דורות. אין זיינע שמועסן מיט פאַרטרויטע ידידים וועגן דעם יונגן רב, פלעגט אָפּט דער אַלטער אויך אָפּזיפצן:

— אַ פאַרבלאָנדזשעטער... פאַרבלאָנדזשעט...

אַ צײַט אַזאַ

אַ פינקלדיק אַרײַנשײַן פון רויט־גאָלדענע שטראַלן דורך די פּאַרגאָסענע שויבן, האָבן אין רבס שטוב שטיפעריש אָנגעזאָגט אַז די האַרבסטזון האָט זיך דורכגעריסן דורך די שווערע וואָלקנס, און עס הערט אויף דער רעגן. לעבעדיק איז געוואָרן דער דרויסן און איבער דער גאַס האָבן זיך באַוויזן מענטשן. אַ וואַרעמע לויכט האָט אויך געטאָן אַ שפּאַר מיט דעם עפּענען זיך פון דער טיר. אַרײַנגעקומען איז אַ ייִדענע מיט אַ טעפּל אין איין האַנט און אין דער צווייטער אַ לעפּל. איר שאלה צום רב נעמט גיין מיט אַ פּאַרטיידיקן זיך, וואָס אין מיטן דער וואָך עסט מען שוין גאָר פלייש.

— אַזאַ שׂימחה דאָך הײַנט, די וועלט ווידער אַ וועלט!.. נאָך פּאַרטאָג, אין פענצטער קלאַפּט דער קצב; אַ קאַלב גייט ער קוילען, און לאַכט זיך אויס פון די דײַטשן מיט זייערע פאַרבאָטן!.. און אָט אין מיטן קאָכן, אַ שכן מיט נאָך נײַס. גרויסע טומלענישן אין דײַטשלאַנד. עס ברענט זיי די מפּלה. און אויך אין קאָוונע זיך צעבונטעוועט קאַזאַרמעס און עס איז געוואָרן אַ סאָלדאַטן־ראַט. און מען רעדט, אַז די טעג וועלן ווידער נעמען קומען בריוו פון אַמעריקע, און מיט געלט. וועט מײַן מאַן שוין קאָנען אָפּנעמען מיך אַהין מיט די קינדער!.. אַזוי ראַפּטעם נײַס גרויסע, בשׂורות גוטע אויף גוטע, טאָ ווי זאָל ניט כאַפּן אַ שווינדל? איז די מילכיקע לעפּל מיר אַרײַן אין דעם פלײשיקן טאָפּ...

אומזיסט לוקניקס צעעפנטע אויגן אויף רב אביגדורן. אַרויסהאָבן וויל ער, דער גבאי, דעם רושם וואָס די פרישע ברענענדיקע נײַס האָבן געמאַכט אויף דעם יושב־אוהל. דער רב איז גאָר פאַרטאָן

אין דער שאלה. פּרטים נעמט ער אויספרעגן, ווי הייס איז געווען דער טאָפּ און וויפל פלייש אין אים... איז אָבער באַלד די גאַנצע שטוב אויפגעשטורעמט דורך אַ געלאַף פון גאַס. מענטשן ביַי דער טיר און פענצטער:

— רבי, רביצין, איַיער זון, משה!.. ער איז געקומען מיט מילי דעם בעל־עגלה, וואָס האָט זיך מיט דער פור אָפּגעשטעלט לעבן זיַין שטוב.

באַגריסט אויך לוקניק דעם רב און די רביצין אין זייער פאַרכאַפּטער פרייד. ער גופא, דער גבאי, איז שוין אָבער גאָר אין אַן אַנדער שפּאַנונג. מילי — אים האָט ער דאָך געשיקט קיין ווילנע, און וואַרט עס אין די אומרויִקע טעג אויף זיַין צוריקקער. דער פורמאַן האָט עס דרינגלעך אַוועקגעפירט בריוו פון אים, לוקניקן, צו גרויסע ידידים זיַינע אין דער שטאָט, צו די אַלטע עסקנים פון דער באַרימטער קהילה. ווי ער קוקט שוין אויס אויף דעם ענטפער!.. אויסגעגאָסן האָט ער אין די בריוו זיַין האַרץ וועגן דעם משונהדיקן מצב אין די קהלשע ענינים. פאַרפּלאָנטערטע פּראָגעס שפּרינגען אים לעצטנס אַרויס גאָר האַרב מיט יעדן טאָג. און אַחוץ עצות, ווי דאַרפן ראשי־הקהל האַנדלען אין אַזאַ מטושטשדיקער און צערודערטער ציַיט, האָט ער אויך פאַרלאַנגט צו שיקן אים אַהער עטלעכע פּאַסיקע מיטהעלפער. פּעוּקע חברה זאָלן אָט די זיַין, האָט ער געשריבן, שאַרף קענען אַוועקלייגן אַ רעדע, וואָס זאָל נעמען דעם עולם; און דערצו זיך אויסטויגן אין אָרגאַניזירן דעם המון. וויל ער שוין זען אויך די מענטשן. און אין דעם ריַיזעשיַין וואָס ער האָט מיטגעגעבן מילין, איז פון דעם דיַיטשן קאָמענדאַנט געווען געשריבן, אַז דעם פורמאַן איז צוריקקוועגס דערלויבט מיטצונעמען ביז נאָך דריַי פּאַרשוינען...

אין מינוטן אַרום הערט שוין לוקניק פון דער שליחות. נאָך איידער די עלטערן צערײדן זיך מיט זייער זון, וואָס איז באַלד אַריַין אין אַ צווייטן צימער זיך אַרומוואַשן און איבערטאָן — איז שוין דער פורמאַן אַרויס מיט אַ דרשה אויף דעם גבאי:

— אוי, האָט איר מיך באַגליקט מיט אַ יאַזדע, רב רפאל !..
אויף אַהין איז מיר טאַקע געווען נוציק דער שײַן. אויף צוריק אָבער, האָבן שוין די דײַטשע וואָבן אַליין מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די נאָז. וואָס אויף די וועגן צעטוט זיך !.. קיין ווילנע ט'איר מיך געשיקט... אַ שטאָט איז ראַסיין, טאַווריג; מיט מײַן פור שוין געווען אין שאַוול, און זיך ניט פאַרלאָרן אַפילו אין קאָוונע. די ווילנע אָבער, אַ קאַך פון אַ מקום !.. מיט צרות קוים אויפגעזוכט דעם קרוב מײַנעם. און טאַקע אַ גליק וואָס זײַן ייִנגל האָט מיך אַרומגעפירט. גיי טרעף אין אַזאַ פאַרפּאַלעניש !.. די גאַסן רוישן און לאַנג אויף וויאָרסטן, מויערן אין הימל, און צו מענטשן שלעפּ זיך טרעפּ אויף טרעפּ... מיט די בריוו אײַערע גערדאַרפט אַרומקריכן אין אַלערלײַ הויכע פענצטער, צו גאָר געהויבענע לײַט. און טרעפּסטו שוין מיט מזל דעם אדון אין שטוב, הייסט ער דיר קומען נאָך אַן ענטפער מאָרגן, און דער מאָרגן האָט נאָך אַ מאָרגן, און אַן איבער־איבער־מאָרגן...

— האָסטו דאָך דערווײַל געקאָנט באַקוקן די שטאָט, אָנגעזען עפּעס אַ כּרך... — פּרוּווט לוקניק פאַרקערעווען די רייד און לינדערן אַ ביסל דעם פורמאַנס צאָרן.

— אַוודאי, טעג גאַנצע זיך אַרומגעדרייט, און מערסטנס אויפן שולהויף. קלויזן, קלויזן דאָרט אַרום און אַרום, און אַ שול אַזאַ גרויסע, אַזאַ מוראדיקע. פול דער שולהויף מיט מענטשן, מען רעדט און מען טומלט. מען קריגט זיך אַזוי פיל וועגן ארץ־ישׂראל. אַ מדינה אַ ייִדישע זאָל ווערן. איינער אַ גרויסע ענגלענדער, אַ באַלפור, זאָגט צו. אָבער אויפן שולהויף זײַנען אַ סך קעגן... און וואַלן דאָרט אין ווילנע. אַ נייע קהילה קלײַבט מען. מען גייט בײַטן די גבאים. שטייט אַ יונגערמאַן אויף טרעפּ און לייענט הילכיק אַ רשימה פון בעלנים אויף צו ווערן נײַע גבאים, קאַנדידאַטן, ווי ער רופט. און בײַ יעדן נאָמען הייבט ער אַרײַן דעם מענטשן אין הימל אַרײַן. און דערקלערט מיט אַזוינע קלוגע רייד, אַז נאָך די וואָס פון זײַן רשימה, זײַנען עס די פאַסיקסטע און ראַיעלסטע אויף צו

פירן דעם קהל. גלײַך צעפּאַכעט ער זיך מיט אַ פירקאַנטיק פּאַפּירל, געדרוקט מיט אַ גרויסן דיקן ציפער, און צעשרײַט זיך, אַז נאָר אַזאַ צעטל זאָל מען אַרײַנוואַרפן, צום קלײַבן די גבאים...

— איז דיר געווען געפעלן דער רעדנער ?.. — ציט אָן לוקניק.

— אַוודאי ! אַ מחייה געווען צו הערן... כאָטש עטלעכע לעבן מיר, ווו איך בין געשטאַנען, האָבן זיי אַלץ געלאַכט און געזאָגט אַז דער מענטש רעדט בלומענדיק, שבתדיק, מיטן קוויטש אַרויף... אָבער איז אויף די טרעפּ דאָרט באַלד אַרויפגעשפּרונגען אַן אָפּגעריסענער בחור, און אַזוי ממזריש געגומען אויסלאַכן דעם רעדנער און געמאַכט צו גאָרנישט זײַנע קאַנדידאַטן פון פּאַפּיר. אויסגעלויבט האָט דער חברה־מאַן גאָר אַנדערע מענטשן, און געפּאַכעט מיט זייערן אַ צעטל... אוי, האָבן זיך די ביידע רעדנער צעווערטלט, אַזוי צוגעשפּיצט, קלוג און שאַרף. פײַער !.. און באַוויזן האָבן זיך נאָך רעדנערס פּיקחותדיקע און געריבענע. און פון עולם פלעגט מען אַלע ווײַלע קונציק אַרײַנשרײַען ; ווערטלעך כיטרע, משומדסקע. אַלץ אַזוי קלוג !.. אַז מיר דאַכט, אַז־אַז דער קליגסטער בעל־הבית בײַ אונדז אין שטאָט וואָלט זיך אין ווילנע קוים געדעכנט פאַר אַ האַלבן משוגענעם...

— האָסט דאָך, מילי, טאַקע אויפגעטאָן אין דער נסיעה... — שמייכלט אונטער לוקניק — צוגעשליפן דײַן צונג, און אויף מענטשן ביסטו שוין דער גרויסער מבין...

— אַוודאי פאַרשטיי איך — איז מילי אין קוראַזש — אָט בין איך טעג אַרומגעלאָפן איבער די הויכע פענצטער, נאָכגעלאָפן די גרויסע לײַט, און שוין געוואָלט פון זיי באַקומען דעם ענטפער צו אייך. דערציילן זיי מיר פון יאַריד מיט די וואַלן און פון נאָך פאַרדרייטע יוצרות. כסדר זאָגן זיי מיר הייליק צו, אַז מאָרגן, מאָרגן וועלן שוין זײַן פאַרטיק די בריוו אויף צוריק, און אַלץ וואָס איר, רב רפאל, האָט געבעטן. אָבער ווו, אַ נעכטיקער טאָג !.. און אַז שוין דערגעסן ביזן ביין, האָב איך פאַר מײַן אָפּפאָרן געזאָגט איינעם פון די פּאַמפּעס דאָרט אין ווילנע, ספּאָקאָינע

הייסט ער, האָב איך אים דערציילט פון אַ יורבורקער סוחר וואָס רעדט פון זיך מיט אַ גדלות. מײַנער אַ וואָרט, זאָגט יענער, איז ווי אַ הן, אַ הן־צדק; און אַ הן איז בײַ מיר ווי אַ שבועה; און אַ שבועה, טפוי!.. אַזוי האָב איך אים אַרײַנגעזאָגט דעם רב צאַץ. וואָס, געדאַרפט אפשר פּאָר אים שפּרינגען קדוש?..

פאַרחידושטע בליקן נעמען לויפן צווישן לוקניקן און די רביצין וואָס איז שוין צוריקגעקומען פון גאַס מיט אַ קערבל. פּילט מילי, אַז קיין קניפּ אין באַק וועט ער דאָ פּאָר זײַן חכמה ניט קריגן. ער קען אָבער ניט פאַרשטיין וואָס דער גבאי איז אַזוי אויפגעלאָפן, און מיט צאָרן:

— ספּאָקאָינע, אַ פּאַמפּע, אַ רב צאַץ... רב אָשר ספּאָקאָינע איז אַ למדן און פון די פּני־העיר אין ווילנע; שטאַמט פון ווילנער גאון, און טאָקע דער גבאַי פון גאונס קלויז. האָסטו שוין ניט געהאַט קיין שענערע ווערטער צו ריידן מיט דעם טײַערן ייִדן און גרויסן מיוחס? די אמתע בלומענשפּראַך, מיטן קוויטש אַרויף; אַ דיבור פון אַ בעל־עגלה בן בעל־עגלה. אַ צײַט אַזאַ!..

אויסגעמאַטערט און פאַרביטערט איז דער פורמאַן. פאַריאָגט געוועזן באַלד צוויי וואָכן. אַ גאַר לײַבט פּעקל זיך געהאַט אונטערגענומען מיט זײַן נסיעה. בײַ דער שטוב דאָ שטייען פערד־און־וואָגן, האָט ער נאָך בײַם קומען אַהיים זיך אַרומצופאַרטיקן אין שטאָל. אוי, ווי כאַפּט מען שוין אָפּ דעם אָטעם!.. שמייכלען אים אויך וויניק די וואַרעמע ווערטער פון משהן, זײַן געבראַכטן פּאַסאַזשיר. אַרויסגעקומען איז ער שוין פון צווייטן צימער, אַרומגעוואַשן און איבערגעטאָן. צוזאַמען מיט דער רביצין נעמט ער אים אויך בעטן צום טיש, נעמען אין מויל. ניין, ער גייט שוין, אײַלט צו זיך אַהיים.

מיליס בליק ווערט אָבער גלײַך איבער דעם רב וואָס שטייט אין אַ ווינקל שטוב און איז פאַרטיפט אין אַ ספר. פרײַ געמאַכט האָט ער עס דעם טיש פאַרן זון וואָס גייט עסן. ווי פאַרמוחט דעם רבס אָנבליק, גאָר ווײַט פון אַרום און פון אַלץ; שוועבט

אין אַנדערע וועלטן. שטעלט דער פורמאַן אַוועק די בייטש אַן אַ זייט און נעמט זיך נענטערן. ער האַלט זיך אָפּ איין מאָל און נאָך אַ מאָל.

— רבי, איך קאָן האָבן עולם־הבא ?

— און עולם־הזה האָסטו ? — רייסט אָפּ רב אביגדור זיין קאָפּ פון ספר און זיינע אויגן ברייטערן און ברייטערן זיך אין חלל פונעם צימער און צום הימל דורכן פענצטער.

— עולם הזה, מיין עולם־הזה... מיטן פערד צוזאַמען איינגעשפּאַנט, טאָג ווי נאַכט איבער די וועגן מיט בלאָטעס און שליובאַטעס, און צו די בלוטיקע וועגן אויך גזלנים, און נאָך און נאָך סכּנות. אַז קיין ברעקל רו !.. דאַוונען אַפילו קאָן איך ניט ווי ס׳באַדאַרף. און דאָס שטיקל ברויט קוים־קוים. מישטיינס געזאָגט, מיין עולם־הזה !..

— ווייִ־ווייִ... — צעקרעכצט זיך דער רב — אוי, ווי מען איז געגאַרט, ווי בלינד מיר זיינען !.. די האַרעוואַניע נאָר אויף אַ כּזית חיונה אויף דער וועלט, אין דעם פאַרביילויפיקן לעבן פון דעם עולם־עובר... אַפשיטא און אַפשיטא שוין וואָס פאַר אַ יגיעה דער בן־אָדם מוז אַריינטאָן אויף צו קאָנען זוכה זיין דעם חיי־עולם, עולם־הבא !..

אַחוץ דעם שלום־עליכם, האָט דער זון מיט זיין טאַטן דעם רב נאָך גאַרניט גערעדט. און אָט איז ער שוין מיט אים אין אַ וויכּוח. צוזען קאָן ער ניט, משה, ווי דער פורמאַן שטייט צעעפנט דאָס מויל און פאַרלאָרן. משמעות ווייניק וואָס פאַרשטאַנען אין דעם רבס ווערטער, און ער וואַרט נאָך אויף אַ תּשובה...

— טאַטע, גלייך פאַלסטו אַריין אין אַ חשבון־הנפש. פאַר דיר דאַך געוויס נאָר עפּעס אַ וואָרט, און שוין נעמסטו זיך קלאַפּן אָשמנו ; פון דיין אימה־ופחד פאַר יענער וועלט, צינדט זיך נאָכאַנאַנד קעגן דיר דער גיהנום... דער מענטש אָבער וואָס רעדט מיט דיר, אָט ווי רחמיאל איצט, ער קען מיינען אַז דער אייגן־מוסר דיינער גיסט זיך עס אויף אים... אני הגבר, די צוויי טעג

וואָס ער איז געווען מײַן פורמאַן, האָב איך אַ ביסל אָנגעזען זײַן פּנים, און אויך געזען ווי ער פֿאַרפֿעלט אַפֿילו ניט קיין מינחה. אויפֿן ווילנער שולהויף, ווייס איך, האָט ער די אָרעמע־לײַט געטיילט פֿון זײַן ברויט. און נאָר אַ פֿרײַע מינוט אין וועג, כאַפּט ער זיך צו אַ תּהילימל וואָס ער האָט מיט זיך. זאָל אַזאַ איינער שוין אויך ניט האָבן קיין גן־עדן ?..

ווידער איז אין רב אביגדורן פֿריש דערוועקט דער חשבון זײַנער מיטן זון. אַזאַ קלות־ראש פֿון דעם בחור ! מיט אַזאַ לײַכטקייט ווי ער רעדט עס וועגן יענער וועלט, דערוועגט זיך צו פּסקענען וועגן גיהנום און גן־עדן... ער ווערט גאָרניט בעסער, אָט דער משה. געוואָרן פֿאַרפֿירט אין אַן עולם־התּוהו, זיך אָנגעשמעקט מיט דער פֿילאָסאָפֿיע און קריכט אויף פֿאַלשע וועגן ; און גאָט ווייסט ווי ווײַט פֿאַרקראָכן... האַלט דער טאַטע פֿאַר זײַן חוב דאָך צו פּרוּוון נאָך אַ מוסר טאָן :

— זײַ וויסן, מײַן זון, דער יצר־הרע שטייט איבער דעם מענטשן מיט אַ האַק, פֿאַרמאָסטן איבער זײַן קאָפּ ; אַזוי מוז זיך יעדער איינער פֿאַרשטעלן, בכל עת ובכל שעה !

— בכל עת ובכל שעה, שטענדיק זיך אַזוי פֿאַרשטעלן... — ציט משה מיט די פּלייצעס — ווי קאָן מען עס ?

— נו־נו, איז שוין דײַן קאָפּ אָרונטערגעהאַקט.

בית־דין־של־מעלה

משה איז אַפּנים שוין פאַרנומען מיט אַנדערע געדאַנקען. ער רעדט ניט. די הענט פאַרלייגט אויף הינטן, האָט ער זיך צעשפּאַצירט איבער דער שטוב. ער זעט גאָרניט ווי דער פורמאַן גייט אַרויס. אַז לוקניק נעמט זיך רירן, גיט ער אים אַ כאַפּ בײַ דעם אַרבל. בלײַבן זאָל ער, דער גבאי, בעט דער גאַסט. יאָרן איז ער דאָך דער פאַרטרויטער פרײַנד פון רב און איבערגעגעבן פאַר זייער שטוב. זאָל ער דאָ נאָך זײַן. עסן גייט נאָך אָבער ניט משה. ניין, נאָך ניט!..

צו לאַנג האַלט דער זון זײַן טאַטע־מאַמען אין שפּאַנונג. ווי זיי ווילן שוין וויסן פון זײַן נסיעה! מיט איבער אַ חודש צוריק האָבן זיי אים אַרויסבאַגלייט קיין מינסק, און וואַרטן אויף דער ירושה וואָס ער דאַרף פון דאָרטן ברענגען... די מאַמע, ער מערקט דײַטלעך ווי יעדער נערוו איז איר צעשפּרונגען, און די צעצונדענע בליקן אירע וואַרפן זיך מיט אומרו איבער זײַן פּנים, איבער יעדן צוק פון די אַקסלען. ער זעצט זיך ניט, משה, אויך ווען ער נעמט ריידן. אַ ווײַלע גיט ער זיך אַ שטעל אָפּ, און וואַרפט אַרויס אַ פּאָר ווערטער. מיט אויג און אויער כאַפּן די אַרומיקע אויף:

— מינסק, מינסק... יאָרן געווען אָפּגעריסן... איבער אַ יאָר מומע געלעגן צו בעט... צוויי יאָר ווי געשטאָרבן... און חדשים ביזן רײַזע־שײַן...

קיין באַזונדערע נײַס הערט מען נאָך ניט פון דעם בחור. מינסק, ווייס מען, איז בײַ פיר יאָר געווען אויף דער רוסישער זײַט פון דעם מילחמה־פראָנט. האָבן מיט אָט דער שטאָט ניט געקאָנט

זײַן אין אַ פֿאַרבינדונג די ערטער וואָס זײַנען געווען פֿאַרנומען פֿון די דײַטשן. צוזאַמען מיט דער ידיעה וועגן דער מומעס טויט, האָט מען אויך געהערט אַז לאַנג האָט אָנגעהאַלטן איר לעצטע קראַנקייט. און אַז עס האָט גענומען צײַט און ניט לײַכט איז געגאַנגען מיטן אַרויסקריגן די דערלויבעניש צום פֿאָרן קיין מינסק און צוריק, ווייס גאָר גוט לוקניק; געווען איז ער דאָך דער שתּדלן בײַ דעם דײַטשן קאָמענדאַנט... קאָן זיך שוין ניט באַהערשן די רביצין:

— די ירושה אָבער, מײַן קינד? געפֿאָרן דאָך וועגן דעם...

— אָהאָ, אַ דין־תּורה... שייך אַ פֿאַרדרייעניש, געווען אַ שווערע הלכה...

ער שפּאַצירט נאָך איבער דער שטוב, משה. אָבער ווערטער הערט מען שוין קלאָרע. די רײַכע ירושה פֿון דער קינדערלאָזער מומע איז געווען אײַנגעלייגט בײַ אַ רב. האָט אים אָט דער נאָמען דערציילט, אַז אין דער צײַט פֿון דער קראַנקייט האָבן זיך מיט איר פֿאַרנומען צוויי שכנות,ביידע אלמנות. טענהן זיי, אַז די מומע האָט זיי געהאַט צוגעזאָגט גאָר אַ סך. אַ רשימה פֿון נאָך צוזאָגענישן האָבן צוגעשטעלט גבאים פֿון גאַנצע דרײַ חברות אין שטאָט. האָט געמוזט פֿאָרקומען אַ דין־תּורה...

טעג האָט ער, משה, זיך אַרומגעדרייט אין מינסק און נאָכגעפֿאָרשט פּרטים וועגן דער מומעס לעצטע יאָרן. דערוווּסט האָט ער זיך, אַז פֿאַר יעדער באַדינונג פֿלעגט די קראַנקע זייער פֿײַן באַצאָלן, און דערצו ניט געקאַרגט מיט מתּנות. געהערט האָט ער אויך, אַז ביז אירע לעצטע טעג פֿלעגן קומען כּסדר זי מבקר־חולה זײַן גבאים פֿון איר בית־מדרש און עסקנים פֿון מוסדות, און ניט אַרויסגיין אָן אַ שיינער נדבה... פֿאַר דער דין־תּורה איז ער, משה, גאַנצע צוויי טעג אויך אָפּגעזעסן אין אַ מינסקער בית־מדרש און זיך פֿאַרטיפֿט אין הלכה־ספֿרים, און מסדר געווען די טענות זײַנע פֿאַר די רבנים. האָט ער טאַקע בײַ דער דין־תּורה מצליח געווען אָפּצושלאָגן די תּביעות פֿון יענע בעלי־דין; איינעם נאָכן

אַנדערן האָט ער זיי צעקלאַפּט. און די ירושה איז געבליבן אין גאַנצן פאַר זײַן מאַמען, דער רביצין. אַזוי האָט בפירוש געפּסקנט דער בית־דין !..

ווידער רעדט שוין ניט משה. שטיין בלײַבט ער אין מיטן שטוב; הענט שטײַף פאַרלייגט אויף הינטן, אויגן צעגלאָצט און די אונטערשטע ציין זײַנע צעקראַצן זיך איבער דער אייבערשטער ליפּ. באַלד צעשפּילן זיך רעטענישדיק די פינגער פוןביידע פאַרלייגטע הענט, און ווערטער צעוואָרפענע צעטרייסלען נאָך שטאַרקער דאָס האַרץ בײַ טאַטע־מאַמען... אַ קאַסטן נגידישע סערוויזן, צוויי טשעמאָדאַנעס אָנגעפּאַקטע מיט גאָלדוואַרג און זילבערוואַרג, און צירונג זעלטענע, און אַ וואָגיק זעקל מיט גאָלדענע מטבעות !.. קאָן מען שוין אָבער מיט די באַנען ניט פאָרן. האָט ער זײַן וועג געמוזט מאַכן מיט פערד־און־וואָגן... מיט הצלחה שוין געווען אָפּגעפאָרן בײַ אַ האַלבן מהלך פון מינסק קיין ווילנע, און שוין נאָך וואָלאָזשין, זײַנען פון אַ וואַלד — באַמבעלער וואַלד הייסט דער מקום — אַרויסגעשפּרונגען אַ כאַפּטע רויבערס. פון זײַן פור, און פון נאָך צוויי פורן, אַלץ־אַלץ צוגענומען, און די מענטשן צעמזיקט... אַ טאָג איז ער אָפּגעלעגן אין דערבײַיִקן שטעטל ווישנעווע. אין אַשמענע, אויפן וועג ווײַטער, האָט עד זיך ווידער אָפּגעלייגט בײַ אַ חבר, וואָס האָט אים באַזאָרגט מיט תּפילין און אַ ביסל וועש און אויך מיט דעם טשעמאָדאַן. אין ווילנע האָבן פרײַנד אים באַזאָרגט אויך מיט געלט. און אַ נס וואָס ער האָט דאָרט געטראָפן מילין, דעם פורמאַן...

אַ ברעג פלאַסטער אונטערן ראַנד קאַפּעליוש פון זון — נעמט די מאַמע קלאָר מערקן. פאַרשטייט זי שוין וואָס הײַנט איז בײַ אים דער קאַפּעליוש גאָר טיף איבערן שטערן. איר אויפגעצאַפּלטער בליק גיט אויך אַ פאַל אויף אַן אַרבל. טאַפּט זי אָן אַ באַנדאַזש אַרום דעם רעכטן אָרעם... אין ברעכן מיט די הענט, פרעגט זי:

— אין ווילנע, ביסטו כאָטש געווען בײַ אַ גוטן דאָקטאָר ?.. רייד, רייד !

טיפער צער קוקט אַרויס פון רב אביגדורס אויגן, זאָגט ער אויר וואָס:

— נאָך דעם באַפאַל אין וואַלד האָסטו מסתּמא שוין געבענטשט „הגומל״, די ברכה צו גאָט, וואָס אַ מענטש איז מחויב פאַר אַ נס מיט אים; אַ נס איז דאָך געטאָן געוואָרן מיט דיר און ביסט געבליבן לעבן... און וועגן דעם שאָדן פון דער ירושה, זיינען מיר דאָך אַלע, מיר און אונדזערע קינדער, מחויב צו בענטשן „ברוך דיין האמת״, באַרעכטיקן דעם מישפּט פון אויבן. בײַם בית־דין אין מינסק, ווי דו דערציילסט, האָבן מיר טאַקע געוווּנען; משמעות אָבער ניט בײַם בית־דין־של־מעלה.

הרים וגבעות

וואָס מער דער טאָג איז אָנגעלאָדן מיט געשעענישן און מיט ברענענדיקע פּראָבלעמען, אַלץ מער ווערן צערונען די שעהן ביי דעם מענטשן. גאָר פרי איז שוין רפאל לוקניק, דער שטאָט־גבאי, געווען בײַם רב. געבראַכט האָט ער אים די לעצטע נײַס — געענדיקט האָט זיך די וועלט־מילחמה! דײַטשלאַנד האָט לחלוטין פאַרשפּילט, און דער קייסער ווילהעלם איז אַרונטער פון טראָן... געוואָלט האָט ער עס, דער גבאי, אויפקלערן דער עיקר רב אביגדורן, דעם שטאָט־רב, ווי האַרב דער פּאָליטישער מצב ווערט בײַ זיי אין דער זאַמעטער געגנט, און אין גאַנץ ליטע. די דײַטשן וועלן איצט מוזן פאַרלאָזן די אַלע מקומות וואָס זיי האָבן פאַרנומען. גייען זיי דאָך אוועק אויך פון דאַנען... טומלט זיך שוין אין שטאָט. מענטשן קאָכן זיך וועגן דער אָרדענונג וואָס זאָל דאָ אויפקומען, אַן אָרדענונג זאָל זײַן פּאַסיק...

שעהן איז לוקניק געהאַט אָפּגעזעסן בײַ רב אביגדורן, גערעדט צו אים, געפּרוווט וואָס מער דערציילן. געקליגלט האָט ער זיך דער גבאי, אריינצוציען דעם מרא־דאתרא אין האַרבע פּראָגעס פון דער צײַט. סוף־סוף איז דאָך זײַן חוב יע צו וועלן וויסן וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, און טאַקע מיטווירקן אז זײַן קהילה זאָל ניט אַרײַנפאַלן אונטער אַ ניט־פּאַסיקער הערשאַפט. איז אָבער ניט אָפּצורײַסן דעם יושב־אוהל פון די ספרים און זײַנע כתבים!

פאַרביטערט איז לוקניק אַרויס פון רב. אין גאַס גיט נאָך מער אַ שטייג זײַן אומרו. פול דער שולהויף מיט רעדלער. ווער ווייסט וואָס די מענטשן ריידן... אים קומט באַלד אויף דאָס יאָר 1905, דאָס ברויזיקע יאָר און אויך פינצטערע; רעוואָלוציאָנערן

האָבן זיך עס פֿאַרמאָסטן צו מאַכן אין רוסלאַנד אַן איבערקערעניש...
אויך דעמאָלט איז דווקא דאָ בײַ די בתי־מדרשים געוואָרן דער
זאַמלפּלאַץ פֿון די הפקרניקעס און סקאַנדאַליסטן, פֿון די אַלע
שוימיקע טומלער קעגן דעם קייסער ניקאָלאַי מיט זײַן מלוכה!..
אין דעם גיין אַהיים, פֿאַרנעמט זיך לוקניקס שטאָלצער טראָט מיט
אַ זײַטיקן וועג. דער הויכער און פֿעסט־געבויטער קערפּער גיט
זיך אָבער יעדע ווײַלע אַ דריי אויף הינטן און זײַן קוק כאַפּט
כּסדר אויף די סאָלדאַטישע שינעלן. ווייס ער שוין, ווער זײַנען
די אָנפֿירער אין די רעדלער, די הײַנטיקע העלדן בײַ דעם עולם.
גאָר גרויסע ריידער זײַנען זיי, אַ סך פֿון די צוריקגעקומענע
סאָלדאַטן. זיי נעמען זיך אַלץ איבער און דערציילן אַז זיי האָבן
געהאָלפֿן מאַכן די גרויסע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. מיינען זיי
עס איצט צו ווײַזן אויך דאָ זייער כּוח!...

שוין באַלד האַלבער טאָג ווען לוקניק ווײַזט זיך צוריק אין
שטוב. איז ער שוין בײַם אַרײַנגיין גרייט אויסצוהערן אַ דרשה
פֿון דער ווײַב. טענות מיט גוואַלדן ברענען איר שוין געוויס אויף
דער צונג... קלינגט אים ווי אומנאַטירלעך גאָר דער שטילער טאָן
פֿון זײַן ריקלען, ווי געלאַסן זי נעמט אים איבער:

— דווקא הײַנט בײַ דיר אַ תּענית... אַז אַ מענטש זיצט אָפּ
טעג גאַנצע בײַ דעם רבֿ, פֿאַראוועסטו שוין תּעניתים אויך ווי ער...

הערט שוין לוקניק אַרויס, אַז זײַן ווײַב ווייס שוין אויך פֿון די
הײַנטיקע גרויסע נײַס. קומט זײַן ענטפֿער מיט אַ שמייכל, און ער
צעחכמהט זיך אויך אויפֿן חשבון פֿון רבֿ:

— איך בין נאָך ניט פֿאַרהונגערט... און וואָס שייך רבֿ אביגדורן,
פֿירט ער זיך מיט זיינע דרכים, און ער קאָן טאַקע אַ פֿאַסט טאָן
אויך אין אַ טאָג ווי הײַנט. בײַם הייסן אָבער דעם אַנדערן פֿאַסטן,
האָט ער שוין ווידער זײַנע באַזונדערע פּרינציפּן. אין די מילחמה־
יאָרן האָט ער דאָך ניט איין מאָל גוזר געווען אַ תּענית אויף דער
גאַנצער עדה. פֿלעגט ער דערבײַ אויך געבן צו פֿאַרשטיין, אַז פֿאַר
דעם זעלבן הונגערן, איז שוין דווקא שׂכלדיק צו פּראַווען וואָס

אַפּטער אַ תּענית. אין אַ תּענית־טאָג, קאָן מען דאָך בײַ דעם ריבונו־של־עולם וואָס פּועלן !.. פֿאַרשטייסט דאָך, ריקל, אַז בײַם רבֿ האָט זיך הײַנט געמוזט פֿאַרציען; אַזוי פֿיל קהלשע ענינים!

די קהלשע ענינים, די שטענדיקע סכּנות פֿון איר מאַן און זײַן טראָגן דעם יאָך פֿון דער שטאָט — זײַנען ווײַט ניט צו ריקלס האַרץ. מיט דער גאַנצער נשמה איז זי אַרײַנגעטאָן אין איר נגידישן הויז. קינדערלאָז, פֿאַרטראָגט ניט איר אויג, אַז וואָס נאָר אין די צימערן איז געריירט פֿון דעם געגנוי־אײַנגעשטעלטן אָרט. בלאַנקען מוז פֿון יעדן ווינקל. און זי אַליין, די באַלעבאָסטע, זעט מען זי אויך שטענדיק פֿאַרפּוצט. די סטרונע־גלייכע פֿיגור פֿון אַט דער הויכגעוויקסיקער פֿרוי, איר בלאָנד און פֿריש פּנים מיט די קאָכיקע אויגן, דאָס הילכיקע קול און פֿעסטער טראָט, און דאָס גאַנצע בליִענדיקע אויסזען — אַלץ לייקנט אַז זי איז שוין איבער די זעכציק. מיט איר הערשערישן טאָן באַפֿאַלט זי אָפֿט דעם מאַן און פֿאָדערט פֿון אים, ער זאָל וואַרפֿן די גבאות און שוין פּטור ווערן פֿון די כּלל־ענינים. אָפּגעבן זאָל ער זיך, שרײַט זי אַלץ, מיט די אייגענע געשעפֿטן, און דער עיקר מיט די וועלדער וואָס ער האַנדלט אײַן פֿון די פּריצים און מיט די אַרענדעס וואָס ער נעמט פֿון זיי.

מיט אירע עיקר רייד וואַרט אָבער הײַנט אָפּ ריקל ביז איר מאַן זעצט זיך שוין צום טיש. ערשט איצט נעמט ער שלינגען שוימיקע טענות צוזאַמען מיט דעם עסן וואָס די ווײַב סערווירט אים. אויך זי פֿילט די ערנסטקייט פֿון דעם פּאָליטישן מצבֿ אין דער געגנט. די דײַטשן גייען דאָך באַלד אַוועק, טאָ ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַן אָרדענונג קאָן דאָ אויפֿקומען. מוזן די ייִדן געוויס שטיין אויף דער וואַך... זי פֿרעגט נאָר איר מאַן:

— דו, דווקא דו?!.. אַ מענטש שטענדיק אין נעמען זיך די קהלשע זאָרגן, און אָט אַזאַ לאַסט!.. פֿאַלט נאָר אַ ליאַדע ווערטעלע פֿון אַ ליידיקגייער, פֿון אַוועלכן שלאַק און לאָ־יוצלח, ביסטו שוין אין פּחד; אָט־אָט באַלעבאַטעווען שוין בײַ אונדז די

רויטע!.. און מענטשן גאָר אַנדערע האָבן דיך שוין היינט געזוכט. דער גלח, וואָס איז פון די גרויסע טוער בײַ די ליטווינער, ער וויל זיך מיט דיר זען. אין ווילנע, דערציילט ער, האָט שוין זייער ראַט, די טאַריבאַ, צונויפגעשטעלט אַ רעגירונג, און דאָ ווערט אַ ליטווישע מדינה. אויך די ייִדן, זאָגט ער, גייען מיט די ליטווינער, און עס וועט זײַן אַ ייִדישער מיניסטער...

— האָט ער מסתמא אַ באַזונדערע שליחות — קלערט איבער לוקניק אויפן קול — אין די שמועסן מיט די סאַמע גדולים פון די ליטווינער, ריידן זיי אַלץ פון אַ פרילינג וואָס וועט קומען פאַר דער מענטשהייט נאָך דער וועלט־מלחמה; וועלן די אונטערדריקטע פעלקער אויך האָבן זייערע זעלבשטענדיקע מדינות... זאָגן זיי צו הייליק, די ליטווינער, אַז אין זייערער אַ מדינה וועלן די ייִדן האָבן גאָר ברייטע און באַזונדערע רעכט. קומט פאַר אונדז אויך אַ פרילינג!

— אַוועק דער ליטווינער, האָט זיך בײַ אונדז אין שטוב באַוויזן ניעמאַנסקי, פון דעם פוילישן קאָמיטעט — רעדט ווײַטער ריקל — גענומען האָט ער גלײַך וואָרענען אַז די ייִדן זאָלן זיך ניט פאַרדרייען מיט די כלאָפּעס, אָט די ליטווינער. אין ווונדער איז ער, וואָס אַזאַ קלוג און אַלט פאָלק ווי די ייִדן, זיי זאָלן ניט וויסן ווער זײַנען זייערע אמתע היסטאָרישע פרײַנד. געזאָגט האָט ער אַז דער גראַף רופט דיך, קומען זאָלסטו צו אים אין פּאַלאַץ... און נאָך איינער, גאָר אַן אומגעריכטער מחותּן, וואָס שדכנט זיך אויך צו אונדזער געגנט...

— און זאָגט אויך צו הרים־וגבעות... — איז לוקניק ווי גלײַכגילטיק.

— גראָד ניט. גערעדט האָט ער גאָר פון אַ שותּפות, אַ מדינה גלײַך אויף גלײַך מיט די ייִדן; עפּעס אַ דואַליסטישע מדינה... געווען איז עס דאָ מאַנדריק. דער לערער פון דער רוסישער פּראָגימנאַזיע.

— מיכאַאיל גאַווריליאָוויטש מאַנדריק, אַט דער רוס — פאַרשטייט שוין גאָרניט לוקניק.

— הער אַ מעשׂה, דער מאַנדריק איז בכלל ניט קיין רוס; אַ ווײַסרוס איז ער אין דער אמתן, האָט ער מיר באַלד געלאָזט וויסן. און ווי ער זאָגט, איז גאָר די אַלטע ליטע געווען אַ ווײַסרוסישע מדינה; ווײַסרוסן זײַנען געווען די פירשטן וואָס האָבן דאָ געהערשט, און ווײַסרוסיש איז געווען די מלוכה־שפּראַך, און די אַלע געבליבענע דאָקומענטן פון דער מדינה זײַנען אויך געשריבן אין ווײַסרוסיש... גאָר אַזעלכע טוער און פאַרשטייער האָבן דיך הײַנט געזוכט. האָב איך אַט זיי אַלעמען געזאָגט, אַז צוריק אין שטוב וועסטו מסתּמא ניט זײַן הײַנט... די אַ גויים, זיי דאַרפן שוין אויך וויסן אַז לוקניק, דער פּאַנאַס, און פּאַן, און גאַספּאַדין, — אַז דו קאָנסט אַוועקפּטרן שטיקער טעג. דער רב אונדזערער, דער בטלן, אַט ער איז דײַן פּראַקטישער יועץ אויך אין אַ טאָג ווי הײַנט. פאַר דיר איז ער געוויס אויך דער אמתער וועגווײַזער אין דעם גאַנצן קאָך און געפּלאָנטער פון אונדזערע שטרײַטיקע פעלקער !..

אַ רעכטע ווײַלע פאַרטראַכט, און ער נעמט זיך מאַכן אַן אויספיר, לוקניק:

—בעלנים ניט ווייניק צו באַהערשן דאָס לאַנד דאָ. און די אַלע אַזוי גוט צו די ייִדן... אין סך־הכּול אָבער, אַז וואָס שוואַכער זײַנען די שאַנסן פון אַ בעל־דבר צו ווערן דאָ בעל־הבית, זײַנען די הבטחות זײַנע צו אונדז מער און מער גילדענע, הרים וגבעות !..

און ווידער פאַרטראַכט, צעבײַסט זיך לוקניקן אַ לופּ:

— סטרימײַטיס, דער ליטווישער אָנפירער פון די קאָמוניסטן, און די אַנדערע רויטע חברה, פון די אַ איז אָבער קיינער ניט געווען... קומען הערן די מיינונג פון ייִדישן קהל, און נאָך אין שטוב פון אַ בורזשוי, פע! זיי האָבן דאָ זייער ליניע...

דער שמועס פון מאַן און ווייב ווערט איבערגעהאַקט דורך צוויי ייִדן וואָס לאָזן זיך אַרײַן אין שטוב. ביידע זײַנען זיי פון

שכנותדיקע שטעטלעך און חשובע גבאים יעדער איינער אין זײַן קהילה. אויסגעווייקטע פון האַרבסטיקן וועג און נאָך ניט אַרונטערגעוואָרפן די פאַררעגנטע אייבער־מלבושים, צעקרעבצט זיך דער עלטערער מיט אַ גוס דאגות און שרעק. אין זײַן שטעטל און אין די אַרומיקע דערפער קאָכן זיך די גויים. זיי שרײַען אַז די ייִדן ווילן ברענגען אַהער זייער טראַצקין מיט זײַנע באָלשעוויקעס פון רוסלאַנד; וועט מען צונעמען די פאַרמעגנס און ניט לאָזן גיין אין קלויסטער!.. מיט אַ געוויין ברעכט ער אויס, דער שליח־ציבור פון זײַן שטעטל, און כאַפּט אָן לוקניקן פאַר דער קליאַפּע:

— אַ פּאָגראָם, עס האַלט בײַ אַ פּאָגראָם!.. מוז מען דאָך, רב רפאל, וואָס טאָן, זוכן צוזאַמען אַן עצה!..

מיט אַ דרינגלעכן טאָן נעמט ריידן אויך דער צווייטער ייִד וואָס זײַן אויסזען זאָגט אויף גרויס חשיבות. צו דעם לאָזן זיך פון זײַן שטעטל אַהער, אין דער קרייזשטאָט אַרײַן, האָט אים געטריבן אַן ענין וואָס ער קאָן ניט שטעלן אויף זיך, און אויך ניט אויף זײַן קהילה. דער דײַטשער באַראָן, וואָס אויך די ערד פון שטעטל געהערט צו אים, האָט געשטעלט זײַנע ייִדישע מענטשן אַ גאָר שאַרפע פראַגע. וויסן וויל ער, דער שררה, ווי וועלן זיך די ייִדן באַציִען צו אַ מלוכה וואָס וועט אויפקומען אין אַ טייל מערב פון דעם באַלטישן ים און וועט זײַן אַ סך־אַ סך גרעסער ווי די אַמאָליקע קורלאַנד, און אַרומנעמען אויך ליטווישע געגנטן. אין זײַנע רייד האָט דער באַראָן כּסדר צוגעגעבן, אַז אין קורלאַנד האָבן ייִדן אַמאָל געהאַט פֿײַנע פּריווילעגיעס...

אַ משׂכּיל

אויך נאָך מיטאָג איז רפאל לוקניק ניט געאײַלט צו טרעפן זיך מיט די ניט־ייִדן וואָס ווילן אים זען. שוין קלאָר אַז כּוחות פֿאַרשיידענע און קעגענערישע גורטן זיך און ווילן פֿאַרכאַפּן די געגנט און ווערן אויך הערשער איבער גאַנץ ליטע. דאַרפֿן ייִדן בײַ אַזאַ ערנסטן מצב זיך דורכווּיס היטן פֿון אַרײַנפֿאַלן אין דעם ווירוואַר; אַפּוואַרטיק מוז מען דאָ זײַן ביז אַוועלכער צד וועט נעמען באַקומען די אייבערהאַנט... איז ער, לוקניק, דער ראש־הקהל, אין הוילער מורא וואָס ייִדן קריכן שוין מיטן קאָפּ אין דעם צעפּלאָקער פֿון די נאַציאָנאַלע ווידעראַנאַנדן מיט די בלוטיקע סיכסוכים.

ריקל לאָזט אָבער ניט אָפּ פֿון צו דערמאָנען איר מאַן, אַז מיטן גראַף טאָר ער זיך ניט אײַנרײַסן און ניט שפּילן מיט אים קיין זשמורקעס. האָט אים דער כּראַביע גערופֿן, מוז ער צו אים גיין. וואָס אמת, אָט דער גרויסער אדון וויל אַז ליטע זאָל זײַן פֿאַראייניקט מיט פּוילן... מיט קולות דערמאָנט זי אָבער לוקניקן די געשעפֿטן וואָס ער פֿירט מיט דעם מאַגנאַט, און די פֿרײַנדשאַפֿט נאָך פֿון זײַן טאַטן, דעם אַלטן פֿאַרשטאָרבענעם גראַף.

אויך איר אַרבעט אין קיך האַלט ניט אָפּ ריקלען פֿון שרײַען. הערט זי גאָרניט אַז פֿון גאַס איז ווער אַרײַן. מיט אַ שמייכל נעמט איבער לוקניק דעם גאַסט, יואל אַמדור, וואָס איז אַן אָפּטער אײַנגייער, און אים איז גאַנץ באַקאַנט דאָס קולכל פֿון דער באַלעבאָסטע... באַגריסט יואל וואַרעם און פֿרעגט היימיש:

— וואָס מאַכט רב רפאל?

— חי וקיים; זעסט דאָך.

— און ריקל ?
— שרײַ וקיים ; הערסט דאָך...
לוקניקן האָבן זיך אָבער שוין געהאַט אַ וואָרף געטאָן די פּאָר טריט וואָס אַמדור האָט געשטעלט בײַ זײַן אַרײַנקומען. ניט עפּעס דער קאָקעטישער גאַנג פון דעם גאַלאַנטן יונגנמאַן... מערקט דער גאַסט דאָס בליקל וואָס גייט אַרום פאַרשעריש איבער זײַן פּוס, און ער נעמט זיך ווי פאַרענטפערן :
— די גאַס איז שרעקלעך אָנגערעגנט ; זיך אויסגעגליטשט...
— וואָס, אַ בראָך ? — איז שוין ריקל דאָ פון קיך.
— חלילה ! — קוקט אָן אַמדור — געווען נאָר אַ לײַכטער דריי.
— אַ דאַנק גאָט, אַ דאַנק גאָט ! — איז די פרוי באַרוּיקט ; אָבער נאָר אויף אַ ווײַל — טאָ שאַ, איז עס אַ לונק ; נאָך ערגער אַ מאָל ווי אַ בראָך...
— איך פיל דאָך אָבער ניט קיין באַזונדערן ווייטאָג... — בעט זיך דער מענטש.
— איז טאָקע גוט אָפּגעשניטן... — באַלד שטילט זי אָבער ווידער ניט — דער אמתער ווייטאָג קאָן זיך דערשפּירן אויך אין טעג אַרום ; איז שוין גאָר ערנסט !..
די ליפּן בײַסט זיך לוקניק. שטענדיק זי, די ווײַב זײַנע, מיט אירע אָנשרעקענישן און אויסלייגעניש אויף שלעכטס ! ער ווייס, ער ווייס ווי מענטשן האָבן מורא פאַר איר אויג ; מען מורמלט אונטער אַפילו, אַז זי איז אַ מין שוואַרצע קראָע... זעט ער אַריבערצוגיין אויף אַנדערע רייד און גיט אַ פרעג אַמדורן :
— דײַן שווער ? הײַנט פרי גאָר ניט געווען אין בית־מדרש בײַם דאַוונען.
— פאַרטאָג האָט ער זיך ווידער עפּעס גענומען קלאָגן אויפן האַרץ — ענטפערט אַמדור — האָט דער דאָקטאָר צוגעזאָגט נאָך אַרײַנגיין הײַנט.

— איז נאָך יע דאָ אַ האָפענונג? — בײַ ריקלען איז שוין דער מענטש אַ גוסס.

יואל אַמדור איז שטאַרק אָפּגעהיט מיט זײַן גראַציעזן פיר. פון דעם אויסגליטש איז אים טאַקע שווערלעך מיטן באַוועגן איין פוס, אָבער ער וועט זיך ניט זעצן אין דעם פרעמדן הויז, ביז ער וועט זיך ניט פילן אין זײַן פולער עלעגאַנץ. דער שפּאַצירשטאָק מיטן זילבערנעם קאָפּ, וואָס גייט ניט אַרויס פון זײַן האַנט אין גאַס, מוז דאָ ווערן אַוועקגעשטעלט אין זײַן פּאַסיקן ווינקל. וואָס טיפער פּאַררוקט ער דערבײַ די קאַלאָשן וואָס שטעלן אים אין ביוש מיט זייער אויסזען פון דער בלאָטיקער גאַס. אויף דער וואַנט הענגט ער אויף בנימוסדיק זײַן האַרבסטפּאַלטן פון גוטן ענגלישן שטאָף, וואָס האַלט זיך נײַ און ליגט ווי אויסגעגאָסן אויף זײַן שטאַלטיקער פיגור. ער שטעלט אויך ניט קיין ווײַטערדיקן טראָט אין שטוב אַרײַן, ביז זײַן טאַשנשפּיגעלע באַשטעטיקט אַז דאָס בלאָנדע קמץ־בערדל איז נאָך בײַ אים שיין פאַרקאַמט, ריכטיק נאָך אויף־אַרויף פאַרדרייט די וואָנצעס, און ניט צעוואָרפן די שטערן־ברעמען; אָנשטענדיק אויף דעם קאָפּ זיצט אויך דער פילצענער הוט.

די פּוצערײַ פון דעם מענטשן און זײַן פּראַנטעוועץ, מאַכן אים אין לוקניקס אויגן ביז גאָר לעבערלעך. ניט איין מאָל האָט שוין דער אַלטער פּיקח וועגן אים אַ זאָג געטאָן:

— ווערט איינער געבאָרן אַ נאַר, איז עס ניט אויף איין טאָג...

אַז אַמדור איז שוין בײַ דעם טיש, נעמט ער זיך זיס־שפּילעוודיק צום ווישן זײַנע גאָלדענע פּענסנע. איז אים ריקל מכבד מיט אַ גלאָז טיי. טראַקטירט אויך לוקניק דעם גאַסט מיט אַ פראַגע:

— יואל, אַז די דײַטשן האָבן זיך אונטערגעגעבן אין דער מילחמה, ווייסטו שוין?

— הײַנט פרי האָבן זיך מענטשן דערוווּסט פון די גרויסע נײַס — רעדט אַמדור מיט זײַן ברייטן טאָן — איך האָב שוין אָבער אַלץ געוווּסט, גענוי פאָרויסגעזען... נעכטן בײַטאָג אין קרײַז־

פּאַרוואַלטונג, אַרײַנגעקוקט אין אַ פרישער צײַטונג פון טילזיט; האָב איך די גאַנצע הײַנטיקע נײַס שוין אַרויסגעלייענט פון צווישן די שורות, אַלץ אַרויסגעהאַט!

— נו, אין דײַטש ביסטו דאָך ווי בײַ זיך אין דער היים — פּאַרציט לוקניק אַ התפעלותדיקע מינע — האָסטו פון צווישן די שורות געקענט אַרויסדרינגען, און טאַקע בפירוש געגנוי...

גאָר שוואַך האַלט לוקניק פון אַמדורס פּאָליטישן באַנעם. ניט ווייניק ספקט ער אין זײַן אויסקענען זיך אין דער דײַטשער שפּראַך. פאַר די אויגן שטייט אים נאָך, לוקניקן, ווי אָט דער מענטש האָט זיך באַוויזן דאָ אין שטאָט. אויסגעשריבן האָט מען אים אַהער לויט אַ מודעה וואָס ער האָט געהאַט פּאַרעפנטלעכט אין אַ ווילנער צײַטונג און זיך אָנגעגעבן ווי אַ מאָדערנער לערער, און דער עיקר אַ מומחה אויף רוסיש און עברית־בעברית, צו לערנען אין אַ לעבעדיקן העברעיִש. אָנגעקומען איז דער לערער אין אַ ווינטערטאָג. זעט לוקניק, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט, אַז דער מענטש קאָן זיך ניט רירן פון שליטן. די פיס זײַנען אים פאַרפראָרן; און ער דערציילט אַז אין וועג האָט ער ניט איין מאָל געטענהט צו דעם גוי פון שליטן, וואָס האָט אים אָפּגענומען פון באַן; ער האָט בפירוש געזאָגט אַז אים איז קאַלט אין די פיס!

— זימני ריבי!... — פאַרענטפערט זיך דער פויער — זימני ריבי, קאַלטע פיש, האָט צו מיר דער פּאַן לערער אַלץ געשריִען; אָבער ווו פיש בײַ מיר אין שליטן?...

האָט שוין לוקניק אין יענעם טאָג געזען די גרויסע קענטעניש פון דעם לערער אין דער מדינה־שפּראַך. אין זײַן רוסיש, הייסט עס, זײַנען די פיס פון אַ מענטשן גאָר פיש פון טײַך... אַ קאָמישן בליק וואַרפט איצט דער אַלטער גבאי אויף אַמדורן וואָס מאַכט זיך אַזוי וויכטיק און זיך אָט צעשמאַקעוועט מיט זײַן הויכער וועלט־פּאָליטיק; פון צווישן די שורות אין אַ דײַטשער צײַטונג האָט ער אַרויסגעלייענט... אַ ריס גיט אים לוקניק פון דעם שוועבן הויך־הויך:

— יואל, אַן קוראַזש!.. לאָז אָט היינט פאַלן דיין אַדלערבליק נאָר אויף איין קליינעם ווינקעלע; סך־הכל, וואָס טוט זיך דאָ אין אונדזער מקום?

— זייער וויכטיקע נייס האָט היינט געבראַכט פון דער גרויסער וועלט, משה, דעם רבס מיטעלער זון — לאָזט זיך שוין אַמדור אויף אַנדערע רייד, אָבער אויך מיט זיין קנאַקעדיק לשון — ארץ־ישראל ווערט אַ יידישע מדינה, און טויזנטער־טויזנטער יידן גרייטן זיך צו פאָרן אַהין, און מען לערנט שוין געשמאַק צו ריידן אַ לעבעדיקן עברית... נאָך היינט נעם איך זיך צו עפּענען אויך ביי אונדז אַזאַ קורס!

לוקניק קוקט ווידער אַן דעם אויפגעבלאָזענעם משכּיל, וואָס טאַקע נאָך זיינע זימני ריבי האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין שטאַרקע לומדות אויך אין העברעיש. אין דעם מאָדערנעם חדר וואָס ער האָט געגרינדעט, איז געווען זיין שטרענגער אָנזאָג צו די תּלמידים, אַז עברית זאָלן זיי ריידן אויך צווישן זיך. אין די הפסקות וואָס ער האָט דאָ איינגעפירט, אַלס מאָדערנער לערער, לויפט צו אים צו איין טאָג אַ יינגל מיט אַ מסירה אויף אַ חבר:

— אדוני המורה, חיים הוא, הוא... — נעמט זיך דער תלמיד מאַטערן מיטן עברית, און כאַפּט זיך אין יידיש — חיים, ער ט'מיר געגעבן אַ בריק אין די פּיס!..

— הוא נתן לי גשר בדגים — העלפט דער לערער אַרויס דעם תּלמיד אין העברעיש.

אַ משכּיל פון זימני ריבי און גשר בדגים — האָבן זיך קענער פון לשון־קודש געוומען וויצלען פון דעם מאָדערנעם לע־רער, וואָס די פּיס פון אַ מענטשן זיינען ביי אים דגים, פיש פון טייך, און אויך גשר, אַ בריק איבער אַ טייך...

איז טאַקע היינט געוויס ניט דער טאָג, אַז לוקניק זאָל קאָנען זיצן ביי זיין טיש און אויסהערן מיט געדולד אָט דעם יונגנמאַן וואָס האַלט זיך אויך פאַר אַ גוואַלדיקן פּאָליטיקער... אָבער אויגן און אויערן האָט דאָך דער גרויסער חכם; ווייס ער גאָרניט וואָס

טוט זיך הײַנט אין שטאָט?.. בײַסיק נעמען גיין די ווערטער צו אים:

— באַגריס איך דיך, יואל, צום ווערן אַ דירעקטאָר פון אַ העברעישן קורס; און געוויס ביסטו דאָך דער מומחה אויף דעם פּתחדיקן לשון־קודש, די הברה ספרדית, ווי מ׳רעדט אין ארץ־ישראל... און דער עיקר, די גאַנצע זשמעניע נײַס וואָס דו האָסט אַרויסגעפּישט פון דער דײַטשער צײַטונג, פון צווישן די שורות אַרויסגעלייענט. שייך צו זאָגן, אַ מבין דבר מתוך דבר, דער אמתער משׂכּיל!..

גליקלעכסטער אין שטאָט

די פרוי לוקניק קאָן ממש ניט צוזען ווי איר מאַן האַלט אין איין צוואַרפן שטעבלקעס אַמדורן. פאַר דער ווײַלע וואָס דער גאַסט אין בײַ זיי אין שטוב, האָט אים שוין איר רפאל אָנגעוווּנקען וועגן די שוואַכע קענטענישן זײַנע אין שפּראַכן, און זײַן השׂכּלה בכלל, און אַפילו די מעשׂיות מיט די פּיס און פּיש!.. אָבער אַמדור, פּילט נאָך ריקל, איז שוין פון זײַנע ערשטע טעג דאָ אין שטאָט געווען גאַנץ אַנדערש אָנגענומען בײַ פּרויען. הערצער זייערע האָט דער געקומענער לערער באַלד פאַרכאַפּט. זיין שטאַלטיק פיגור, די גאַלאַנטע האַלטונג; הײַנט זײַן ליבהאַרציקער שמייכל, און דאָס שיין ריידן, ממש דעקלאַמאַטאָריש!.. גאָר גיך האָט ער שוין אויך ניט געדאַרפט לערנען מיט קינדער. פאַרליבט האָט זיך אין אים אַ רײַכע און שיינע מיידל. ניט געהאָלפן האָט וואָס אירע עלטערן האָבן געטאָן אויף שטערן דעם שידוך. דער טאָכטער וואָס איז געווען פאַרקאָכט אין רוסישע ביכער, האָבן זיי געזען איר אונטערצוטראָגן אַפילו עפּעס אַ מעשׂה פון דעם קאַוואַליערס פריזיוו. דערציילט האָבן ליצנים, אַז בײַ זײַן שטעלן זיך צום מיליטער האָבן אים, ווי געוויינלעך, די דאָקטוירים אַ פרעג געטאָן, צי ער איז געזונט; אין רוסיש: טי זדאַראָוו? — מאַי טאַטע רב — מײַן טאַטע איז אַ רב, האָט דער גרויסער קענער געענטפערט...

ביז גאָר טוט איר ווײ, ריקלען, פון איר מאַנס ביטול־באַציִונג צו דעם יונגנמאַן, זײַן ווערטלען זיך איבער אים. און אָט נעמט ער זיך ווידער טרייבערן דעם גאַסט:

— יואל, ביסט דאָך געגאַנגען אַהער אַ שטיקל וועג, טאָ וואָס הערט זיך אין גאַס? זײַנען מענטשן צופרידן מיט דער דײַטשער

מפלה? און וואָס פאַר אַן אָרדענונג, מיינט מען, דאַרף זיך איצט אײַנשטעלן בײַ אונדז אין דער געגנט?

— הער נאָר פראַגעלער, און מיט אַזאַ פילאָסאָפיע!.. — שפּרינגט שוין אַרויס ריקל אין נעמט צעגלידעדן די ווערטער פון איר מאַן, אויפוויַזן אים אַז ניטאָ קיין בראָק פאַרשטאַנד אין זײַנע ווערטער — „וואָס הערט זיך אין גאַס?", הער נאָר די קלוגע פראַגע; אַז אַ מענטש, הייסט עס, גייט זיך זײַן וועג, מוזן בײַ אים זײַן די אויערן אויסגעשטעלט; אויפכאַפּן דאַרף ער יעדן וואָרט, נאָר אַ ווערטל אָדער קלאַנג וואָס גיבן זיך אַ טראָג... און נאָך אַ טיפע פראַגע פון מײַן גוואַלדיקן חכם: צי מענטשן זײַנען צופרידן מיט דער מפלה פון די דײַטשן?.. כאַ־כאַ! שוין דאָ אויך אַזאַ מין טערמאָמעטער אויף מעסטן בײַ יעדן איינעם זײַן שטימונג, וויסן צי ער איז צופרידן... און די גאָר שאַרפזיניקע פראַגע: וואָס פאַר אַן אָרדענונג, מיינט מען, דאַרף זיך איצט אײַנשטעלן בײַ אונדז אין געגנט?... פונקט ווי אַלע מענטשן וואָלטן גאָר טראַכטן מיט איין און דעם זעלבן קאָפּ!.. יע, און דער קאָפּ פון אַלע קעפּ איז דאָך דער רב אונדזערער; אין דײַנע אויגן, מײַן מאַן, איז ער דאָך באַהאַוונט אין אַלע וועלטזאַכן, אָט דער בטלן... אָבער דו רפאל, ווייסט דאַכט גאַנץ גוט אַליין, אַז ווי אומעטום אַזוי אויך בײַ אונדז ברוזן מיינונגען די פאַרשיידנסטע. און דאָך שלאָפסטו ניט קיין נעכט; דו זעסט פאַר זיך נאָר די בונטאָווששיקעס. אָט די וואָס גייען אויס נאָך דער אָרדענונג פון רויטן יושר אין רוסלאַנד!..

באַהערשט איז לוקניקס קוק, פויזעט קאַלט און באַדעכטיק איבער דער גרויסער שטוב און גליווערט מיט קלוגער געדולד. גוט באַקאַנט איז זײַן ריקל אויך אין שטאָט מיט איר חקרנות און האַמפּערדיקער גריבלערײַ. די שניטקרעמער חכמהן זיך און דערציילן, אַז איידער זי קלײַבט זיך אויס אַ שטיקל צײַג, צעפּאַלן אין פעדעם אונטער אירע פינגער גאַנצע באַלן שטאָף, פון דעם טאַפּן און איבערטאַפּן... גאָר ווי אַ רעטעניש איז אים אָבער די האַפּערדיקייט

אירע אין דעם היינטיקן פּאָליטישן מצב; אַזוי אָפּטימיסטיש, און מוטיקט נאָך איר מאַן!.. צעשמייכלט וואַרפט לוקניק אַרויס אַ פּאָר ווערטער, עפּעס יע אַן ענטפער דער ווײַב:

— איך דער תּם, האָב איך זיך, הייסט עס, סתּם אַרײַנגעהאַקט אין קאָפּ, אַז די צײַט איז אַ גאָר ערנסטע, און אַז יעדן טאָג קאָן אונדז דערוואַרטן ווער־ווייסט וואָס... די דײַטשן גייען אַוועק פון אונדז, זײַנען שוין דאָ פאַרמאָסטן העגט אויף צו פאַרכאַפּן די מאַכט; העגט אַלערליי, אַנדערע אפשר אויך סימפּאַטישע, און אַנדערע גוט־גוט בלוטיקע... איז שוין, ריקל טײַערע, דאַכט יע אַ ביסל פאַרענטפערט דײַן אַרויספאַל מיט קשיות און אָפּפרעגענישן. געגומען האָסטו דאָך יעדן וואָרט מײַנעם צעגלידערן, צעפּעדעמען...

— שוין אַזאַ נאַטור פון ווײַבער... — נעמט זיך אַמדור צו פאַרזיסן די שטימונג צווישן מאַן און ווײַב — אָט מײַן פאַניע, זאָל געזונט זײַן, אין וויפל זאַכן האַלט איך מיט איר אין איין אײַנטענהן...

איין אויג פאַרקוועטשט זיך לוקניקן מיט איראָניע, און דאָס צווייטע אויג קוקט אָן אַמדורן מיט אַ טשיקאַוועס. דער העלד דער גרויסער וואָס האַלט אין אײַנטענהן מיט זײַן ווײַב... אַז סך־הכּל, באַלד נאָך זייער חתונה האָט זי, די ווײַב, אָנגעהויבן פאָדערן פון אים אַ גט. אַ גליק נאָר האָט פאַסירט אָט דעם חכם און ליידיקגייער, וואָס די ווײַב איז שוין געווען פאַרגאַנגען אין טראָגן. און די קימפּעטן הערן ניט אויף. האַלט ער זי אַזוי פאַרן בויך... וואַרפט דער אַלטער צו אַ פראַגע:

— יואל, אונטער דער חופּה, אַז דער רב האָט דיר געהייסן מקדש זײַן דײַן פאַניען, וואָס האָסטו געטאָן?

— וואָס הייסט, רב רפאל? אַרויפגעטאָן דאָס רינגעלע.

— און איך בײַם מקדש זײַן, האָב אויפגעהויבן מײַנע ביידע הענט; בין איך דער ווײַב אַ גאַנץ לעבן אונטערטעניק... קענסט דאָך מײַנע, זי זאָל זײַן געזונט און לאַנג לעבן, און לאַנג־לאַנג מאַכן איר מאַן דעם טויט...

— רב רפאל, ווי איך האָב פריִער אַרויסגעזען פון אײַערע רייד, זײַט איר גאָר שטאַרק אומרויִק וועגן דער פּאָליטיק אין אונדזער געגנט. פּאַרוואָס זאָל זײַן ניט גוט ? סתּם איבערטראַכטן... — צעברייטערט זיך אַמדורס סאַמעטענער בליק און דאָס גאַנצע געמיטלעכע פּנים אין פּאַרוווּנדער.

ווי גליקלעך איז אָט דער מענטש ! — דערוועקט זיך אין לוקניקן אַ מין קינאה ; שטענדיק צופרידן און גאַלאַנט אויפגעלייגט... גייט טאַקע אַרום אַ ווערטל, אַז די צוויי גליקלעכסטע אין שטאָט זײַנען אַמדור און דאָס פערד פון דאָקטאָר רודיק. זעלטן פּאָרט לעצטנס אַרויס דער אַלטער דאָקטאָר מיט זײַנע וויזיטן. ווערט זײַן פערד נאָר געהאַלטן אויף דער בעסטער קאָרמע און זאָרגעוודיק געפּוצט... אַ חוזק-ביטול צעשמייכלט דעם אַלטנס אויגן :

— מיט דײַן רויִקן קאָפּ, יואל, ביסטו ניט אַנדערש ווי זיכער, אַז אויך בײַ אַ שאַרפן איבערגאַנג אין דער אָרדענונג פון אונדזער געגנט, בלײַבט דײַן שווער בײַ זײַנע געשעפטן און בײַם פײַנעם פּאַרמעגן ; און דו, דו בלײַבסט ווײַטער דער אייביקער קעסטניק...

שקצים עליך

באַזוכער אין שטוב בײַ רב רפאל לוקניקן זײַנען שוין הײַנט געוועזן ניט ווייניק. אַזאַ טאָג! געענדיקט איז די וועלט־מילחמה, און עס קומען אויף נײַע מדינות. ווערן דערוואַרט גרויסע נײַעס אויך דאָ אין ליטע. ניט צו וויסן אָבער וואָס פאַר אַן אָרדענונג קאָן זיך אײַנשטעלן. זײַנען די ייִדן שוין פול מיט זאָרג וועגן דעם עתיד זייערן. און ער, לוקניק, דער ראש־הקהל אין שטאָט און גרויסער עסקן אין דער גאַנצער געגנט, אין זאַמעט, ווייס נאָך ניט בײַ דעם מצב, ווי ריכטיק צו האַנדלען אויף באַוואָרענען די ייִדישע אינטערעסן... פאַרטאָן אין שווערע מחשבות, זעט ער די צוויי וואָס קומען אַרײַן. רײַסט זיך אים אַרויס:

— אוי, הײַנט!..

דער ערשטער פון די צוויי, רב רחמיאל, איז לוקניקס אַ שכן, אַ חבר נאָך פון דער יוגנט און אין שטוב דאָ אַ בן־בית. פירט ער זיך אָבער איצט מיט אַן אורח וואָס איז ווײַט פון צו פאַרשאַפן הײַנט לוקניקן אַ לײַכט געמיט און בעסערע שטימונג. אַ משגיח איז דער ייִד אין דער ישיבה פון אַ דערבײַיִקן מקום און איז גוט באַקאַנט מיט זײַן גרויליקער תקיפות... אין זײַנע אַרומפאָרענישן לטובת דער ישיבה, פלעגט ער זיך ביז די מילחמה־יאָרן אַרונטערלאָזן אויך אַהער אין שטאָט, און רײַסן געלט פון קהל און פון יחידים. איז ער אָט ווידער דאָ. און רב רחמיאל וואָס איז אַ לעבן איבערגעגעבן פאַר די לומדי־תורה, איז עס זײַן אונטערפירער...

ניט נתפעל איז אָבער דער משגיח, רב אברהם יונה, פון דעם גבאיס זויערן פנים. עקשנות פײַערט פון זײַנע אויגן און די בלאַסע

האַנט גייט פאַרביסן איבער זײַנע פאַרמעט־באַקן מיט דער גרוי־בלאָנדער באָרד:

— איבערגענומען האָט איר, רבֿ רפאל, אונדז מיט אוי, הײַנט. וואָס עפּעס „אוי״? און וואָס מיינט דער „הײַנט״?

— רפאל, ביסט עפּעס ניט בקו־הבריאות? אַ מיחוש?.. — איז צעשראָקן דער תּמימותדיקער רבֿ רחמיאל.

— און אַז יע אַ מיחוש, און אפילו חס־ושלום אַ מחלה — לאָזט ניט נאָך דער משגיח — רבֿ רפאל, זײַט איר טאַקע אין גאַנצן זיכער, אַז דער אוי־געשריי אײַערער איז געגנוי לויט די יסורים וואָס פּײַניקן אײַך? אַניט, איז שוין אַ חטא; עובר זײַט איר אויף מדבר שקר תּרחק, זיך צו דערווײַטערן פון שקר!..

— אַ גוט וואָרט, און אַ גאַר פרומער אַנווונק... — ווערט נאָך מער בולט לוקניקס אומגעדולד צו דעם שאַרפן אורח — געקומען זײַט איר דאָך, רבֿ אברהם יונה, מיט אײַערע ענינים; איז הײַנט דער טאָג? אַ טאָג אַזאַ!..

— און ווען מען קומט צו אײַך, רב רפאל, אָט הײַנט, אין דעם טאָג אַזאַ, אָבער מען קומט מיט אַ געשעפט אַ גוטן, אַ פעטן?..

ניין, ער וועט דעם ייִדן ניט אָפּפּטרן לײַכט, ווייס גוט לוקניק. קליגלט ער זיך נאָר ניט אַרײַנצוגיין אין אַ לענגערן שמועס. וויל ער אפילו ניט אַ פרעג טאָן וועגן דער שטימונג אין די מקומות וואָס דער אורח איז דורכגעפאָרן; געוויס קען ער וואָס דערציילן...
צעפירט לוקניק אַ ברייט צעעפנטע האַנט איבער זײַן הויכן גלאַנציקן שטערן און אַנגעשטרענגטע אויגן, ווי ער וויל דאָ פאַרטרײַבן אַ שלאָף, און טוט אַ זאָג אַפּהענטיק:

— גוטע געשעפטן, פעטע געשעפטן... שוין קנאַפּ להוט אויף די זאַכן; איך לעב דער עיקר פון ירושה; וועט פון מײַן פאַרמעגן בלײַבן פאַר אַנדערע אַ ביסל ווייניקער...

מיט אַ פאַרקוועטשט אויג און קאַלט פּנים צעשאַקלט זיך פרום דער משגיח. אַ שפּעלטעלע בליק באַטאַפּט מיט קנאַפּן אַפּשײַ דעם

גאַנצן פּרצוף פון דעם גרויסן נגיד מיט דער ברייטער דעה. ניט נתפּעל איז ער פון דער עשירות וואָס שרייַט פון יעדן ווינקל. אנשים נאמנים דערציילן אָבער בסוד, אַז נאָר לפּנים וועגן פּירט אָט דער ראש־הקהל אַ ייִדישן סטאַט. שוין אַ לעבן, זאָגט מען, ווי ער נאַרט דאָ דעם רבּ, און די שטאָט, און אַ וועלט אַ גאַנצע... נתחמץ געוואָרן איז ער שוין אין זײַנע ישיבה־יאָרן; פאַמעלעך־פאַמעלעך געקראָכן פון דרך־הישר, און די חריפות זײַנע אין גמרא איז אַריבער אין פראַווען ליצנות און אין אַפּיקורסישע ווערטלעך... מיט יאָרן צוריק האָט מען אים בסוד־סודות אַפילו חושד געווען מיט בשר־חוץ, אַ שיקסע זאָל ער זיך האָבן פון דער זײַט... אָבער אויך הײַנט, רעדט מען, אַז דער אַלטער פאַרגעסט אָפט דאַוונען אַ מינחה.

שוין גוט געניט מיט די גבאים און תּקיפים, רעדט נאָך ניט דער משגיח פון געלט און פון אַנדערע כּוונות. אַ הספּד, זאָגט ער, זאָל אים זײַן דערלויבט צו האַלטן אין דער גרויסער שול.

— שוין חדשים ווי עס איז נסתּלק געוואָרן רבּ חיים בריסקער, און ער איז ניט ניספּד געוואָרן כּהלכה; דער גדול הדור, ער קאָן דאָך ווערן פאַרגעסן!

— ווער קאָן ווערן פאַרגעסן, דער וועלט־גאון רבּ חיים, אָדער דער הספּד־מאַכער?.. — פינטלט צו לוקניק מיט אַן אייגל, און פּרוּווט אָבער בײַטן אַ ביסל דעם טאָן — איר זאָלט לאַנג לעבן, רבּ אברהם יונה, מען פאַרגעסט אײַך ניט, חס־ושלום. אָט זײַט איר בײַ אונדז אין שטאָט שוין ניט געווען עטלעכע יאָר, און איך האָב אײַך באַלד דערקאַנט, און ווייס נאָך וואָס איר זײַט געקומען... קהל האָט אָבער ניט קיין געלט; און הײַנט קאָן שוין ווייניק העלפן אײַערער אַ געוויין בײַ אַ הספּד, מיט די טרערן, און די אַלטע משלים און אַנשרעקענישן פון גיהנום... איר זיצט דאָ צוזאַמען מיט רבּ רחמיאלן; ער קאָן אײַך אפשר יע אַנטקעגנקומען. ער האָט דאָך זײַן גאָר באַזונדערן קאָמערץ, טאָ זאָל ער אַ מיסחר טאָן מיט זײַן עולם־הבא...

אַ מעשה פון יאָרן, וואָס מען דערציילט אויף רב רחמיאלן. געקומען איז ער צו אַ ייִדישן גוטבאַזיצער און גענומען אים אײַנריידן, ער זאָל אין אַ הויז בײַ זײַן סאָסנאָוון וואַלד אַרײַנלאָזן דורכן זומער אַ צאָל אָפּגעשוואַכטע ישיבה־בחורים און זיי אויסהאַלטן. האָט אָבער דער ייִדישער פּריץ ניט געוואָלט הערן פון אַזאַ מיצווה און זיך נאָך צעוויצלט איבער די ישיבהניקעס, און געוואָרפן די ווערטער: פּאַטראָנעס, באַנקקוועטשער, קרומע רוקנס... אָבער פּלוצלינג זאָל דער זעלבער מענטש האָבן געגעבן אַ זאָג, אַז אויב רב רחמיאל וועט אים איבערגעבן אַ חלק פון זײַן עולם־הבא, גייט ער אײַן אויף דער בקשה און איז נאָך מוסיף אַ סומע מזומנים פאַר נאָך באַדערפטיקע... און רב רחמיאל זאָל האָבן אײַנשטימיק געענטפערט:

— און בכלל אָן עולם־הבא, וועל איך ניט קאָנען טאָן פאַר קראַנקע ישיבה־בחורים און פאַר אַנדערע ניצרכים?

רב רחמיאל איז שוין געווינט מיט דער מעשה וועגן זײַן עולם־הבא. ער ווייס אַז אונטער די אויגן ווערט ער אפילו גערופן: עולם־הבאניק. אַרט אים דאָ אויך ניט דער צושטאָך פון לוקניקן, און ער גייט אַרויס מיט זײַן תּמימות און אָפנקייט:

— די ישיבה פון רב אברהם יונהן שטייט לעצטנס גאָר שלעכט אין גשמיות; פּשוט ניטאָ קיין מיטלען אויף אויסצוהאַלטן די לערנער. און פון רוסלאַנד קומען כּסדר צו נײַע בחורים... אונדזער רב, זאָל געזונט זײַן, איז דורכויס מסכּים אַז מען מוז געבן גרויסע געלט; די הילף, זאָגט ער, איז גאָר באַזונדער אַ דבר בעתּו, בײַ אַזאַ צײַט!..

דעם משגיחס אויגן צעפּלעמלען זיך איבער לוקניקס פּנים. ער זעט שוין דעם צעשפּרוזש פון געדאַנקען אין דעם מוח פון דעם ראש־הקהל. די אַ מאָדערנע עסקנים און פּראַקטישע מענטשן, אַ באַזונדער האָס ברענט דאָך אין זייערע הערצער אויף די בחורים וואָס לערנען אין די ישיבות!.. ער דערמאָנט זיך, דער תּורה־ייִד, וועגן איינער אָן אסיפה. אַוועקגעזעצט האָבן זיך ניכבדים צו אַ

באַראַטונג מכּוח דעם שווערן מאַטעריעלן מצב פון אַ באַרימטער גרויסער ישיבה. האָט אַן אַלטער סוחר זיך אַרויפגעטאָן זײַנע גאָלדענע פּענסנע און ברייטלעך זיך געגומען פונאַנדערקלײַבן אין די ציפער פון דעם פּאַפּיר מיט די הוצאות פון דעם מוסד. דערקלערט מען אים אַז די ערשטע סומע איז פאַר דעם ראש־ישיבה. איז ער באַלד מסכּים, דער פּראַקטישער ייִד, און רופט אויס מיט חשיבות, אַז עס איז באמת ניט פּאַרצושטעלן זיך אַ ישיבה אָן אַ ראש־ישיבה, אַ מנהיג; און פּאַסיק, האַלט ער, איז אויך די פײַנע שכירות פאַר די געהילפן זײַנע, די צוויי אַנדערע ראשי־ישיבות. אַ וואָרט רעדט ער ניט וועגן די הוצאות פאַר דעם משגיח, וואָס זאָגט אויך מוסר פאַר די תּלמידים, און פאַרן שמש, און נאָר קלענערע סומעס. נו, קלאָר — האָט דער גביר געהאַלטן אין צושטימען — אַוודאי, אַן די אַלע הוצאות קאָן זיך דאָך אַזאַ מוסד ניט באַגיין. אָבער אַט גיט ער זיך אַ שטעל אויף אַ ציפער גאָר אַ גרויסן. זאָגט מען אים, אַז דאָס איז אויף אויסצוהאַלטן די בחורים פון דער ישיבה, די תּלמידים. דאָ איז ער אויפגעשפּרונגען מיט רוגזה:

— טרײַבט זיי אַרויס, די שקצים!

דער משגיח איז זיכער אַז די מעשה איז באַקאַנט לוקניקן, וואָס מיט זײַן קלות־דעת קוקט ער שוין פון אַלע מאָל קרום אויף די ישיבות. טוט ער אים טאַקע דאָ איצט אַ זאָג:

— שקצים עליך, רב רפאל!... אונדזער ישיבה וועט אם ירצה השם ווערן נאָך און נאָך גרעסער, און מיט אַ סך־אַ סך בחורים...

— עס פעלן באמת אויס רעוואָלוציאָנערן, און דווקא די שאַרפע גמרא־קעפּלעך, און בפירוש אין אַזאַ צײַט... — שמייכלט אונטער לוקניק און פּײַלט דעם קוק באַזונדער אין זײַן רב רחמיאלן וואָס טאַנצט אַרום דעם משגיח מיט אַ דערהויבענער גרייטקייט צו טאָן פאַר זײַן ישיבה — יע, מען האָט שוין אפנים פאַרגעסן דאָס פינפטע יאָר, 1905, דאָס פינצטערע יאָר; ישיבה־בחורים זײַנען דאָך געווען פול אין „בונד״; און אין וועלכע ניט געזינדלעך פון די מורדי־במלכות? אין דער זעלבער ישיבה פון רב אברהם יונהן

האָבן דאָך צוויי בחורים צוגעשטעלט פּיסטאָלעטן צום האַרצן פון זייערן אַ ראש־ישיבה. די צרות, די צרות וואָס אָט די שמד־קעפּ האָבן אָנגעמאַכט !.. און די איצטיקע איבערקערעניש אין רוסלאַנד, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, איז אויך געבענטשט מיט די בני־תורה. אפילו אונדזער קהילה האָט שוין זוכה געווען צוצושטעלן דאָרטן אַ קאָמיסאַר; מיר קענען אים אַלע דעם בחור, געשמט ווי אַ מצוין און מופלג, אָט יעקב, דער בן־הרב...

דווקא היינט

אין טרינקען די טיי מיטן צובײַס וואָס די באַלעבאָסטע האָט געשטעלט אויף דעם טיש, רעדט שוין רב רפאל לוקניק געמיטלעך מיט זײַנע געסט. גיט ער זיך אַ ווענד צום משגיח מיט אַ פראַגע, ווי אגב:

— רב אברהם יונה, אויף דעם וועג אַהער אין שטאָט זײַט איר דאָך דורכגעפאָרן ניט איין מקום, און געוויס געזען און זיך אָנגעהערט... זײַנען מענטשן צופרידן וואָס די דײַטשן האָבן פאַרלאָרן די מילחמה און מוזן פאַרלאָזן די געגנט?

פון די צעהויבענע פּלייצעס בײַם משגיח און זײַן ביטולדיק שאָקלען מיטן קאָפּ און דאָס נעמען מישן מיטן לעפעלע אין דער כמעט־אויסגעטרונקענער טיי — כאַפּט אַדורך ריקלען אַ ציטער וועגן איר מאַן. ער הייבט שוין אָן, זעט זי, מיט דער הערשאַפט, אין וואָס פאַר אַ הענט קאָן איצט אַרײַנפאַלן די געגנט. דער אָ ענין לאָזט דאָך אים ניט רוען און פאַרסמט דאָס לעבן. די רוסישע רעוואָלוציע איז שוין בײַ אים אָט־אָט אויך דאָ אויף דער שוועל!.. זוכן אים אַזוי הײַנט פּאָליטישע טוער, און זי האָט זיי בכיוון געזאָגט אַז ער איז ניטאָ אין שטאָט... אָבער אָט פאַרנעמט ער זיך שוין אויף אַ שמועס אין פּאָליטיק אויך מיט דעם פרומאַק וואָס טרייף איז בײַ אים אפילו אַ צײַטונג!.. ווײַל זי דאָ אָפּהאַלטן איר מאַן און נעמט אים קריטיקירן, ווי איר שטייגער. מבטל איז זי באַלד שוין זײַן ערשטע פראַגע:

— זײַנען מענטשן צופרידן?.. אויף דער דײַטשער אָקופּאַציע וואָס ענדיקט זיך, ווייסטו אויך, איז ניטאָ וואָס צו פאַרגיסן קיין טרערן. צעקלעמט קאָנען זײַן נאָר די פרויען וואָס האָבן געפירט

ליבעס מיט די דײַטשן, און אָט בלײַבן זיי צו וויסט און שאַנד. אומהיימלעך פּילן זיך הײַנט געוויס אויך אונדזערע אייגענע מוסרים וואָס פּלעגן צושטעלן די דײַטשן געהיימע ידיעות, בײַם מאַכן זייערע קאָנפיסקאַציעס און רעקוויזיציעס. די צרות וואָס מען איז אויסגעשטאַנען פון די מנוּוולים! נו־נו, און די ספּעקולאַנטן, די מילחמה־גבירים, צוזאַמען מיט די שמוגלערס, וואָס ניט געקוקט אויף דער שטרענגער מיליטערישער וואַך, פלעגן זיי דורכפירן אַלערליי פאַרבאָטענע סחורות און זיך אָנשיטן מיט גאָלד. ענדיקט זיך הײַנט אויך זייער וועלט... מעג זיך דערבײַ אויך נישקשה באַדענקען מײַן מאַן. בײַ אַ דורכפאַל פון אַ ספּעקולאַנט אָדער שמוגלער, פלעגט עס מײַן בעל־רחמים לויפן צום קאָמענדאַנט מיט אַ השתדלות, מען זאָל די פּײַנע לײַט אַרויסלאָזן פון טורמע און חלילה ניט פאַרפירן קיין מישפּט!..

— די מיצווה פון פּידיון־שבויים, אַרויסנעמען אַ ייִדן פון גוייִשע הענט, גאָר אַ קיטרוג!.. — קען ניט דער משגיח פאַרשטיין די טענה פון דער פרוי.

— שוין אַזוי די ווײַבער... — שמייכלט וואָרעמהאַרציק רב רחמיאל — אין אַלץ און שטענדיק איז דער מאַן שולדיק!

— און גראָד איך טאָר זיך וועגן דעם ניט באַקלאָגן — איז לוקניק ווי אָנקוועליק — אָט איז געווען אין יאַפּאַן אַן ערד־ציטערניש, האָט מיר מײַן ווײַב אַ וואָרט ניט געזאָגט...

בײַ באַגעגענישן מיט עסקנים און תּקיפים אין די ענינים פון זיין שליחות, איז דער משגיח שוין געוווינט אויסצוהערן זילזולים און אויסשטיין אפילו בזיונות. סתּם אָבער ליצנות דאַרפן דאָך ניט הערן זײַנע אויערן!.. האַלט ער פאַר אַ חוב צו מוכיח זײַן אויך דעם יוסטן גביר:

— רב רפאל, איר האָט שוין מסתּמא פאַרגעסן דעם על־חטא בלצון און דעם לצנו פון אשמנו, די ווערטער אין דעם ווידוי פון יום־כּיפּור? מיט אײַער הרגל אין ליצנות דערמאָנט איר יענעם אפּיקורס וואָס שטייט יום־כּיפּור אין שול און מיט חוצפּהדיקער

זיכערקייט פּאַרטײַטשט ער: חטאתי, איך האָב געזינדיקט; עויתי, איך וועל זינדיקן; פשעתי, און טו מיר וואָס !..

— דאָס ווערטל האָב איך טאַקע ניט איין מאָל געהערט פון מײַן מוטער, עליה השלום — גיט צו ריקל מיט אַ צופרידנקייט, וואָס דער משגיח האָט אָנגעמוסרט איר מאַן — ניט צו טרעפן הײַנט אַזאַ חכמה און צדיקת ווי מײַן מוטער!

— מוטער... — האָט שוין דער ייִד וואָס צו זאָגן אויף דער בעל־הביתטע — מוטער, פאָטער; מאַמע און טאַטע, פאַסט שוין ניט. ניט מאָדערנע... אין זייער נאָכמאַכן די מאָדערנע וועלט, האָבן זיך אונדזערע משׂכּילים אַ לאָז געטאָן אין די דרכי־הגויים, אַוועק אין די קרומע וועגן, און זיך דערטאַנצט אויך צו די תּועבות־הגויים, צו די אַלדע אומווערדיקייטן... יע־יע, אפילו פון מוטער קאָן דערגיין צו מותּר, אַלץ מותּר; און פון פאָטער, צו פּטור, פּטור פון עול מלכות שמים, אויס מיצוות, אויס ייִדישקייט!.. און די הפקרות הייבט זיך אָן פון די ביכלעך די טרייף־פּסולע, די ראָמאַנען!..

— און טאַקע אויך אַ משגיח ווי איר, רב אברהם יונה, האָט ער אונדז בחורימלעך אין ישיבה דערבראַכט צו די ראָמאַנען — צעשמייכלט זיך לוקניק — אין זײַנע מוסר־שמועסן פלעגט דער ייִד מיט רוגזה פּײַערן אויף די טרייף־פּסולע:

— די ראָמאַנען, אַ שרײַבעניש ווי אַ בחור יאָגט זיך אין קאָרן נאָך אַ מיידל; הבל־הבלים!

דערציילט לוקניק, ווי דער אַ הבל־הבלים וואָס פלעגט בײַם משגיח יעדן מאָל ווערן אַרויסגעבראַכט מיט אַ ביטערניש און צאָרן, פלעגט אין די רייען צווישן די יונגע אַרויסברענגען — אַ הײַטער איבערווינקעניש און אַ שושקעניש:

— אין קאָרן, יאָגן זיך נאָך אַ מיידל; אפשר גאָר ניט קיין הבל־הבלים?...

אומבאַקוועם פילט זיך רב רחמיאל קעגן לוקניקן, זײַן שכן און חבר און גרויסער פרײַנד. גראָד אין אַזאַ טאָג האָט ער עס צו אים געבראַכט אָט דעם ניט־לײַכטן אורח, און דיביידע זײַנען אין די

רייד צו ווײַט אַוועק... זעט דער עולם־הבאניק אַ קער צו טאָן דעם שמועס, און דערמאָנט דעם משגיח:

— רבֿ אברהם יונה, לאָמיר בעסער ריידן וועגן אײַער ישיבה; די גוואַלדיקע הוצאות!..

— אַחוץ גמרא ווערט אין אונדזער ישיבה געלערנט מוסר — לאָזט ניט אָפּ דער משגיח מיט זײַן אַטאַקירן לוקניקן — און גאָר אַ סך ווערט געטאָן אויף דערוויַיטערן דעם מענטשן פון ליצנות; וויסן מוז מען אַז עס איז דאָ אַ גיהנום!..

קיין לײַכטער אורח איז קיין מאָל ניט געווען אָט דער קנאי. לוקניקן געדענקט זיך אָבער ניט, אַז דער ייִד זאָל האָבן ווען גערעדט צו אים מיט אַזאַ זילזול און ביטול. פליגעלער פון דער רוסישער רעוואָלוציע זשומען שוין, הייסט עס, אפילו אין דער נאָז פון אַזאַ איינעם!.. האַלט ער זיך ניט אָפּ, דער גבאי, און נעמט ערגערן דעם משגיח מיטן נאָכמאַכן אַ דרשה פון קעלמער מגיד, וואָס פלעגט אָנוואַרפן שרעק מיט זײַנע שילדערונגען פון גיהנום. פרום צעשאָקלט זיך לוקניק און ווערטער צעהילכן זיך מיטן מגידישן צוזינג:

— רבותי, די בערלינטשיקעס אונדזערע זאָגן אַז עס איז ניטאָ קיין גיהנום. זיי, אָט די משׂכּילים וואָס שעפּן זייער חכמה אַזש פון בערלין, פון די שאַרפע ייִדישע קעפּ דאָרטן. יע, די בערלינטשיקעס וויסן וואָס זיי זאָגן וועגן גיהנום; דאָך ניט שייך... טײַערע ייִדן, רעגט זיך ניט, שפּרינגט ניט אויף!.. נאָר לאָמיר זיך נעמען אַ ציור, אַ משל אַזאַ. אַ וואַלד. אַ גוואַלדיק גרויסער, ווי זאַמעט, ווי אָט די גאַנצע געגנט. אַ וואַלד מיטביימער, סאָסנעביימער... און סלופּעס אַרום דעם גאַנצן וואַלד, אַנגעמויערטע סלופּעס, וואָס אויף זיי איז מיט קייטן אָנגעהאַנגען אַ קעסל. הענגט דער קעסל איבערן גאַנצן וואַלד... פון די סאָסנעס טריפט דאָך אַרויס פּעך. ווערט דער פּעך אַלץ אַרײַנגעטאָן אין קעסל, ביז פול, אָנגעפּילט ביז אויג... און דאָ, רבותי, לאָמיר זיך אָקאָרשט נעמען פאַר די אויגן אַ הייסן זומער, ניטאָ קיין רעגן, טרוקן ווי ביין די ביימער.

אין אַזוינע טעג האָט אַרומגעכאַפּט דעם וואַלד אַ פֿײַער. און די פלאַמען גלײַך צום קעסל... און אָט גאָר אַ יאָמערדיקן קול, אַ רײַסיק געוויין פון דעם קאָכיקן פּער! מאַפּקע בראָט זיך; אברהמעלע מאַפּו ווערט נעבעך געפּרעגלט... ער כליפּעט, שלוכצט, בעט זיך; ביטערע חרטה האָט ער אויף זײַנע טרייף־פּסולע ביכלעך וואָס פאַרסמען מענטשן... גיט אים אָבער נאָך העלישער אַ נעם דער בראַנד, און גרויליק־גרויליק טראָגן זיך די קולות פון דעם פלאַקערדיקן פּער!... רבותי, טײַערע ייִדן מײַנע, וואָס שווידערט אײַך אַזוי? אַ פלאַטערניש זע איך דאָ, אַ צאַפּל... — פלעגט זיך דער קעלמער ווי געבן אַ כאַפּ און אָנקוקן דעם עולם מיט זיגערישן אויסלאַך; האַ, איז שוין יע דאָ אַ גיהנום?..

— און וואָס זאָגט וועגן גיהנום דער חשובער עסקן און ראש־הקהל פון אַן עיר־ואם־בישראל?... — שפּריצט מיט אַ רויטקייט דאָס פּנים פון משגיח.

— איך... — איז קאַלט לוקניקס שמייכל — אַז מען רעדט פון יענער וועלט, זאָג איך אַז דער גן־עדן קאָן זײַן אָפן אויך פאַר יעדן איינעם, ניט נאָר פאַר צדיקים. און מען פּרוּווט עס אויך דערווײַזן. אָט אַז מען זאָל גלייבן אַלץ וואָס דאָקטוירים שרעקן איין וועגן מיקראָבן און באַצילן און נאָך אָנשיקענישן וואָס לויערן אויף אונדז, וואָלט אַ מענטש געקאָנט לעבן העכסטנס דרײַ יאָר. און אָט ווידער. אַז עס זאָלן למעשה ווערן דורכגעפירט געוויי די רוסישע געזעצן וועגן אונדז ייִדן, די ווילדע און רישעותדיקע גזירות אויף יעדן טראָט, דאַרף אַ ייִד שטענדיק זיצן אין טורמע. און אָט מגידים. אָננעמען זאָל מען די אַלע אָנשרעקענישן אין זייערע שטראָפרייד, קאָן גאָרניט געמאָלט זײַן אַז דער מענטש זאָל אַרויסגיין פון גיהנום... אָבער עס איז דאָך באַוווּסט אַז מענטשן לעבן אַרײַן אויך ביז הונדערט יאָר; און אין רוסלאַנד געפינען זיך גאָרניט קיין סך ייִדן אין די טורמעס, און גבירים אונדזערע זיצן אין פּאַלאַצן אפילו אין סאַמע פּעטערבורג... לאָזט זיך טאַקע אויך דרינגען אַז בכלל קאָן נאָך כמעט יעדער ייִד זוכה זײַן צו עסן

פון דעם לוויתן.. און אָט האָבן מיר אויך אַזעלכע, וואָס שוין אויף דער זינדיקער וועלט מאַכן זיי טראַנסאַקציעס אויף דעם חשבון פון זייער חלק לוויתן... — וואַרפט שוין לוקניק ווידער אַרײַן אַ שטאָך רבֿ רחמיאלן, דעם עולם־הבאניק, פאַר זײַן אַרײַנבערענגען הײַנט אַזאַ אורח.

געדיכטע טריט נעמען זיך הערן מער און מער פון דער גאַס. מענטשן עפּעס אין אַ ראַשיקן גאַנג. אין שטוב אַרײַן רײַסן זיך סאַפּעדיקע קלאַנגען, אַפּגעריסענע; אַ הילכיק און קורצאָטעמדיק ריידן... די נײַס ברענגט אַרײַן ריקל, די באַלעבאָסטע, מיט איר אַרײַנקום פון דרויסן:

— אַ דעמאָנסטראַציע אַ גרויסע גייט באַלד אַרויס פון מאַרקפּלאַץ. פּאַנעס רויטע־רויטע, פּאַקעלן, אפילו מוזיק. סאַראַ געלאַף אַהין!.. ווי להכעיס האָט זיך דער דרויסן אויסגעלײַטערט; צוליבן שלאַקס רעגן איז דאָך אין דער פרי ניט אַרויס פון קלויסטער די פּראָצעסיע...

— שוין צײַט צו מעריב! — כאַפּט זיך דער משגיח.

גייט מיט אין בית־מדרש אויך רבֿ רחמיאל. לוקניק אָבער שוין אין אַן אומרו צוליב דעם טומל אין גאַס, בלײַבט ער אין שטוב. בײַ דער טיר, וואַרפט אים צו רבֿ רחמיאל אַ דערמאָן וועגן זייער לערנען בחברותא אין די אָוונטן:

— רפאל, שפּעטער בין איך דאָ צו אונדזער בלאַט גמרא.

— אוי, אָט הײַנט! ווער ווייסט וואָס פאַר אַן אָוונט...

— יע, טאַקע הײַנט, אויך הײַנט! — מישט זיך אַרײַן דער משגיח, זעצט זיך צוריק און זאָגט זיך אַרויס — אילמלא תּורה לא נתקיימו שמים וארץ, אַ בפירושער מאמר חז״ל, אַן תּורה האָט די וועלט ניט קיין קיום; חרובֿ קאָן ווערן די גאַנצע בריאה, ווען עס זאָל חס־ושלום געשען אפילו די קלענסטע הפסקה אין לימוד התּורה!.. מיט זײַן זיצן בײַ אַ ספר דאַרף אַ ייִד אויך ניט פאַרגעסן, אַז מעגלעך גאָר אין דער רגע ווערט אין ערגעץ ניט געלערנט קיין תּורה, און אָט ער, נאָר ער, האַלט עס איצט אויף מיט זײַן

לערנען די וועלט... איז אָבער דער יצר־הרע! קומט צום נעמען אַ ספר, שפּרינגען אָן אויף דעם מענטשן תּירוצים, און ער פאַררעדט שוין זיך אַליין. אַ רגע אָן תּורה, טראַכט ער זיך, קאָן טאַקע די וועלט ווערן חרוב. איז עס אָבער די רגע דווקא היינט, גראָד אין דעם טאָג? וועל איך עפענען די גמרא מאָרגן. און ווידער, אין דער וועלט בין איך עס נאָר איינער, איין מענטש? געוויס זיצן אַנדערע אין דער רגע ביי אַ ספר. און חוץ דעם, בלעטער גמרא דאַרף אַזוי פיל, טאָ וועלכן זאָל איך לערנען?.. צום זיין אָבער פאַרהיט פון אַזעלכענע מחשבות, דאַרף זיך דער ייִד פאַרשטעלן אַז אויף דער וועלט איז דאָ נאָר איין טאָג, אָט היינט; און דאָ איז נאָר איין מענטש, אָט ער; און דאָ נאָר איין בלאַט גמרא, אָט דער בלאַט ווו ער האַלט... הערט איר, רב רפאל, ביי לימוד התורה טאָר ניט זיין קיין וועלכע אָפּלייגעניש; גאָר מאָרגן, אָן אַנדערש מאָל!.. און אַ פּשיטא, מכּל־שכּן און אַוודאי און אַוודאי, אַז עס גייט וועגן אַ ישיבה! דווקא אין אַ תּוהו־ובוהו, אין טומלדיקע צייטן מיט די שייגאַצים און כּופרים וואָס נעמען גוואַלדעווען, מוז מען מחזק זיין דעם לימוד התּורה... טאָ הערט אויך, דווקא היינט איז טאַקע דער טאָג אויף נעמען זיך צו מייסד זיין אַ ישיבה דאָ אין שטאָט. היינט אָוונט וועל איך נאָך זיין ביי אייער רב. און די קהילה אייערע, רב רפאל, וועט אם ירצה השם ווערן אַ מקום־תּורה, מיט אַ סך־אַ סך תּלמידים, בחורים מצוינים, בעזרת־השם!

דורך שפּאַרונעס

קלאַנגען פון אַ מאַרשמוזיק האָבן זיך צעשפּילט אַלץ נעענטער און הילבן מונטעריש, וועקעריש, מאָנעריש. האָט עס רפאל לוקניקן מיט זײַן ריקלען געלאָזט הערן אַז די דעמאָנסטראַציע איז שוין אין וועג און גייט דורך זייער גאַס. כאַפּט זיך די עלטערע פּאָר און פאַרמאַכט די לאָדנס פון די פענצטער און טירן און לעשט אויס אין שטוב דאָס ליכט. באַלד האָבן שוין די פעביקע פּײַערן פון די מאַרשירנדיקע שטורקאַצן זיך שפּריציק גענומען אַרײַנרײַסן דורך נאָר אַ שפּאַרע און שפּעלטעלע, און זיך צעטאַנצט איבער די ווענט און אין די אויגן אַרײַן פון די בעלי־בתים. טרײַבט זיי אויפצוכאַפּן וואָס פון דער גאַס. מיט די שטערנס אײַנגעקוועטשט בײַ די שפּאַרונעס פון אַ לאָדן צעשפּיזן זיך פון דער פינצטער בליקן אין דעם מאַרש אַרײַן... אין פלאַמיקן ווינט, מערקן זיי, כוואַליעט זיך פאַרויס אַ בלוט רויטע פאָן. און די מיידל וואָס שטרענגט זיך אין אויסהאַלטן דעם שטאַנג אין אירע הענט, רײַסט אַרויס בײַ דער אַלטער אַ ברום מיט דערשיטער:

— נעמי !..

אַן אייניקל פון לוקניקס אַ שוועסטער איז די פאָנע־טרעגערין איר טאַטע, דער אייגנטימער פון דער גרויסער דאַמפּמיל אין שטאָט; איז אויך אַ גבאי אין אַ בית־מדרש און עסקן. אין גימנאַזיע האָט זיך די נעמי געהאַט צונויפגעשמעקט מיט אַ לינקן קרײַזל, און אַרײַנגעפאַלן אין טורמע. קוים באַפרײַט, האָבן זי די עלטערן געשיקט לערנען קיין אויסלאַנד. איז זי צוריקגעקומען נאָך מער אַ פאַרברענטע רעוואָלוציאָנערין...

פון הינטער די ברילן־גלעזער צעפינטלען זיך די פיר אַלטע אויגן איבער די גרויסע שרײַיקע פּלאַקאַטן וואָס וואַרפן זיך אין

דעם האַרבסטווינט. גערופן ווערן די פּראָלעטאַריער פון אַלע פעלקער צו פאַראייניקן זיך; אָנגעזאָגט ווערט אַ וועלט־רעוואָלוציע אונטערן אָנפיר פון לענין און טראָצקי; און דאָ פּאַר ליטע ווערט געפּאָדערט שוין־גלייך אַ ראַטן־רעפּובליק!..

— סטרימײַטיס, דער ערשטער אין ריי הינטער דער פאָנע... — קוקט זיך גוט צו לוקניק — ווי דער טאַטינקע זײַנער, פּראַנאַס!..

ניט איינעם ליגט טיף אין די ביינער פּראַנאַס סטרימײַטיס. געבאָרן אין דער געגנט בײַ ערדלאָזע עלטערן, איז ער אַ יונגטלעכער אַוועק קיין קאָוונע און געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ מעטאַל־פאַבריק. אין אַ רעוואָלוציאָנערער דעמאָנסטראַציע איז ער געוואָרן צעקאַטעוועט און פאַרוווּנדעט פון די קאָזאַקן מיט זייערע נאַהײַקעס און שווערדן. ער האָט זיך אָבער געראַטעוועט פון אַרעסט, און אַ קראַנקער, קוים לעבעדיק, זיך צוריקגעקערט מיט אַ ווײַב און קינדער אַהער אין שטאָט. יאָרן ביז זײַן טויט האָט ער ניט אויפגעהערט אין געהיים צו העצן קעגן צאַר און געבונטעוועט די פּאַראָבקעס און אָרעמע פּויערים קעגן די פּריצים. געברענטע צרות האָבן פון אים אויך געהאַט קרעמער און פאַבריקאַנטן דורך די שטרײַקן וואָס ער צוזאַמען מיט יידישע חברה פלעגן אָרגאַניזירן. אַ האַנט האָט סטרימײַטיס אויך געהאַט אין די עקספּראָפּריאַציעס, אין באַפאַלן געלטמענטשן מיט געווער און אַרויסרײַסן פון זיי גרויסע סומעס פאַר רעוואָלוציאָנערע צוועקן.

גערעדט האָט מען שוין אין שטאָט, אַז דער יונגער סטרימײַטיס איז דאָ צוריק פון מלחמה און ער דרייט זיך אַרום עפּעס מיט פאַרשיידענע חברה. זעען איצט די ביידע אַלטע דורך די שפּאַרונעס, ווי נאָך אָנגעטאָן אין רוסישן מיליטערישן שינעל מאַרשירט ער בראש פון אַ מחנה סאָלדאַטן וואָס זײַנען אויך צוריקגעקומען פון רוסלאַנד אָדער פון געפאַנגענשאַפט. און עס צײַען זיך רייען שלאַבערדיקע, אין בגדים צעקאָדערטע און צעפליקטע און די אַרבל מיט גרויסע ציפער, נומערן וואָס יעדער צוואַנג־אַרבעטער האָט געטראָגן בײַ די דײַטשן... פאַרלאָפן איז לוקניק מיט ציטער:

— די רייען זאָלן עס זײַן אַ פּאַרמאַרש און אָנזאָגער, אַז אויך דאָ וועט ווערן נאָכגעמאַכט די רוסישע רעוואָלוציע. בראש פון אַ ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק וועט עס שטיין סטרימײַטיס, און גענוג ייִדישע ייִנגלעך זאָטלען זיך אויך צו ווערן קאָמיסאַרן...

— סאַראַ שטיק, אַ קאָמעדיע !.. קוק זיך גוט צו, רפאל — כאַפּט זיך די פרוי צו פאַרטרײַבן דעם קומער פון איר מאַן — אין רוסלאַנד, דערציילט מען טאַקע, גייען די דעמאָנסטראַציעס צוזאַמען מיט גאַנצע פאַרשטעלונגען...

זעען זיי ביידע, אַ ריי אַ טשיקאַווע קומט אָן. ווי אַ גלח איז איינער אָנגעטאָן. מאַרשירט ער געאָרעמט מיט אַ פאַרשטעלטן רב און אַ דריטער וואָס איז צו זיי געאָרעמט, זעט ער אויס ווי דער געוועזענער רוסישער קייסער און אַ האַנט זײַנע פאַכעט מיט אַ שווערד און אַ נאַהײַקע... אַהינטער גייט אַ ריי פאַרשטעלטע מאַנאַכן און מאָנאַשקעס וואָס צלמען זיך און מורמלען פון געבעטביכלעך. און אַ ריי כלומרשטע ישיבה־בחורים וואָס שאָקלען זיך מיט משונהדיקע העוויות און מיט אַ פינגערדריי איבער דיקע ספרים... דער פאַרשטעל ענדיקט זיך מיט אַ פּלאַקאַט וואָס ווערט געטראָגן איבער דער גאַנצער ברייט פון גאַס און שרײַט מיט גרויסער און רויטער שריפט:

„רעליגיע איז אָפּיום פאַר די מאַסן".

— שימעלע און גאַבריס! — איז לוקניק ווי אָנטציקט — אָט די צוויי זײַנען עס געוואָרן אויסדערוויילט צום טראָגן אַזאַ הייליקייט...

דעם אַלטן שטעלט זיך פאַר די אויגן אָט דער שימעלע אין דעם לעצטן שמחת־תורה, מיט עטלעכע וואָכן צוריק. אין בית־מדרש בײַ די הקפות האָט ער זיך צעהוליעט, דער גאַסמענטש וואָס טראָגט דעם גאַנצן יאָר משאות אויף זײַנע פּלייצעס. צעזונגען האָט ער זיך מיט אַ פאַרשיכורט קול:

אַלץ איז בלאָטע, אַלץ איז בלאָטע —
גאָלד איז די הייליקע תורה!

און מיט איבער אַ וואָך צוריק איז ער געגאַנגען נאָך דער לוויה פון זײַן טאַטן, געוויינט און געטענהט, און ווידער מיט אַ פאַרשיכּורט קול:

— אַז דו טאַטע, זאָלסט מיר אָפּטאָן אַזאַ נומער!..

ברייטערט זיך לוקניקס קוק אויפצוכאַפּן פון אַלע זײַטן דאָס פּנים פון שימעלען און זען אויף טשיקאַוועס, צי ער טראָגט זיך נאָך דאָ מיט דער אבלות־באָרד פון שלושים...

און גאַבריס. כּמעט שטענדיק שיכּור, און טויג זיך אויס אויף ניט איין מלאכה, פון אַ שליחות אויף אונטערצינדן ביז אונטערשלאָגן ווען די ביינער. האָט ער אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט אויך קעגן אים, לוקניקן. נאָך אַ ליציטאַציע פון אַ וואַלדרעשט וואָס ער, דער אַלטער סוחר, האָט געוווּנען, איז אַ יונגער קאָנקורענט אַרײַן אין ווילדן כעס, און אָנגעדונגען קעגן אים גאַבריסן. זײַנען דורך אַ נאַכט געוואָרן אויסגעהאַנגען קעסטעלער מיטן יעזוס אויף די סאַמע הויכע און דיקע ביימער פון דעם געקויפטן רעשט, וואָס זײַנען געשטאַנען בײַם וועג. האָט מען שוין ניט געטאָרט אויסהאַקן אָט די פאַרהייליקטע ביימער, און דער מיסחר איז אַרויס מיט גרויס היזק.

דורך די שפּאַרונעס באַגלייט לוקניקס קוק די ביידע טרעגער פון דעם אַנטי־רעליגיעזן פּלאַקאַט, און דאָס מויל איז שוין מיט חוזק:

— אָפּיום... און בראַנפן טראָגט עס דאָ אויך די פּיס פון דעם הקפות־טענצער און פון דעם יויזל־הענגער...

די ביטערקייט אין דעם ראש־הקהל שלאָגט שוין אויך מיט ביטול. אין די רייען דערזעט ער ווידער צוויי גוט־באַקאַנטע פּנימער, ביידע עובר־בטלס, און זיי אויך מיט אַ פּלאַקאַט:

„אַ נײַע צײַט, די גליקלעכע צײַט פאַרן פּראָלעטאַריער!"

די צוויי, פּײַוועט דער שנײַדער און לייזער יאָשע דער שוסטער, קוים וואָס זיי האַלטן נאָך דעם מאַרש, אָבער די קעפּ האָנערדיק פאַרריסן און די אָנציינערדיקע מײַלער צעעפנט מיט בונטאַריש

געזאַנג. פון פּיַוועס טרייסלדיקע הענט איז שוין לאַנג אַרויסגעפאַלן די נאָדל, פול איז נאָר דאָס מויל מיט שבחים וואָס ער זאָל האָבן געהאַט באַקומען פאַר זיַין מיַיסטערישער אַרבעט. שעהן גאַנצע זיצט ער אָפּט אויף אַ באַנק אין דער אַלייע פון צענטער שטאָט, שטרענגט זיך צו באַקוקן דעם אַנטו פון פאַרביַיגייער, און האַלט אויך אָפּ:

— די אַרבל, אַזוי זעצט מען עס אַריַין? און די טאַליע דאָך אומגעלומפּערט!.. שוין איין מאָל אַ שניַידער, נאָר אויסדרייען אים די הענט, אָט דעם שניַיצער!

— און וועלכע ליימענע הענט האָבן עס אויסגעמיַיסטרעוועט אָט די פּאָר שיך? —שוויַיגט אויך ניט לייזער יאָשע וואָס זיצט צוזאַמען מיט זיַין חבר.

דער אַ שוסטער קאָן פאַרפלייצן מיט מעשיות פון זיַין מלאכה. ער פאַרגעסט אפילו ניט צו דערציילן ווי זיַין מאַמע די אלמנה איז געווען מיט אים ביַי גאָר גרויסע מענטשן און געוואָלט הערן זייער מיינונג וועגן אַ מלאכה פאַר איר יינגל. שוסטעריַי האָט די שטאָט־גבירטע געפּסלט, און גערעדט האָט זי ווי ער וואָלט שוין געווען אַ דערוואַקסענער:

— ביסטו אַ שוסטער, און דיַין מלאכה איז אויך אין בייגן זיך צו יענעמס פיס, ליגט שוין דיַין פּרנסה אין דר׳ערד...

האָט אים אָבער, לייזער יאָשען, די שוסטעריַי דווקא געבראַכט צו אַ גדולה, אַ וואַלד קאַזאַרמעס האָבן די רוסן אָנגעבויט לעבן דער שטאָט, זיַינען אפילו גענעראַלן פון דעם גאַרניזאָן געווען די כּפּרה פאַר זיַינע אַ פּאָר שטיוול!..

גאָר האַלט האָבן מענטשן אָנצוציַען אים און הערן ווי ער דערציילט אַ טעלעגראַפישע מעשה. איין טאָג זאָל מען אים האָבן געבראַכט פון פּאָסט אַ לאַנגע טעלעגראַמע, און נאָך מיט אַ סומע פון גאַנצע הונדערט רובל. גאָר אַ גענעראַל זיַינער, וואָס איז געווען אַריבערקאָמאַנדירט קיין סיביר, באַשטעלט ער ביַי אים אַ פּאָר

שטיוול און בעט צושיקן אויך טעלעגראַפיש... ווייסן שוין די צוהערער, אַז דאַ דאַרף מען אויסשטעלן אויגן מיט וווּנדער:

— שטיוול איבערשיקן טעלעגראַפיש?..

— קעפּ איינע!.. צוזאַמענגעבונדן האָט מען די אויערלעך פוןביידע שטיוול, אַריבערגעוואָרפן איבער דעם טעלעגראַף־דראָט, און הײַדאַ קיין סיביר!

— דורך אַזאַ מרחק, קאָן מען דאָך אַרונטערגנבֿענען? — ציט מען דעם אַלטן ווידער אָן.

— אַ קאָזאַק איז נאָכגעריטן! — באַרויִקט לייזער יאָשע — שטיוול אַזוינע טײַערע!..

פון אַדורך די שפּאַרונעס ציט זיך און ציט זיך די דעמאָנסטראַציע. רייען פּויערים מיט קאָסעס און מיט פּלאַקאַטן וואָס פאָדערן דעם באָדן פון די פּריצים. און אַ ריי דאָקטוירים און סאַניטאַרן אין ווײַסע כאַלאַטן, און פּלאַקאַטן. און אָט ענדיקן זיך די רייען מיט אַ פּלאַקאַט:

„אויס מיט קלויסטערס און מאָנאַסטירן!"

— און אויס שוין דער גאַנצער ספּעקטאַקל — אָטעמט אָפּ די אַלטע פּאָר.

נאָך ניט אָפּגעצויגן זיך פון די שפּאַרונעס, דערזעט זיך איינער וואָס שלעפּט זיך ווײַט פון הינטן, און אויך מיט אַ פּלאַקאַט:

„די קלויזן און בתּי־מדרשים — קלובן פאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן!"

— קלמן־קאַכליע!.. — שטרענגט אָן ריקל די אויגן און שפּאַרט אַרויס צו איר מאַן.

— קלמן־קרבן, קלמן־טשאָרני כאַד, קלמן־קאַכליע... — לויפט שוין לוקניקן דער חוזק אַריבער און אַריבער, און דורך זײַן מוח צעשפּילן זיך מעשה נאָך מעשה וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט יעדן צונאָמען.

אַ געהילף בײַ מוליערס איז קלמן געווען, און יאָרן ניט דערגאַנגען מער ווי אויף מישן ליים אָדער דערלאַנגען וואָס דעם

מײַסטער צו דער האַנט. דאַרף טרעפן אַז ער גייט פּאַרבײַ אַ רעוואָלוציאָנערער דעמאָנסטראַציע, און ווערט אויף געכאַפּט, און אויף מאָרגן לאָזט אים די פּאָליציי פרײַ. פון יענעם טאָג אָן גרייסט ער זיך מיטן לייגן דעם קאָפּ פאַר דער רעוואָלוציע; און אין שטאָט האָט מען אָט דעם מאַרטירער געגומען רופן „קלמן־קרבן"... אַ שטיקל צײַט פאַרבײַ, איז דער רעוואָלוציאָנער גאָר געוואָרן אַן אייגנטימער פון אַ גרויסן און שיינעם הויז וואָס איז אים פון אַ קרוב צוגעפאַלן בירושה. באַלד האָבן מענטשן גענומען מערקן אַז אויך אין זײַן רײַכן הויז דערוועגט ער זיך ניט אַרײַנצוקומען דורך דעם הויפּט־אַרײַנגאַנג און צו שטײַגן מיט די פּאָדערטרעפּ. געוווּסט האָבן אויך די לאָקאַטאָרן זײַנע, אַז דער וועג פון בעל־הבית צו זיי איז דורך דעם הינטער־אַרײַנגאַנג, וואָס הייסט אין רוסיש טשאָרני כאָד. איז בײַ זײַט מיט דער ירושה צוגעפאַלן דעם רײַכן בעל־הבית אויך אַ צונאָמען טשאָרני כאָד...

דער צונאָמען קאָבליע שטאַמט שוין אַזש פון ווילנע. מיטן אויסבראָך פון דער וועלט־מילחמה איז קלמן מיט זײַן הויזגעזינד געווען אַנטלאָפן אין דער שטאָט און זיך געוואָלגערט מיט פּליטים פון נאָך מקומות בײַ דער דײַטשער גרענעץ. איין פרימאָרגן, אין דעם טאָג פון יום־כּיפּור, האָט זיך אין שטאָט צעטראָגן די נײַס, אַז די דײַטשע אַרמיי קומט אָן אַהער, אין ווילנע. זײַנען מענטשן געלאָפן זען ווי עס גייט אָפּ אין געאַנג דער לעצטער צוג מיט די רוסן. האָט זיך אויך קלמן געלאָזן. אויסגעלאַכט האָט ער זיך פון דער ווײַב וואָס האָט זיך צעשריִען, ער זאָל גיין אין בית־מדרש, אין אַזאַ הייליקן טאָג!.. און ווי נאָר די וואַגאָנעס מיט די רוסישע באַאַמטע און פּאָליציי האָבן זיך גערירט, האָט מיט רעוואָלוציאָנערן ברען אויך קלמן אויסגערופן: אַוועק מיט די פינצטערע כּוחות, מיט די טיראַנען!.. און באַלד האָט זיך אַ המון אַ וואָרף געטאָן אויף בעסערע מעבל פון וואָקזאַל, און אויף דעם רײַכן בופעט מיט דעם לאַגער פּראָדוקטן.

געטראָגן האָט מען פון וואָקזאַל סערוועטן און זילבערוואַרג,

און פיינע שטולן און טישלער. געצאַצקעט האָט זיך איינער מיט אַ הערלעכן סאַמאָוואַר!.. מיט פּעקלעך צוקער, קאַקאַאָ, און קאַפע און מיט טײַערע משקאות זײַנען צוריקגעקומען אויך מענטשן פון די פּליטים. און אָט אויך קלמן. צעשוויצט, צעבראַסטעט אין יומטובדיקן אַנטו, און צוויי קאַבליעס אין הענט צעבלוטיקטע... אין אַ ווינקל בופעט פון דעם וואָקזאַל האָט עס זײַן אויג געגעבן אַ פאַל אויף א בראָטאויוון מיט קאַבליעס, וואָס אַ לעבן האָט ער ניט געקענט חלומען צו אַרבעטן מיט אַזוינע אַנטיקן. איז ער צוגעשפּרונגען און מיט היילע הענט און מיט מאַטערניש קוים אַרויסגעריסן אָט די צוויי... פײַערלעך שטרעקט ער אויס מיט פרייד צו דער ווײַב:

— קאַבליעס, די סאַמע פּרימע!.. האָבן מיר איינע אויף שנײַדן הערינג און פיש אַ גאַנץ יאָר, און איינע אויף פּסח!

אַדורך די שפּאַרונעס פון לאַדן קוקט זיך צו לוקניק ווי קלמן־קאַבליע טראָגט דעם פּלאַקאַט וועגן די קלויזן און בתי־מדרשים — און ער ציט זיך אין עק פון דער דעמאָנסטראַציע, גאַר־גאַר אַלעצט... פאַר דעם אַלטן ראש־הקהל ווערט דער ייִד נאָך מער קלאָר־פּשוט און ער זאָגט עס אַרויס:

— אַז שוין צוגעפּאַלן אַ רעוואָלוציאָנערער כּבֿוד צו טראָגן אין דער דעמאָנסטראַציע אַ גאָר געהויבענע מימרא, גייט ער אויך דאָ, דער טשאַרני כאַד, אַהינטער... און מסתּמא איז אויסגערעכנט אָט דער חכם, אַז בזכות זײַן אָוועקשענקען די ייִדישע בתּי־תּפילה וועט דאָך געוויס די רעוואָלוציע ניט נאַציאָנאַליזירן זײַן גרויסן מויער...

אַדורכגעלייענט אָבער ווידער און ווידער דעם אויפשריפט פון פּלאַקאַט — איז שוין פאַר לוקניקס אויגן דאָס יאָר 1905. אין יענע שטורעמדיקע טעג פלעגן זיך רויטע חברה אַרײַנכאַפּן אין די בתּי־מדרשים און פראָווענען מיטינגען...

דורך זײַטיקע געסלעך לאָזט זיך דער אַלטער גבאי צו זײַן גרויסן בית־מדרש, פעסט פאַרשלאָסן זאָלן ווערן אַלע טירן!

צייט אין טונקל

אָפן איז דער גרויסער בית־מדרש. ניטאָ קיינער אינעווייניק, און דאָס ליכט שוין אויסגעלאָשן. אַדורך דער פינצטערקייט בלינצלט נאָר פון עמוד אַ יאָרצײַטליכט און עס פלעמלט דער נר־תּמיד. שטראַלן וואַרפן זיך גאָר פון די פענצטערלעך אויבן אין מערב־זייט, פון דער ווייבערשער שול. פון דאָרטן הערט זיך אויך רייד, שטימען אַ סך. אין דער טונקלקייט שטעלט קוים אַ טראָט לוקניק, דער גבאי ראשון פון דעם מקום־קדוש, און ער באַנעמט ניט וואָס דאָ טוט זיך... אין אַ ווינקל זעצט ער זיך, און די אַלטע אויערן ווערן אָנגעשפּיצט צו יעדן קלאַנג וואָס קײַקלט זיך אַרונטער דורך די פענצטערלעך פון אויבן און צעהילכט זיך דאָ אין דער ליידיקייט. באַהערשט איז ער נאָך שטאַרק פון די געפילן וואָס האָבן אים שוין געהאַט אַרומגעכאַפּט דעם אָוונט. פון דער פינצטערניש בײַ זיך אין שטוב האָט ער עס געהאַט אַרויסגעקוקט דורך אַ לאָדן־שפּאַרונע צו דער דעמאָנסטראַציע און מיט אומרו געבדרענט וואָס אויפכאַפּן...

לײַכטער ווערט לוקניקן דאָס געמיט, וואָס די דערהערטע ווערטער פון אַדורך די פענצטערלעך זײַנען אָבער ניט אין דעם נוסח פון די אויסרופן און פון די בלוט רויטע פּלאַקאַטן אויף דער דעמאָנסטראַציע. אויך דער טאָן איז ניט ווי פון די יענע בונטאַריש־געהיימע צוזאַמענפלי̇ען אין יאָר 1905, וואָס פלעגן זיך אָפּשפּילן אויך אין דעם בית־מדרש... שטימען וואָס נעמען קלינגען באַקאַנטלעך פאַר זײַן אויער, זאָגן אים אונטער, אַז צווישן די פאַרזאַמלטע אויבן געפינען זיך אויך מתפּללים פון דעם בית־מדרש. וואָס די אסיפה איז אָבער אָן דער הסכּמה און וויסן פון אים, דעם גבאי ראשון,

און פּאַלט גראַד צוזאַמען מיט דער היינטיקער דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן פון שטאָט — כאַפּט אים אויך ווערן קלאָר. מיט יעדער מינוט הערט ער אַרויס, אַז דאָ רעדט מען וועגן די כלל־טוער און גבאים, און באַזונדער קעגן דער קהילה, די פירערשאַפט פון די ייִדן אין שטאָט. איז ער, לוקניק, דאָך ניט נאָר גבאי אין דעם גרויסן בית־מדרש; ער איז דער הויפּטפירער פון דער גאַנצער קהילה, דער ראש־הקהל !.. אָבער אָט הערט ער דאָ שוין רייד בפירוש וועגן דער היינטיקער צייט, און דער פרילינג פון פרייהייט וואָס קומט אָן פאַר דער וועלט; אַ מאָדערנע צייט! ווערטער אַזוינע האָבן זיך אויך געטראָגן מיט דער דעמאָנסטראַציע... באַלד כאַפּט ער זיך, לוקניק, אַז אויך ער אַליין האָט גענומען אָנגיין מיט ענלעכע אויסדרוקן. לעצטנס טענהט ער דאָך אײַן מיט די אַנדערע כלל־טוער, און באַזונדער מיטן שטאָט־רב, אַז מען מוז זוכן דרכים און זען צו גיין מיט דער צייט... אָבער אָט הערט ער ווי די מענטשן אין עזרת־נשים באַטאָנען, אַז אין אַזאַ צייט איז דורכויס וויכטיק אויפצודעקן דעם ריכטיקן פּרצוף פון דער קהילה און פון די גבאים און עסקנים, און מאַכן אַן אויספּיר...

טענות פּאַלן, אַז דורך די מלחמה־יאָרן זיינען די כלל־טוער שטאַרק ניט־ערלעך געווען מיט די צוגעטיילטע פּראָדוקטן. מעל, צוקער, סאַכאַרין, פעטס און נאָך און נאָך פון די קלוגע אַרטיקלען, צעשרייט זיך איינער, האָבן אָבער ניט אויסגעפּעלט אין הייזער פון די קהלס־פאַרזאָרגער און פון זייערע מקורבים... גאָר שאַרפע רייד ווערן אַרויסגעבראַכט וועגן באַגאַנגענע עוולות פון גבאים בנוגע דער צוואַנגאַרבעט. ביי אָט דער עבודת־פּרך וואָס די דייטשן האָבן אין די אָקופּאַציע־יאָרן אָנגעוואָרפן אויף יונגע מענער, האָבן אַ סך אויסגעהויכט די נשמה, און די צוריקגעקומענע זיינען קראַנק און צעבראָכן. פון דער צוואַנגאַרבעט פלעגן אָבער ווערן אויך באַפרייט כלי־קודש. האָבן גבאים מיאוס אויסגענוצט אָט די הנחה. מענטשן וואָס מען האָט זיי זעלטן ווען אָנגעזען אין אַ בית־מדרש, אַזעלכע זיינען געוואָרן אָנגעגעבן ווי חזנים, מגידים, בעלי־

קריאה, שמשים. און שטענדיקע מתפללים וואָס זײַנען באמת געווען ראוי פאַר כלי־קודש, זיי זײַנען אַוועק צו דער צוואָנגאַרבעט...

— די גבאים אונדזערע און די שטאָט־עסקנים זײַנען דאָך פרומע ייִדן, און גוטהאַרציקע, אַלץ בײַ זיי נאָר לטובת הכלל... — צעקלינגט זיך פון אויבן אַ רעדע אין אַ קליגערישן טאָן — אָפּט קומט אויס צו הערן ווי מען זאָגט אויף איינעם אַז ער איז אַ ווינטערנאַר. די נאַרישקייט זײַנע, הייסט עס, איז ניט אָנצוזען מיטן ערשטן קוק. געגליכן איז ער צו אַן אַרײַנגעקומענעם פון אַ ווינטערדיקן דרויסן, וואָס ערשט נאָכן אַרונטערוואַרפן פון זיך די שווערע בגדים און טיפן פעלצהיטל, און נאָכן אַרונטעררייסלען פון פנים דעם שניי, דערזעט מען דעם טיפּש. ער איז ניט ווי דער זומערנאַר, וואָס פון זײַן פנים קוקט באַלד אַרויס דער חכם... און גנבים, דאַרף מען וויסן, אַחוץ וואָס מען קען זיי סאָרטירן אין זומער־גנבים און ווינטער־גנבים, איז צו אָט די בעט זיך צוצוגעבן נאָך אַ טיפּ — אַ פּאָלאַר־גנב. בײַם פּאָלאַר הערשט דאָך אייביקער פראָסט, און דער מענטש איז דאָרט אַזוי פאַרפעלצט, אַז בכלל ניט אַרויסצוזען זײַן פּרצוף... היטן לאָמיר זיך, ייִדן, פון די כּלל־טוער וואָס זײַנען פאַרפּאַנצערט מיט כּלומרשטע בערג מיצוות און חסדים און באַרופן מיט סאַמע גוטהאַרציקייט; אָהאָ, אונדזערע פּאָלאַר־גנבים!..

הערט שוין איצט לוקניק, ווי אין דער ווײַבערשער שול רעדט זיך בפירוש וועגן וואָלן צו דער קהילה, און שטימרעכט זאָלן האָבן אַלע־אַלע דערוואַקסענע, מענער און פרויען. די איצטיקע קהילות, צעדרשנט זיך אויך איינער, זײַנען אײַנגעשטעלט לויט אַ פאַרשימלטן מאָדוס מיט תקנות פון אַמאָליקע־אַמאָליקע צײַטן, און די ווײלער פלעגן עס זײַן נאָר מיוחסים, גבירים און נאָך תקיפים. אַ רעפּרעזענטאַנץ דורך אַזוינע וואַלן איז ממש אַ חרפּה אין דער הײַנטיקער דעמאָקראַטישער צײַט!..

אויסגעהערט ווי די אסיפה נעמט אָן פּה־אחד אַ קאַטעגאָרישן באַשלוס צו פאָדערן וואַלן צו דער קהילה, וואָלן פול־

דעמאָקראַטישע — אײַלט זיך לוקניק אַרויסצושאַרן זיך שטיל פון דעם בנין... שטייט גאָר אַ רעדל מענטשן אויף דעם האַרבסטיק פינצטערן שולהויף. משמעות איצט געקומען פון דער דעמאָנ־סטראַציע. און עס גייט אַ וויכּוח. איינער וויל ניט הערן פון דער דעקלאַראַציע, וואָס מיט אַ יאָר צוריק האָט ענגלאַנד צוגעזאָגט אַ היים אין פּאַלעסטינע פאַר ייִדן. הייבט אָן אַ צווייטער אָפּענטפערן, אָבער ווי נאָר ער באַמערקט דעם מענטשן וואָס שלײַכט זיך פּאַזע אַ וואַנט, איז ער שוין מיטן מויל אויף אים:

— הער לוקניק, ליטע דאַרף יע ווערן אַ מדינה; מיטן געהויבענעם טיטל פון אַ ראש־הקהל, זאָלט איר זיך שוין האָבן צוגעאײַלט און אַרײַן אין שפּאַן מיט די דאָרפּפּויערים אויף דערגרייכן אַ ליטווישע זעלבשטענדיקייט... מיר ייִדן טאָרן אָבער ניט שטרעבן צו אַן אייגענער מדינה, חס ושלום; פּסול דאָך בײַ אײַך אפילו אַ הזכּרה פאַר דאָקטאָר הערצל!..

אַ ציִט! צו וואָס די טעג קאָנען דערברענגען... אַ שווידער נעמט דורך לוקניקן פון אַזאַ כּפוי טובה און חצוף. פון קליינערהייט אַ יתום, און זײַן מאַמע, די אלמנה, באַקומט נאָך עד היום תּמיכה פון קהל. געטאָן האָט ער אויך, דער ראש־הקהל, אַז דער זון זאָל ווערן אָנגענומען אין טעלזער ישיבה. האָט אָבער דער בחור דאָרט גענומען טומלען מיט ציוניזם, און געוואָרן אַ לא־יבואניק. משלח געווען האָט מען אים פון ישיבה, און אַהיים איז געקומען אַ קאַרטל מיטן באַקאַנטן נוסח־טעלז: „לא יבוא", ניט קומען זאָל דער חברה־מאַן צוריק. איז ער, לוקניק, געפּאָרן קיין טעלז און זיך משתּדל געווען אַז מען זאָל אים ווידער אָננעמען... אין די מילחמה־יאָרן איז דאָ אין שטאָט דער בחור, ווי אַלע יונגע מענער, געוואָרן גערופן צו דער דײַטשער צוואַנגאַרבעט. האָט ער, לוקניק, געזען אַרויסצוראַטעווען אים און געמאַכט פאַר אַ כּלי־קודש, וואָס אַזעלכע פלעגן די דײַטשן באַפרײַען. אָנגעגעבן איז געוואָרן, אַז דער יונגער איז אַ בעל־קריאה פון דעם גרויסן בית־מדרש. געוווּסט האָט מען אָבער, אַז בציבור קאָן ער לייענען פון דער סדרה ניט

מער ווי די ערשטע פרשה, אַ „פּאַרשוק״, אַ חזירל אין ליטוויש, ווי לצנים באַטיטלען אַזאַ מומחה...

לוקניק ענטפערט נאָר וועגן דער הזכּרה וואָס ער, דער גבאי־ראשון פון דעם גרויסן בית־מדרש, דערלאָזט ניט:

— דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל, אַ מחותּן אין אַ מקום־קדוש... און אָט דער משיח־שקר אפילו אָן אַ יידישן נאָמען; את נשמת רבי טעאָדאָר, זאָל אין דער הזכּרה געזאָגט ווערן. .. כּשרן האָבן ציוניסטן גענומען דעם גוישן טעאָדאָר מיט אַ צוגעטראַכטן נאָמען מתּיתיהו, נאָך דעם שוין אויסגעקראַצט אַ בנימין־זאב...

— רבֿ רפאל, און די קערה פון קרן־קימת? — לאָזט ניט אָפּ דער פּאַרקאָכטער ציוניסט און שטעכט — איר זײַט דאָך אפילו קעגן שטעלן ערבֿ יום־כּיפּור אין אײַער בית־מדרש אַ קערה אויף קלײַבן געלט אויסצולייזן דעם באָדן אין ארץ־ישראל.

— פּאַר געלט דערגרייכן אַ מדינה... — פּטרט אָפּ לוקניק מיט ביטול

— און מיט בלוט איז בעסער? — צעשטשירען זיך פון אַ צווייטן אין דער פינצטער ווײַסע ציין פּאַרביסענע — ווי דער פּאַרשטייער פון די יידן, ווייסט איר דאָך געוויס אויך פון אַן אויפרוף צום שטעלן זיך אין קאַמף פּאַר אַ זעלבשטענדיקער ליטע!..

— אַ פּאַרגלייך!! — צעהייבן זיך לוקניקן די אַקסלען — קלײַבן געלט כּדי אײַנצוקויפן פּיצלעך באָדן, און ווידער געלט כּדי אויף דער ערד אָנצוברענגען מענטשן און זיי באַזעצן, כּדי־כּדי אָט די זאָלן דערגיין צום אויפברענגען אַ מדינה פּאַר דעם פאָלק וואָס איז צעשפּרייט איבער אַ וועלט... אַ חד־גדיא אַזאַ אפשר אויך בײַ די ליטווינער? דורות אײַנגעזעסענע דערפער איבער אַ טעריטאָריע אַ גאַנצער!

פּול איז שוין לוקניק מיט חרטה פון דעם לאָזן זיך אַרײַנציִען אין וויכּוחים; און די פּחיתות־הכּבֿוד צו אים! ווייניק נאָך געפּילט, גריזשעט ער זיך, ווי גליק איז הײַנט די פּאָליטישע לופט; גאַרנישטן

פּאַרמעסטן זיך דאָך צו רײַטן מיט גאַלאָפּ אויף דער צײַט!.. אין דעם קער צום גיין, לאָזט זיך אים דווקא אַ ווײַז צו טאָן כאָטש אַ שטיקל תּקיפות. פון זײַטיקן שטעלכל קומט אַרויס דער אַלטער שמש מיט האָלץ צום וואַרעמען דעם בית־מדרש. איז דער גבאי אויף אים מיט בייזער:

— האָלץ אַזאַ באַרג! הייצן דאַרף מען מיט שׂכל...

— רב רפאל — ציט פּעפּערדיק יעדן וואָרט דער משרת — מען זאָל אין אויוון אַרײַנוואַרפן דעם שׂכל דעם גאַנצן מײַנעם, און צוזאַמען אויך אײַערן, וועט מען אין בית־מדרש פון קעלט אויספרירן...

מיטן באַקומענעם כּבוד אויך פון שמש, אײַלן אַהיים לוקניקס ברעניקע טריט. אַ געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל" און אַן אויסבראָך פון אַ שטורעמדיקער פּאַטשערײַ זאָגן אים אָן אין וועג, אַז אויפן דערבײַיִקן מאַרקפּלאַץ האָט זיך שוין אין גאַנצן געענדיקט די דעמאָנסטראַציע. ניט ווײַט שוין פון זײַן היים נעמטערן זיך צוויי שטימען פון פרויען. פון מאַרקפּלאַץ קומען זיי אַפּנים און ריידן מיט אַ התפּעלות. שאַרט ער זיך אַרײַן אין אַ ווינקל, און הערט ווי די רעליגיע איז נאָר צו פאַרטעמפּן מוחות, און באַזונדער צום פאַרפירן דעם פּראָלעטאַריער, ער זאָל זיך ניט בונטעווען קעגן דעם קאַפּיטאַליסט און אויסניצער; אַוועק די צײַטן פון דעם גלייבעכץ, אַז אַלץ איז פון הימל באַשערט!..

דערשפּירט אַ מענטשן, האָבן זיך די צוויי אָפּגעשטעלט בײַם ווינקל. אויגן האָבן זיך אין דער טונלקייט געטיפט, זיך צעבליצט; און פון די מײַלער אַ שפּאָר:

— רב רפאל, עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!

שפּעטיקע געסט

אין די אָונט־שעהן מאַרקירן די מער־באַקאַנטע מיטן קומען צו רב רפאל לוקניקן. רעדט מען זיך דורך מיטן קלוגן ראש־הקהל און מען הערט אַ פּראַקטישע עצה. צוריק פון בית־מדרש, זעט לוקניק אַז מענטשן וואַרטן אויף אים אויך היינט. לאָזט ער זיי אויף אַ ווײַלע אין זאַל און גייט אַרײַן אין אַ צווייטן צימער צו דעם לײַכטן איבערבײַס וואָס ריקל, זײַן ווײַב, האָט שוין צוגעגרייט. צוויי זײַנען די מענטשן, און דורך דער אָפענער טיר הערט ער ווי זיי פרייען זיך מיט דער היינטיקער ידיעה, אַז די וועלט־מילחמה האָט זיך סוף־כל־סוף געענדיקט. וואַרפן זיי זיך אויך דורך מיט דערמאָנונגען פון די איבער פיר מילחמה־יאָרן אין ליטע. ייִדן אַזוי פיל האָבן די רוסן מאָביליזירט צו זייער אַרמיי, און נאָך דעם גענומען טרײַבן די ייִדן פון זייערע אַלטע אײַנגעזעסענע ערטער; און דער נס, וואָס בײַם גרויסן גירוש פון קאָוונער גובערניע, איז שוין אַ געגנט פון ליטע צוזאַמען מיט דער שטאָט געווען אָקופּירט פון די דײַטשן. זײַנען אָבער מיט דער אָקופּאַציע געקומען אַנדערע צרות. נויט און הונגער; און דאָס אײַנרופן מענער, און אויך כאַפּן, און פאַרשיקן זיי אויף צוואַנגאַרבעט...

די צוויי וואָס שמועסן ווייסן שוין, אַז צוליב דעם וואָס די דײַטשן האָבן פאַרלאָרן די קריג, איז זייער קייסער ווילהעלם שוין אַרונטער פון טראָן. דאָס רײדן איז אויך דורכגענומען מיטן אומרו פאַר די טעג וואָס קומען. די דײַטשן וועלן דאָך מוזן פאַרלאָזן זייערע פאַרנומענע געביטן, וועלן זיי אָוועקגיין אויך פון ליטע. נעמען זיך שוין דאָ רײַסן בעלנים אויף צו ווערן מיט כּוח די הערשער פון לאַנד. טאָ ווי וועט זיך עס אויסלאָזן פאַר די ייִדן?

דאַרף מען אין די טעג יע מורא האָבן פאַר די גויים אָדער ניט? אַ מין ניצחון זעט שוין די פרוי וואָס וואַרט דאָ צוזאַמען מיט דעם אַלטן, און דערציילט עס. נאָך אַ רעגן אין אַ ייִדישן יום־טוב, וואַרפן איר אויף די קריסטלעכע שכנים, אַז דער ייִדישער גאָט איז ניט דער אמתער, און זייער גאָט פאַרשטערט עס זייַנע שונאים די שימחה. איז אָט הייַנט געווען אַזאַ גרויסע חגא אין דער היגער פאַראַפיע; און ווי געפּוצט האָט זיך די שכנה פון פענצטער אַנטקעגן צו דער פּראָצעסיע וואָס האָט געדאַרפט צען אַ זייגער אַרויסגיין איבער די גאַסן. נו, דער רעגן וואָס איז אַרויסגעפאַלן, אַזאַ גאָס, ממש געעמערט!..

לוקניקס אויערן נעמען אָבער באַזונדער אויפכאַפּן די ווערטער וואָס פאַלן אין זאַל וועגן דער דעמאָנסטאַציע מיט די רויטע פאָנעס אין שטאָט דאָ מיט אַ פאַר שעה צוריק. דער אַלטער וואָס רעדט דאָרט, פאַרשטייט אַפּנים גאָר ווייניק ווי ווייַט אַ גרויסע מאַסע אין אַ געשלאָסענעם מאַרש און מיט שרייַיִקע פלאַקאַטן — קאָן אָנברענגען אַ חורבן. אַליין איז דער מענטש אַ קרעמער, האָט ער שוין גאָר פאַרגעסן די צרות וואָס די רויטע חברה האָבן אָנגעמאַכט מיט דרייַצן יאָר צוריק, אין 1905? די שטרייַקן דעמאָלט, און די עקספּראָפּריאַציעס, אָט די געלט־צאַפּונגען מיט אַ צוגעשטעלטן פּיסטאָלעט!.. ניקאָלאַיען אַרונטערוואַרפן, דעם קייסער, האָבן יענע געוואָלט; און אויך געגאַסן פעך און שוועבל אויף די רבנים און די קהלס־לייַט. אים אַליין, דעם ראש־הקהל, איז מען דאָך באַפאַלן אויפן שולהויף און פאַר אַן עולם אין די אויגן געפּאַטשט!.. און די הייַנטיקע דעמאָנסטראַציע האָט זיך געטראָגן מיט פלאַקאַטן שוין אויך אין נוסח פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד!..

די ביטערניש אין לוקניקן פאַרשאַרפט זיך מיט די רייד פון דער פרוי. זי סמאַקעוועט זיך אפילו מיט דער געפּערלעכער קאָמעדיע:

— געגאַנגען אַזוי פייַן די דעמאָנסטראַציע, און געווען פריילעך!..

ווי גאָרניט געהערט און זיך ניט געערגערט, קומט אַרויס לוקניק און זעצט זיך קעגן זײַנע באַזוכער. הייבט אָן די פרוי מיט איריקן אַן ענין. אַ שנײַדערקע איז זי; קליינוווּקסיק און אײַנגעדאַרט, און פּאַרפּוצט ווי אַלע מאָל. דערמאָנען נעמט זי לוקניקן, אַז שוין מיט זעקס יאָר צוריק, 1912, האָט ער אָנגעהויבן טאָן אין העלפן זוכן איר מאַן וואָס האָט זי פאַרלאָזן; און נאָך צוויי יאָר שרײַבענישן איז שוין געווען דערגאַנגען עפּעס אַ ידיעה אַז דער פויגל זאָל האָבן פאַרפלויגן אַזש קיין אויסטראַליע. איז אָבער אָנגעקומען די וועלט־מילחמה און די דײַטשע אָקופּאַציע... הײַנט איז די פרוי ווידער מיט איר בקשה:

— אַז שוין געענדיקט דער גאַנצער מיש־מאַש, אַזאַ קללה פון גאָט, ווערט דאָך די וועלט ווידער אַ וועלט. איז וואָס מיינט רבֿ רפאל וועגן ווײַטער טאָן, אַז איך זאָל אין מײַנע בעסטע יאָרן נים בלײַבן אַן עגונה?..

— די וועלט ווערט ווידער אַ וועלט... — צעגיסט זיך אַ געזאָלצן שמייכל איבער לוקניקס פּנים, און פּאָר זײַנע פאַרקוועטשטע אויגן מאַרשירט נאָך די דעמאָנסטראַציע, און עס הילכן די ווערטערלעך וואָס פאַלן קעגן אים...

— און איר, רבֿ רפאל, וועט ווײַטער זײַן וואָס געווען, און העלפן מענטשן! — שפּרינגט אַרויס פון דער פרוי אַ ברכה.

גאָר שאַרף איז הײַנט דער דערהער פון דעם שטאָט־גבאי. ער שטאַרקט זיך אָבער ניט אַרויסצוּווײַזן אַוועלכע זויערקייט. אַ געלאַסענער באַוועג פון דער האַנט זײַנער הייסט דער פרוי צו האָבן נאָך געדולד. און אַ קער צו דעם צעוואַקסענעם און ברייטפּלייציקן ייִדן מיט אַ לאַנגער ווײַסער באָרד. ער הייסט דוד לייב, און זײַן קומען דאָ קייטלט זיך אויך מיט דעם סוף מילחמה און אָנקעריק אויך מיט אַן ענין פון זיווג. אַ טאָכטער פון דעם זקן שטייט שוין יאָרן אין שידוכים. האָט זיך אַרײַנגעמישט די מילחמה. און אָט איז שוין הײַנט געווען איין שדכן, און נאָך אַ שדכן.

ווי נאָר דער ייִד גייט אַריבער אין זײַנע רייד אויף אַ שטיק צײַט צוריק, ווייסט שוין לוקניק אַז דער אָוונט קאָן זיך אָוועקציִען אויף שעהן מיט אים. פון אַ יאָר צוויי ביז דער מילחמה הייבט ער אָן, ווען עס זײַנען שוין געווען חתונה געהאַט די עלטערע קינדער זײַנע. האָט דעמאָלט אַ משולח פון טעלזער ישיבה גענומען שדכנען זײַן ייִנגסטע טאָכטער מיט אַ בחור פון דער ישיבה. נדן פאַר דעם לערנער האָט דער שדכן געבעטן צוויי טויזנט רובל מזומנים, און אַ טייל אין דעם אַלטנס אײַזן־געשעפט. דערצו אויך צוויי יאָר קעסט פאַר דעם פּאָרפאָלק נאָך דער חתונה. וועגן קעסט, דערמאָנט זיך דער אַלטער, האָט דער פּיפּיקער משולח גענומען דרינגען מיט אַ מאמר פון דעם תּנא וואָס זאָגט: „בן שמונה עשרה לחופּה, בן עשרים לרדוף", צו אַכצן יאָר דאַרף אַ מענטש חתונה האָבן, און צו צוואַנציק זיך יאָגן נאָך פּרנסה. איז דאָך קלאָר אַז די צוויי יאָר נאָך דער חתונה זיצט דער איידעם אויף קעסט!

— שאַ, קעסט נאָר צוויי יאָר... — שמייכלט אונטער לוקניק — גוט וואָס דער שדכן האָט ניט אויסגעדריידלט אַז אַ מאַן אַ לערנער דאַרף בכלל ניט זאָרגן וועגן פּרנסה. פּשטלדיק קען מען עס אַרויסטײַטשן פון דעם פּסוק: „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו, וכל הבת תּחיון", דער זון זאָל ווערן אַרײַנגעוואָרפן אין וואַסער, תּורה זאָל ער לערנען, ווײַל וואַסער באַטײַט תּורה, זאָגט די גמרא; וכל הבת תּחיון, און די טאָכטער, אַ ווײַב, זאָל געבן חיונה!..

— מײַן טאָכטער האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט הערן פון אַ ישיבה־בחור — זאָגט דער אַלטער דוד לייב — באַנקקוועטשער הייסן בײַ איר די לערנער... אַז טאָג און נאַכט ליגט זי אויף גראָבע רוסישע ביכער, און אויפגעטראָגן אין שטאָט מיט לײַט גאָר מאָדערנע!.. און מײַן אַלטע, שוין עליה השלום, האָט זיך אויפגעגעסן; טענהן פלעגט זי, אַז די מיידל ווערט אַ מאַליאַטער... אין אוטיאַן איז מײַן ווײַב געווען געבאָרן, און אין יענער געגנט באַטיטלט מען אַן עלטערע מיידל מיטן צונאָמען „אַ מאַליאַטער", ווי זי וואָלט

געשטאַמט פון דעם דערבײַזיקן שטעטל מאַליאַט, וואָס ווערט געטײַטשט פון פּויליש: זי האָט יאָרן...

— בײַ גאָט איז ניטאָ קיין אַרויסגעוואָרפּענע; קומט דער באַשערטער, ווערט אין צוויי ווערטער... — פּאַלט אומגעריכט אַ מוטוואָרט פון ריקלען, דער באַלעבאָסטע, וואָס רעכנט זיך גאָרניט פון די ווייכהאַרציקע. און אָט שוין מיט אַ ווונק אויף דעם מאַן אירן — דוד לייב, די טאָכטער וועט נאָך באַווײַזן ווערן אַ דינסט בײַ אַ דעספּאָט...

— אַ מאַן איז אַ פּאַלשער אוצר — זיפצט אָפּ די עגונה — און נדן גיב!.. רובל פאַר רובל געקליבן, און ווי צעתּכלעוועט ער האָט, מײַן טײַערער תּכשיט... נדן און ירושה, מיטן טײַוול בחברותא...

שוין איבער פינף יאָר ווי די זאָרג וועגן דער טאָכטער ליגט נאָר אויף איר; און איר אַליין וואָלט אויך געמעגט גיין בעסער — פּאַלט אַרײַן דער אַלטער אין אַן ערגערניש. פּונקט אַ וואָר ווי עס איז געווען דער ערשטער יאָרצײַט נאָך דער ווײַב, געדענקט ער ווי הײַנט, איז ער אין דער פרי געקומען פון דאַוונען און געוויזן זײַן טלית דער טאָכטער וואָס איז די באַלעבאָסטע אין שטוב. קוקט זי און זעט ווי צעריסן אין איין זײַט און נאָך אַ זײַט, און הערט פון אים וועגן דעם ביזיון פאַרן עולם אין בית־מדרש. פּרײַטיק נאָכן מרחץ, אין עטלעכע טעג אַרום, דערציילט ער איר, ווי מענטשן האָבן געזען אַז אין זײַן העמד פעלן קנעפּלעך. און באַלד בײַ ליכטבענטשן, אין אָנטאָן זיך צום גיין אין שול, ווײַזט ער איר ווי די שבתדיקע הויזן בעטן זיך אַ לאַטע... נאָך יענעם שבת האָט ער דער טאָכטער אַ פרעג געטאָן, צי וואָלט ניט געווען גלײַך, ער זאָל חופּה האָבן. איז שוין איר פּנים פאַרזויערט, און קרום דאָס מויל:

— טאַטע, אַז דו ביסט אַזוי אין זאָרג וועגן פאַרריכטן דײַן טלית, און אײַנניייען קנעפּלעך, און אַ בגד פאַרלאַטען, טאָ נעם אַרײַן אין שטוב אַן אַלטן שנײַדער...

די מילחמה האָט אויך אים אַליין געמאַכט פאַר אַ קנאַפּע

סחורה. געוואָרן פֿאַראַרעמט. פֿאַרגעסן קאָן ער ניט די פּסדרדיקע קאָנפֿיסקאַציעס און רעקוויזיציעס. ווי נאָר די רוסן זײַנען אַנטלאָפֿן און זאָמעט און נאָך שטיקער פֿון ליטע זײַנען געוואָרן פֿאַרנומען פֿון די דײַטשן, האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרויספֿירענישן פֿון אַלערליי „רוישטאָפֿן". גאָר גרויסע בעלנים זײַנען די דײַטשן געווען אויף מעטאַלן, און אויסגעליידיקט אים כמעט דעם גאַנצן אײַזן־געשעפֿט!..
איז ער אין זײַן מצב שוין דערגאַנגען, אַז אַ לײַבלעכער קרוב האָט אים גענומען ריידן מיט עפּעס אַן אַלטוכע, אַ זקנה אַ צעקראַכענע, און מסתּמא נאָך עלטער פֿון אים. און אַז ער זאָל זיך ניט פֿילן באַליידיקט, האָט אים דער געטרײַער פֿרײַנט געשטעלט די פֿראַגע: פֿאַרוואָס עסט ניט אַן אָרעמאַן קיין סמעטענע? און געענטפֿערט: ווײַל ער איז ניט קראַנק צו עסן זויערמילך...
ווי אַן אויסגעגאַנגענער לוח איז ער שוין, דוד לייב, בײַ מענטשן אין די אויגן. און אַז הײַנט האָבן זיך בײַ אים באַוויזן שדכנים, זײַנען זיי געקומען וועגן דער טאָכטער. און יעדער מיט זײַן גלײַכער זאַך. און ער דאַרף עס זאָגן זײַן וואָרט, און קודם־כּול אויסרעכענען מעלות. די ווײַב זײַנע, עליה השלום, זי האָט געוווּסט ווי אַרײַנצוּלויבן!.. דערמאָנט ער אירן אַ זאָג צו אַ שדכן:
— די טאָכטער מײַנע, דאַרף מען וויסן, איז אַן איכעלע־ביכעלע־שיכעלע. אַן „איך" איז זי, ווײַל שיין און האָט דעם זיבעטן חן; און אַ געלערנטע, אַ מענטש פֿון בוך; און ניט קיין באָרוועסע, פֿון אַ שטוב אַ פֿאַרמעגלעכער!
דוד לייב פֿאַרגעסט אָבער אויך ניט די שוואַכקייט פֿון זײַן ווײַב בײַם ענדיקן וועגן אַ שידוך. ניט געקאָנט האָט זי זיך באַשליסן, און ניט געווען אַרויסצוקריגן פֿון איר אַ קלאָר וואָרט. זײַן פֿלעגט איר ענטפֿער:
—אין די שידוכים פֿון מײַנע קינדער מיש איך זיך ניט; בין נאָר אַ מאַמע.
— מאַמעס מישן זיך ניט אין די שידוכים פֿון זייערע קינדער, זיי שלאָפֿן נאָר ניט קיין נעכט — איז מפֿרש לוקניק.

שידוכים

שטיל און לאַנגזאַם עפנט זיך די גאַסטיר און ווי אַ שאָטן שאַרט זיך אַריַין רב רחמיאל. הויך און מאָגער, מיט אַ שפּיציק גרוי בערדל און איַינגעפאַלענע געלבלעכע באַקן. דער עולם־הבאניק, וואָס דער צונאָמען שטאַמט פון זיַין איבערגעבנקייט פאַר קראַנקע און אָפּגעשוואַכטע ישיבה־בחורים, און ער קליַיבט געלט אויף העלפן זיי. גייט שוין דערביַי די מעשה, אַז ביַי זיַינעם אַ פּרוּוו אַרויסצוקריגן באַדיַיטנדיקע הילף פון אַ גרויסן אַפּיקורס און נאָך גרעסערן להכעיסניק, האָט יענער אָקעגן פאַרלאַנגט רב רחמיאלס אַ חלק עולם־הבא. און דער עוסק־במיצווה זאָל האָבן מסכּים געווען און אָוועקגעשענקט... שוין יאָרן ווי ער איז אַן אלמן, און די קינדער זיַינען צו אים פרעמד. שטיקער טאָג איז ער פאַרטאָן אין זיַין עסקנות. אין די אָוונטן לערנט ער אַ בלאַט גמרא בחברותא מיט רפאל לוקניקן, וואָס אַ פריַינדשאַפט פון די ביידע ציט זיך נאָך פון זייערע ישיבה־יאָרן. אַז רחמיאל קומט דאָ אין אָוונט און טרעפט מענטשן אין שטוב, איז שוין זיַין טבע ניט צו וויַיזן אַז ער האָט איצט אַ בקביעות מיטן בעל־הבית. און ווי צו באַרעכטיקן זיַין עפענען ביַי יענעם אַ טיר, האָט ער היַינט צו דערציילן גאָר פרישע ניַיס. די ליטווינער, ווייס ער, קריגן אַריַין אין געהיים אַ סך געווער, און די יונגע נעמען זיך שוין צום מושטירן...

רעדט שוין ווידער דוד לייב וועגן זיַין טאָכטער. מיט אַ גאָר חשובן פאַרלייג איז צו אים געקומען דער ערשטער שדכן. פון די געפאַנגענע רוסישע סאָלדאַטן וואָס די דיַיטשן באַפריַיען איצט, געפינט זיך שוין עטלעכע טעג אין שטאָט אַ יידישער בחור אין זיַין צוריקוועגס אַהיים, אַזש קיין וויטעבסק. האָבן זיך דאָ מיט אים

מענטשן נענטער באַקאַנט און ליבן אים אַריַין. אַ קענער און אַן איידעלער און פון זייער אַ רייַכער שטוב. פאַר דער מילחמה געווען אַ בוכהאַלטער ביַי זיַין טאַטן אין געשעפט. אַ בחור אַ כּלי! איז דאָך געוואָרן אין וויטעבסק, ווי אין גאַנץ רוסלאַנד, אַ גאַר אַנדערע אָרדענונג, אַ קאָמוניסטישע, וואָלט אים מסתּמא זיַין צום האַרצן זיך צוצוטוליען דאָ צו אַ גוטער משפּחה... דער צוווייטער שדכן, דערציילט דוד לייב, פאַר זיַין טאָכטער אַ בחור גראַד פון דערביַי, פון שאוול.

— בעסער אַ נאָענטער יקרות איידער אַ וויַיטע מציאה — פּסקנט באַלד ריקל.

— דער שדכן גיט אָן — ציט וויַיטער דער אַלטער — אַז דער שאַוולער איז פון אַ שיינער משפּחה; אַ רופא איז דער טאַטע און אַ למדן.

— יִחוס נאַ קוואָרעס, אויפן בית־עלמין... — זיפצט אָפּ די עגונה — פון דעם גרויסן יִחוס וואָס מען האָט אָנגעגעבן וועגן מיַינעם, בין איך גאָר שיין באַגראָבן.

— איך קען זיי, איך קען דעם גאַנצן קוסט פון דעם שאַוולער מיוחס... — פאַרהייבן זיך לוקניקן איראָנישע קנייטשן איבער זיַין שטערן — שוין אַ למדן אויך אָט דער שטיקל פעלדשער! און שאַ, ער דאַרף טאַקע פאַרמאָגן אין זיך אַ ריח־תּורה; דעם אַלטן רב דאָרט אין שטאָט פלעגט ער עס מאַכן די קאַנעס...

— יע! — כאַפּט זיך דער אַלטער — און אַ פעטער פון בחור, זיַין טאַטנס אַ ברודער, איז פון די גאָר גרויסע לייַט אין ווילנע.

— פאַרנעמען זיך טאַקע די ביידע ברידער אויך מיט דעם זעלבן חלק קערפּער... — קראַצט זיך לוקניק אין אַ פּאה מיט געשפּיַיטן פאַרטראַכט — אָט דער גרויסער מאַן אין ווילנע! יאָרן ווי ער רייַסט זיך דאָרט צו אַ קהלשן בענקל און מאַכט זיך דעם אָנשטעל פון אַ געזעלשאַפטלעכן טוער. אַ פּסולע מטבע, פאַלש ביַי אים אַפילו די פאַרע פון מויל. טויג ער זיך טאַקע וויל אויס אין חניפה, אַ מיַיסטער גדול אין אַרומטאַנצן אַרום קהלס־לייַט און אונטערצולעקן גבירים און גרויסע אדונים. וויפל זיסינקע שבחים

ער קען אַרײַנחנפֿענען, און מיט װעלכע הױכע טיטלען ער באַהאָגלט יעדן תּקיף! שלאָגט ער זיך אױס אַ גאַנץ פּעטינקן לעבן פֿון דעם אָנלעקעכץ... די צונג זאָל מען בײַ אַזאַ אײנעם געבן אַ טרײסל, אַ שאָט טאָן װעלן זיך שטיקער און שטיקעלער, װאָס ער לעקט אָט פֿון יענעם װײכן חלק...

מיט זײַן עיקר קלערעניש קומט ערשט אַרױס דער אַלטער טאַטע. שױן לענגער װי זײַן טאָכטער שפּילט עפּעס אַ ליבע מיט אַ היגן בחור; געפֿעלט אים ניט אָט דער קאַװאַליער װאָס איז פֿון אַ פּשוטער משפּחה און מיט גאָר קנאַפּן קענטעניש. זײַן גאַנצער ייִחוס, װאָס ער האָט זיך געהאַט געחבֿרט מיט די „סטאַטשקעניקעס", אָט די װאָס פֿלעגן אָנמאַכן די שטרײַקן, און האָט זיך אױך גערעכנט פֿאַר אַ „לינקעװער", װי מען רופֿט זײ אָט די פֿון „בונד" און פֿון די אַנדערע לינקע פּאַרטײען, אױפֿן נאָמען פֿון דער שטעטל לינקעװע, אַרום שאַװל... די טאָכטער פֿלעגט אים אָבער, דעם טאַטן, אַלץ באַרויִקן, פֿלעגט זאָגן אַז עס גײט ניט אין ערנסט. זעט ער אָבער לעצטנס אַז זײ פֿרײַנדלען זיך אַלץ מער. און טאַקע הײַנט האָט זי אים בפֿירוש אַ זאָג געטאָן, אַז ער פֿאַרדרײט זיך סתּם מיט שדכנים, און נאָר געלט װעלן זײ ציִען.

װעגן שדכנים מיט געלט, האָט שױן דער ייִד פּראַקטיק. נאָך מיט יאָרן צוריק, נעמט ער דערצײלן, האָט אים געטראָפֿן מאָטיע דער שדכן און געגעבן אַ פֿרעג, צי קאָן זיך שױן רעכענען זײַן עלטערער זון פֿאַר אַ ראױ־לחופּה. קײן ממשות האָט דער מענטש נאָך ניט געהאַט פּאַרצולײגן — איז גיב אים שױן אַן אַדרױף, עד לחשבון. און אַז ער איז נאָך װאָכן געקומען מיט יע־װאָס, געדענקט ער גאָרניט פֿון יענעם געלט. און נאָך מיט אַ פּאַראיבל:

— צו מײַן גרױסן דלות, האָב נאָך אַ קאָפּ אױף געדענקען אַז געלט גענומען!

חתונה געמאַכט האָט שױן דער אַלטער פֿיר קינדער, און האָט צו דערצײלן פֿון נאָך שדכנים. גײט אָבער ריקל צום עיקר ענין:

– הײַנט איז אָבער יע ערנסט בײַ דײַן טאָכטער, שױן אין

קוצעניו־מוצעניו... אין די פּריִערדיקע יאָרן בין איך מערערע מאָל געווען צו גאַסט בײַ אַ מומען מײַנער אין קורלאַנד, אין אַ שטעטל צווישן ליבאַו און מיטאַו. גייט דאָרט אַן בײַ די ליובקעס אַ ווערטל: פון ליבע ביז מיטה איז ניט ווײַט...

ריקל מיט אירע אָנשרעקעניש!.. אָנגעלאָדן איז אָבער דער אַלטער מיט פאַרדראָס איבער די פּרעטענזיעס פון דעם בחור. גילט אים אָפּ! גלײַך ער, און נאָר ער, איז עס דער אמתער באַשערטער... נעכטן שוין אפילו גערעדט פון אײַנלאַדונגען צו דער חתונה. די פאַרבעטונגען דאַרפן זײַן, זאָגט ער, שיין געדרוקט, אויף בעסטן פּאַפּיר, און אויבן מיט אַ צעירי־ציון! בײַ דעם וואָרט האָט די טאָכטער אויך ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. גיט ער פון קעשענע אַ צי אַ קאָנווערט וואָס ער האָט געהאַט באַקומען פון ווילנע, נעמט אַרויס זײַן נײַע חבר־קאַרטע פון דער פּאַרטיי „צעירי־ציון" און ווײַזט אויבן אויפן מגן־דוד... איז מאַך אָט דעם גרויסן אינטעליגענט פאַר אַ שותּף אין געשעפט, אַזוי פאָדערט ער, און אַ האַלב הויז זאָל ווערן איבערגעשריבן אויפן נאָמען פון אים מיט דער טאָכטער. הײַנט פאַרנאַכט שוין אַ נײַער פאַרלאַנג. פאַרזיכערט זאָל זײַן אַ סומע געלט פאַר דער נײַער פּאָר אויף אײַנצוקויפן זיך אַ לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל. פון לענגער איז ער אַ גאַנצער מחותּן מיטן דעם רבס זון וואָס טראָגט זיך לעצטנס מיט דער בשורה, אַז פּאַלעסטינע איז שוין אָט־אָט אַ ייִדישע מדינה!.. די מאַמע זײַנע, איר קאָפּ. זי דרייט עס אים אָן. אַ וועלט האַלט זי פון אים! אַן אַלטע בעקערקע, איז דער זון בײַ איר אין די אויגן ווי אַ שיין אויסגעקנאָטענע און אויסגעפּלאָכטענע קיטקע. אויף אַרײַנצוזעצן וואָס לייכטער אַזאַ געבעקס אין אויוון אַרײַן, שיט מען עס גוט אונטער מיט מעל. וואָרנט זי עס אויך איר קדיש, ער זאָל ניט זײַן געגנאַרט אין מקח און זיך ניט אײַלן מיטן גיין צו דער חופּה:

— מײַן זון, שאַר זיך ניט צו לײַכט פון לאָפּעטע!..

פון דעם אַלטנס רייד איז שוין לוקניקן אײַנגעפאַלן עפּעס

אַ שטעבלקע. קאָן ער זיך ניט אײַנהאַלטן, און אַן אייגל זײַנס צעפּינטלט זיך אויף דער זײַט פון רבֿ רחמיאלן:

— ארץ־ישראל, אַ נחלה אין דעם הייליקן לאַנד, וויל דער בחור פון דוד לייבן; אַבי ניט זײַן חלק עולם־הבא. משמעות שוין ניט אַזאַ וואלוטע...

— און די וואַלוטע פון גבאות און קהלשער עסקנות? לייג צו אין גאַס נאָר אַן אויער... — איז שוין היינט אויף דער עולם־הבאניק דרייסט און גייט לוקניקן מיטן פינגער אין אויג.

אַ קאַפּעליוש

— דוד לייב, גיסטו אויס, הייסט עס, דײַן מיזינקע — איז שוין לוקניק מיט אַן עצה פאַרן אַלטן אַליין — ווערסטו זיך קאָנען פײַן אויסלעבן דײַנע יאָרן בײַ דער עלטערער טאָכטער; אין שטוב בײַ איר אַזאַ רחבות, און זי אַליין אַ בריה!

— אַ בריה... — צעשנירלען זיך בלוי ריקלס ליפּעלעך — בײַ מענער אַ פּרוי אַ בריה, אַזאַ וואָס איז געבאָרן מיט דרײַ בעזעמער אין יעדער האַנט... יע, און אויך אָט די בריה געפעלט ניט איר מאַן, און זיי גטן זיך.

— חלילה! — שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן דוד לייב — אַן אויסטראַכטעניש!..

— ניין? טאָקע גוט... — ציט זיך ריקל צוריק, און באַלד ווידער אויף איר שטייגער — און אַ מאָל איז גאָר אַ גט אַ סך בעסער ווי פרעסן זיך איינער דעם צווייטן אַ גאַנץ לעבן; אָפּגעשניטן און אַ סוף!..

די שוואַרצע קראָע איז אָבער דאָס מאָל ניט אין גאַנצן פון וועג. די טאָכטער מיט איר מאַן האָבן זיך טאָקע געהאַלטן בײַם צעשיידן, און דער גט איז שוין געווען באַשטימט אויף אַ מאָרגנדיקן טאָג. האָט זיך דער רב גענומען גרייטן מיטן אויסשטעלן די נעמען פון דעם פּאָרפּאָלק, ווי עס זאָל זײַן שטרענג־געניי אײַנגעשריבן אין גט. דערזעט ער אין צעטל וואָס ליגט פאַר אים גאָר נעמען ניט־געוויינלעכע. פּײַטל בלאַוונע הייסט דער מאַן און די פרוי — קיילע רײַצע. טאָ ווי איז ריכטיק־בוכשטעבלעך אַרײַנצושרײַבן אין גט, אות־באות? רודערן אין מוח האָט זיך גענומען דעם מרא־דאתרא, און זיך אַוועקגעזעצט זוכן אין ספרים. אַרום האַלבער

נאָכט האָט שוין די רביצין ניט געקאָנט זען ווי איר מאַן רירט זיך ניט פון טיש און גראָבט זיך אַלץ אין דעם באַרג חיבורים וואָס ליגן אַרום אים. פאָלגט ער דער ווײַב און גייט אַרויס אין דרויסן צו כאַפּן פרישע לופט. ערשט אַ שטאַרקע ליכט דאָרט אין הויז פון דעם פּאַרפאַלק. עטלעכע טריט ווײַטער, הערט ער אַ הויך גערייד, און אויך קולות. אין די לעצטע שעהן פאַרן גט זײַנען אַפּנים צונויפגעקומען די משפּחות; שפּאַרן טענות פון ביידע זײַטן... איז דער רב באַלד געווען בײַ דער טיר, געטאָן אַן עפן און צעטראָגן אַרײַנגעשריִען:

— האָט רחמנות, לאָזט אָפּ מיטן גט!

די רייד פון לוקניקן מיט זײַן ווײַב, ווי דוד לייב זאָל זיך אײַנאָרדענען נאָך דער טאָכטערס חתונה, טרײַבן גאָר אַרײַן אין מחשבות רבֿ רחמיאלן. מיט אַ ביטערן שמייכל קוקט ער אָן די ביידע עצה־געבער און ברענגט אַרויס געבראָכענע ווערטער, ווי צו זיך אַליין:

— ביסטו צו דער עלטער בײַ קינדער, דאַנק גאָט און פיל זיך גליקלעך, אַז נאָר איין מאָל אין טאָג בעטסטו אויף זיך דעם טויט...

ווי רפאל לוקניק איז הײַנט פול מיט אומרו און אַלץ אין ציטער איבער זײַן כּבוד! אפילו אין די פּאַרליטענע ווערטער פון דעם עולם־הבאניק זעט ער אַ גרינגשאַצונג. מיטן אַרונטערמאַכן די פּראַקטישע עצה פאַר דעם אַלטן דוד לייבן האָט ער דאָך ניט אַנדערש ווי געמיינט צו מבטל זײַן אויך דעם בעל־עצה אַליין, אים לוקניקן!.. און דער דוד לייב. געקומען איז ער זיך עס מיישב צו זײַן און הערן אַן עצה — ענטפערט ער בכלל ניט אויף זײַנע רייד, לוקניקס; ווי גאָר ניט געהערט. און אָט די פינצטערע עגונה. ווי די צונג איז איר הײַנט פרײַ אין ריידן צו אַ ראש־הקהל! און ווען זײַן ריקל, די באַלעבאָסטע, האָט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג מכּוח דעם גטן זיך פון אַ מאַן מיט אַ פּרוי — מיט וואָס פאַר אַ זילזול יענע האָט אָװעקגעדרייט איר קאָפּ!.. יאָרן ווי ער, רפאל לוקניק, שפּילט די ערשטע פידל אין דער קהילה, און איז ברייט אָנגענומען

אין דעם גאַנצן אַרום. מענטשן שלינגען דאָך יעדן וואָרט פון זײַן מויל, ווערן נתפּעל פון די אײַנפאַלן זײַנע און מען דערציילט זיך איבער פון זײַן קלוגשאַפט. איז אָבער די קללה פון דעם הײַנטיקן טאָג — געקומען אַ צייט!.. משמעות שוין אויך אין די אויגן פון די נאָענטע געפאַלן זײַן אַנזען, די „וואַלוטע" פון זײַן פּערזענלעכקייט. גאָר אַפּווערטיק אויך בײַ זיי; זיך ווי אויפגערעדט, אים פּוגע בכבוד צו זײַן!...

ניין, ער האָט נאָך יע אַ חשיבות בײַ מענטשן. אַ געפּיל אַזאַ גיט אַ שלאָג אין לוקניקן מיטן דערזען אין טיר משה דעם בעטער, דער אַלטער שמש פון קצבישער קלויז, וואָס איז אין שטאָט אויך דער שליח צום פאַרבעטן אויף שימחות. אַ בעל־הבית דערבײַ אין גאַס מאַכט חתונה אַ טאָכטער, און רב רפאל לוקניק איז פון די ערשטע אין דער רשימה געסט, וואָס מען האָט אים, דעם אַלטן, איבערגעגעבן פאַר אַ ווײַלע. איז ער עס אַהער גלײַך אַרײַן.

— און איך בין אין דער רשימה ניטאָ? דאָך ממש אַ שכן פון דעם בעל־שימחה — פרעגט רב רחמיאל און וווּנדערט זיך — מיך האָט מען פאַרגעסן...

— חס־ושלום! — שרײַט אויס דער בעטער — בפירוש דערמאָנט אײַער נאָמען, נאָר געבליבן אויף ניט.

דאָס געלעכטער אין שטוב נאָך ניט פאַרגאַנגען, צעקוועלט זיך לוקניקן דאָס האַרץ פון ווערטער אַכפּערדיקע און געהויבענע וואָס קומען אַרײַן מיטן מויל פון אַ נײַעם באַזוכער. און ווידער אַ חתונה. נאָך בײַ דער טיר, נעמט זיך דער מענטש אַנטשולדיקן וואָס ער, אַ פּשוטער בלעכער, דערלויבט זיך שפּעט אין אָוונט איבערצוטרעטן די שוועל בײַ אַזאַ באַרימטן מאַן, דער פירער פון שטאָט און גוואַלדיקער בעל־טובה און לאַנד־חכם. מאָרגן אָבער איז בײַ אים אַ שימחה, די חתונה פון אַ זון — זאָל רב רפאל לוקניק ניט אָנטאָן דעם כבוד און ניט זײַן צו דער חופּה? די פאַרבעטונג זײַנע פאַרשטאַרקט דער מחותן מיט לוקניקס אַ וואָרט טאַקע וועגן דעם חתן. אַ וואָרט וואָס נאָר צום דרוקן, באַלעקט זיך דער ייִד. בײַם

פאַרריכטן אין גרויסן בית־מדרש אַ דאַכרינע, דערמאָנט דער בלעכער, האָט ער געהאַט אויסגערעדט פאַר לוקניקן, דעם גבאי, דאָס האַרץ וועגן זון. ווי נאָר געוואָרן אַ חתן, איז ביי אים אַלץ נאָר די כלה; ער ווייס שוין ניט פון שטוב... אויף אָט די רייד איז געווען געפאַלן לוקניקס אַ וואָרט:

— האָט דער זון אַ כלה, איז ער צעקאַלעטשעט...

געוואָרן איז די חתונה מיט אַ מאָל, רעדט ווייטער דער מחותּן און פאַרענטפערט זיך שוין אויך פאַר זיין אַריינקומען אין שפּעטן אָוונט. דער טאַטע פון דער כלה, דערקלערט ער, איז שוין לענגער ניט אין גאַנצן מיטן געזונט, און די לעצטע טעג איז ער ביז גאָר פאַרשלאָפט. ווייל ער נאָך פירן זיין טאָכטער צו דער חופּה... איז אָט מיטן רבֿ געווען אַ גאַנצע לייעניש. געוויינלעך איז מען געגאַנגען צו אים וועגן מסדר קידושין זיין. הערט ער, און פאַלט אַריין אין אַן איבערקלער... רבֿ אביגדור, דאָך אויסגעטאָן פון דער וועלט — איז ער גאָר אַ פּאָליטיקער. די וועלט־מילחמה איז שוין טאַקע פאַרביי, האָט ער גענומען ריידן צו זיך, אָבער דאָ קאָנען זיך יעדן טאָג אָנהייבן קאַמפן איבער דער געגנט. און ווי מען האָט אים דערציילט, גרייטן זיך ביי אונדז די ליטווינער איינצורופן די אַלע יונגע מענער און מאַכן אַן אַרמיי... און שוין זוכט אויף דער רבֿ אין אַ ספר אַ בפירושן איסור צו חתונה מאַכן אַ יונגן בחור אין אַזוינע טעג... אַז מען האָט אָבער גענומען אָנוואַרפן פאַרן רבֿ די וואָגיקע סיבות פון דעם צוזאַמלען זיך מיט דער חתונה, האָט ער שוין אַריינגעקוקט אין אַן אַנדער ספר. און געפונען אַ היתּר. וועט מאָרגן זיין די חופּה... האָט שוין דאָ לוקניק אַ ווערטל:

— געפינען דעם דין, דער היתּר קומט שפּעטער...

— בקיצור, מאָרגן איז די חתונה — כאַפּט זיך דער בלעכער ווי צום עיקר, און יעדעס וואָרט באַקלערט און מיט אַ קוראַזש — און איר, רבֿ רפאל, געוויס געדענקט איר אַז איר זייט געווען דער סנדק פון דעם חתן. און מיר אַליין האָט איר אין די מילחמה־יאָרן געראַטעוועט פון דער דייטשער צוואַנגאַרבעט. אויסזוכן פלעגט

איר פֿאַר מיר בלעכערײַ־אַרבעט אין דער גרויסער שול, און אין די קלויזן; בין איך געווען באַפּרײַט ווי אַ מין כּלי־קודש... וועט רבֿ רפאל ניט קומען צו דער חופּה? איר זײַט אַ מחותּן, און אַ גאָר חשובֿער!.. איז אײַך אָבער שווערלעך און איר קומט ניט, טאָ לײַט מיר, רבֿ רפאל, אײַער קאַפּעליוש.

שטאָלץ געשוויגן, טראָגט צו דער ראש־הקהל זײַן קאַפּעליוש. וואָס דער ייִד גיט אַ זאָג בײַם אַוועקגיין, הערן ניט זײַנע אויערן. פֿאַר די פֿיבערדיקע אויגן צעגליִען זיך עפּעס ווערטער פֿון אַ פּסוק. עפֿנט ער דעם תּנ״ך און לייענט:

„הסיר המצנפת והרים העטרה.. השפלה הגבה והגבוה השפיל״, אַוועק די הוט, און אַראָפּ די קרוין!.. די נידעריקע דערהייבן, און דעם הויכן דערנידערן...

לאַפּסערדאַק און סערמעגע

אויפגעלייגט פילט זיך מילי אויף דער קעלניע. פרײַ דער וועג, און זיכער איז ער מיטן פערד־און־וואָגן, און ניט אָפּהאַלטן וועט מען די פּאַסאַזשירן וואָס ער פירט. איבער די טראַקטן פון דעם גאַנצן אַרום האָבן שוין זײַן זיידע און זײַן טאַטע געפירט מענטשן און סחורה. איז אָבער אָנגעפאַלן אַ מילחמה, אַ פײַער איבער לענדער און מדינות, אַ וועלט־מילחמה! אָנגעהויבן האָט זיך די פּורעניות אין דעם טאָג פון תשעה־באָב, און זיך געצויגן ביז דעם לעצטן האַרבסט, איבער פיר יאָר. און אַז שוין געגומען אַ סוף, איז אין דער געגנט אַוועק אַ רײַסערײַ מיט שלאַכטן צווישן די גויים וואָס ריידן אין זייערע באַזונדערע לשונות — און די ליטווינער זײַנען דאָ געוואָרן די הערשער. די ייִדן וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף זייער זײַט און אַ סך מיטגעהאָלפן, זאָגן אַז אין ליטע וועט אונדז זײַן גוט...

פרילינג 1919. די שוין־דערלעבטע רויִקע טעג אָטעמען ברייט און טיף אין מילין. אין דעם פרישן פרימאָרגן איז די לופט באַהויכט מיט טוי פון גראָזן און עס שמייכלען צעאַקערטע און פּאַרזייטע פעלדער. בלוי צעגאָסן איז דער הימל, זון ברייטערט זיך און שטראַלט אַדורך די הויכע גרינע סאָסנעס, און בײַ די ראַנדן וועג שלאָגט אַ לויכטיקע פרייד פון דעם מאָך. פרילינג שטראַלט, לאַכט, אָטעמט קאַלט...

אין זאָטל פילט זיך באַזונדער מילי מיט זײַנע הײַנטיקע צוויי געהויבענע פּאַרשוינען, דער שטאָט־רב און דער ראש־הקהל. ווי נאָר רב רפאל לוקניק, דער ראש־הקהל, האָט נעכטן באַשטעלט די נסיעה צו דער באַן פאַר אים צוזאַמען מיט רב אביגדורן —

איז צווישן מענטשן אוועק אַ רייד אַז דיביידע פֿאָרן עס קיין קאָוונע, וואָס איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון ליטע. עפּעס אסיפות דאָרט וועגן מאַכן איבער גאַנץ ליטע נײַע קהילות. און קלײַבן די קהלס־לײַט וועלן קאָנען אַלע, אויך די גאָר אָרעמע און פּשוטע... נעמט שוין דאָ מילי פֿון זײַן קעלניע ווײַזן, אַז אין אַזאַ צײַט האָט ער אויך וואָס צו זאָגן. ער מילי מיינט, אַז מען טאָר ניט האָבן קיין צו גרויסן צוטרוי צו די פּויערים, אָט די ליטווינער. די העזה וואַקסט בײַ זיי פֿון טאָג!

מילי צעלאָזט זיך מיט אַ מעשה פֿון אַ יורגיס, אַ ליטווין וואָס לעבט מיט אים אין איין געסל. יעדן פֿרילינג קריגט אָט דער שכן די פֿערדמיסט בײַ מילין אין שטאַל, דערפֿאַר באַצאָלט ער אים מיט אַ בייט בולבעס אָנהייב האַרבסט. לעצטן נאָך סוכות זיינע אַוועק, ווי אַלע מאָל, מיליס ווײַב און אַ טאָכטער גראָבן די בולבעס. האָט דאָך אין יענע טעג שוין געהאַלטן בײַם אויפֿקום פֿון דער מדינה, איז יורגיס אַרויס מיט ליגנס און גענומען דרייען — און די ביידע זײַנען געקומען צוריק מיט ליידיקן... און אָט איז דאָך פֿרילינג, איז ער ווידער דאָ, דער פּויער. גדלותדיק נעבטן אָנגעפֿאָרן, אַזוי תּקיף דאָס קוקעלע, און ברייטלעך מיטן וואָגן אין שטאַל אַרײַן. און שוין מיט דער ווידלע!.. אויף ייִדיש, ווי זיי ריידן שטענדיק צווישן זיך, האָט ער, מילי, געטאָן אים אַ זאָג:

— יורגיס, דו נעמסט זיך שוין פּילן ווי אַ פּריץ; און איך, איך גיי מיך נאָך אונדזערע ספֿרים: אם אין קמח אין תּורה; אַז ניט בולבעס, איז אַ קרענק דיר מיסט!..

אַ קער גיט זיך מילי צו דער בויד:

— רבי, ריכטיק אַרײַנגעטייטשט דעם פּסוק אָט דעם גוי?.. און איר, רב רפֿאל, גלייבט זיי; טאַ גלייבט טאַקע די פּויערים מיט די כּל הגליקן וואָס זיי זאָגן צו פֿאַר די ייִדן!..

— יורגיס איז שוין דאָס גאַנצע ליטווישע פֿאָלק... — רעדט לוקניק צום רבֿ, און וואַרפֿט אַ ביטול־שמייכעלע אויף דער זײַט פֿון דעם בעל־עגלה.

— יורגיס, און די אַלע אײַנגעפּונדעוועטע און רײַכע פּויערים, און מיט זיי די בורזשויען... — שווײַגט ניט מילי — און די גאַנצע אָנפירער וואָס מאַכן עס די מדינה, זײַנען גלחים, אונטער אַזאַ שוואַרצן פינצטערן רעזשים, וועט דער האַרעפּאַשניק האָבן דעם ריכטיקן גן־עדן; שוין אַן עלנט פאַר די ברייטע מאַסן!

ווי לוקניק וויל שוין פאַרגעסן די פינצטערע חדשים! באַלד ווי די דײַטשן האָבן זיך אונטערגעגעבן אין דער וועלט־מילחמה און אַרונטער איז זייער קייסער ווילהעלם און געוואָרן איז אין דער געגנט קלאָר, אַז אויך דאָ ענדיקט זיך די אָקופּאַציע פון דער דײַטשער אַרמיי — האָבן זיך אָנגעהויבן די טומלענישן מיט דעם גאַנצן תּוהו־ובוהו. אויפגעשפּרונגען זײַנען בעלנים צו באַהערשן די געגנט... טיף־טיף איז נאָך לוקניק געקרענקט פון אָט דעם שטורמישן איבערגאַנג. אין די וויסטע שטרײַטן און קאַמפן האָבן אויפגעהויבן די קעפּ בונטאַרן און כּלערליי הפקרניקעס. ווי אַ ראש־הקהל שטייט ער נאָך גאַר באַזונדער אויס פון די אַ פאַרשווינען. מאַכן ווילן זיי אים צו לעג וקלס!.. דאַרף ער, לוקניק, דאָ אויפן וואָגן אויך האָבן דעם כּבוד צו פאַרנעמען די גאַר הויכע ווערטער פון דעם בעל־עגלה!..

— האָסטו זיך, מילי, גאַר פײַן אָנגענאַשט פון יענע רויטינקע דרשנים וואָס זײַנען געוואָרן אָפטע געסט בײַ אונדז אין שטאָט... — טאָ זאָג שוין, מילי, זאָג איבער מיט פולן מויל, וואָס די רעדנער דײַנע לאָזן הערן וועגן די רבנים; צו די גלחים שפּאַנען זיי דאָך צו אויך די ייִדישע כּלי־קודש און די קהלס־לײַט!..

פאַרלירט זיך ניט דער בעל־עגלה און נעמט ריידן פון איינעם אַ מענדעלע מיט אַ קליאַטשע, וואָס ער האָט געהערט אויף אַ פאַרזאַמלונג, און צעשרײַט זיך:

— אָט די פאַלקסמאַסן, מיט בלוטיקן שווייס פאַרדינט מען קוים אויפן ביסן ברויט, מוזן מיר נאָך טראָגן אויף זיך, ווי יענע קליאַטשע, און אויסהאַלטן די אַלערליי כּלל־פאַרזאָרגער מיט זייערע

קהלשע קליאַמקעס. אַלע רײַטן אויף דער בידנער בריאה!.. ווער מען אויך קלײַבן אַ נײַע קהילה!

אַרויסגעפּאָרן פון שטאָט, גיט לוקניק אַ ווײַז רב אביגדורן אויף אַ לאַנגן שטאַנג בײַ דער זײַט וועג לעבן אַ בודע, און סלופּיקעס דערבײַ — אַלץ געפּאַרבן אין רײַסיקע שטרײַפן. דורך די מילחמה־יאָרן איז דאָך דער רב ניט געווען אַרויסגעפּאָרן פון שטאָט, אָבער געוויס געהערט פון דער שפּערע. הערט ער איצט געגוי, ווי אויף דער שטעל איז איבער דער ברייט פון וועג געווען אַריבערגעוואָרפן אָט דער שטאַנג, און אין דער אַוועקגעשטעלטער בודע איז געזעסן אַ דײַטשע וואַך. אָפּהאַלטן פלעגט מען די פוסגייער און פורן און קאָנטראָלירן צי איז דאָ אַ שײַן מיט אַ דערלויבעניש צו פאַרלאָזן די שטאָט אָדער אַרײַנקומען. דורכזוכן אַלץ וואָס מיט זיך, און אָן אַ שיעור קאָנפיסקירן, און אויך באַשטראָפן מיט געלט, און אויך אַרעסטירן.

אַ שטיקל וועג ווײַטער, האָט שוין לוקניק פאַר זיך אַ שאַרפערן בר־פּלוגתא ווי דער בעל־עגלה. פאַן ראַנטשעוועסקי, דער גרויסער גוטבאַזיצער, רײַט אָן אַנטקעגן. קוים מיט אַ קאָפּשאָקל ענטפערט דער מאַגנאַט אויף דער באַגריסונג פון זײַן אַלטן באַקאַנטן וואָס שטייט מיט אים שוין יאָרן לאַנג אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען. אַ ווונק פון שררה צו דעם מענטשן מיט דער בײַטש, צו מילין, שטעלט זיך אָפּ די פור. צום פרילינגדיקן חלל איז פריציש פאַרריסן דער גרויער קאָפּ, און ווערטער שלײַפן זיך ווי מיט פונקען:

— דער לאַפּסערדאַק איז אַוועק אין אַ סוקטינע מיט דעם כלאָפּ וואָס האָט זיך צעהאָפקעט אין זײַן סערמעגע און מיט זײַנע קלומפּעס... אַז דער מוזשיק קריגט די בולאַווע און ווערט באַלעבאָס אין לאַנד, מעגן שוין די ייִדן פאַרגעסן פון זייערע שבתדיקע פיש און ווײַסינקע חלה... די אויסגעביטערעוועטע קעפּעלעך, און אפילו ווי דער פאַן ראַבין, געדענקען שוין גאָר ניט די שווידערדיקע ווערטער פון דעם גרויסן חכם אין ביבל, וואָס זאָגט וועגן אַ קנעכט אַז ער ווערט אַ מלך!..

אויסהאַלטן קאָן ער ניט, דער פּאַרקאַכטער פּאָליאַק, וואָס די ייִדן גייען גאָר מיט די ליטווינער און העלפן זיי אין אויפשטעלן דאָ אַ מדינה. די ייִדעלעך אין זייערע קאַפּאָטעס, וויצלט ער זיך עס, זײַנען אַוועק אין אַ סוקטינע, אין דעם ליטווישן טאַנץ, און האָפּקען זיך מיט די פּויערים וואָס זײַנען אויסגעפּוצט מיט זייערע סערמעגעס און קלומפּעס, מיט דעם פּראָסטן דאָרפישן געוואַנט און הילצערנע שיך...

לוקניק און מילי קוקן נאָך דעם שפּילעוודיקן שמיצל פון ראַנטשעווסקיס בײַטשל איבערן פערד און דעם אוועקרײַט זײַנעם אָן אַן אָפּשיידוואָרט. פון דעם ספרל הייבט אַרויס די אויגן אויך רב אביגדור. דאָס גויִש וואָס דער אדון רעדט, פאַרשטייט ער קוים אַ וואָרט. די זאָרג אָבער מכּוח פּרנסה פאַר ייִדן אין דער נײַער מדינה, האָט ער שוין אַרויסגעהערט אין זײַן קהילה... פון די פעלדער בײַם וועג יאָגן נאָך דעם גרויסן פּאַן בליקן פון די פּויערים. מיט עטלעכע צענדליק יאָרן צוריק זײַנען נאָך זייערע עלטערן געווען לײַבקנעכט אין זײַנע מאַיאָנטקעס. און אַז די פּאַנשטשינע איז שוין אָפּגעשאַפט, הערן ניט אויף סיכסוכים מיט דער אָרדינאַציע וועגן די פּיצלעך ערד וואָס די פּויערים באַקומען. גייען זיי אונטער פון די לאָדענישן אין געריכט, און פילן גאָר וויל דאָס ווערטל: באָרע זיך ניט מיט אַ שטאַרקן און פיר ניט קיין משפּטים מיט אַ רײַכן... קומט אָבער אָט אָן אַן אייגענע מדינה, וועלן שוין די דערפער צוקריגן פײַנע חלקים ערד!..

מיט פרילינג אָטעמט דאָס פעלד און וואַלד. זוניק די לופט, גרינס רײַסט זיך, שפּראָצט פון יעדן שפּאַן. מיטן שנירלדיקן וועג באַלעקט זיך יעדע ווײַלע דער ראש־הקהל פון באַגריסונגען. פאַרבייגייער און פאַרבײַפאָרער, אַקערער און בראָנעווער — מען הייבט די היטלען, קעפּ בייגן זיך, און הילכיק טראָגט זיך:

— לאַבאַס, פּאָנאַס לוקניקאַס!.. לאַבאַס, פּאָנאַס ראַבינאַס!..

אַז אויך אָט דער רײַכער ייִד, און ער צוזאַמען מיט זײַנע גלייביקע גייען מיט די ליטווינער, שטאַרקט זיך בײַ די מענטשן אַ

זיכערקייט — די מדינה זייערע וועט טאַקע האָבן אַ האַלט. און אין פרילינג פון דעם גאַנצן אַרום, צעשטראַלט זיך פאַר לוקניקן טאַקע אויך אַ פרילינג פאַר די ייִדן אין דער ליטע...

געקומען צו דער באַן, איז שוין רב אביגדור ריידעווודיק. משמעות אַז דורכן וועג האָט זיך זײַן אויג מערערע מאָל אַ קער געטאָן פונעם ספרל און געוואָרפן אַ בליק אויף אָן אַ זײַט. צו דעם פורמאַן וואָס העלפט אים אַרונטערגיין פון וואָגן און ווינטשט אים אַ גליקלעכע ווײַטערדיקע נסיעה — פאַלט זײַן זאָג:

— רחמיאל, אין פאָרן האָסטו זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ ברונעם מיט אַ פולער קאָרעטע. דאָס וואָסער האָט דײַן פערד געטאָן אַ שמעק און באַלד אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. ערשט יע געטרונקען, אַז דו האָסט פאַר אים אָנגעשעפּט פריש און קלאָר וואָסער. ניט מער ווי אַ בעל־חי!.. און דער מענטש וואָס איז מיט אַ נשמה און איז די קרוין פון וועלטבאַשאַף, איז אָט דער בחיר־היצורים גאָר עלול אַרײַנצושלינגען אין זיך טרייף־פסול, רייד פון הפקרות און כפירה! אָנגעהערט האָסטו זיך, רחמיאל, פון עפּעס רעדנער, און קײַעסט נאָך איבער! רחמיאל, איך קען דאָך דיך; ווילסט דאָך אויף זײַן אַ כשרער ייִד...

אַ קליין

אין וואַגאָן פאַרנעמען זיך ערטער רפאל לוקניק און רב אביגדור אין אַ קופּע וואָס איז באַזעצט נאָר פון איין פּאַסאַזשיר. באַלד עפנט לוקניק אַ טשעמאָדאַן און פרעגט זײַן שטאָט־רב, צי ער וויל וואָס אין מויל. איז אָבער דער ייִד שוין אַרײַנגעטאָן אין אַ ספר. לוקניק פילט כסדר ווי דער פרעמדער וואָס זיצט בײַם פענצטער און די אויגן צום דרויסן, גיט יעדע ווײַלע אַ וואָרף אַ בליק צו אים. אַזוי באַקאַנטלעך די צוויי צונטערע שראַמען אויף דער לינקער באַק פון דעם מענטשן, און די געדיכטע ברעמען איבער זײַנע שפּיציקע אויגן, און דער רויטער נאַקן און קורצער האַלדז.

— הויפּטמאַן שרעדער, דער הער אָבערפערסטער !.. שטימט ?..
— כאַפּט זיך לוקניק מיט איבערראַש, און באַלד ניט זיכער צי ניט קיין טעות אין דעם ציווילן מאַן וואָס זעט אויס ווי אַ רײַכער אויסלענדער.

— שטימט... — פּאַלט אַ שמייכל פון פענצטער.

אַן אָפיציר אין דער דײַטשער אַרמיי און אָבערפערסטער, אַ ספּעציאַליסט אין וועלדערײַ, איז קורט שרעדער אין די מלחמה־יאָרן געווען דער הערשער איבער די וועלדער פון גאַנץ זאַמעט. ווי אַ געבאָרענער אַרום טילזיט אין אַ גוט בײַם טײַך ניעמאַן, איז אים ניט געווען פרעמד די ליטווישע שפּראַך. האָט ער זיך דאָ, אין דעם אָקופּירטן געביט, געהאַלטן אין איין פרײַנדלען זיך מיט די ליטווינער און זיי געמוטיקט צו גרינדן שולן אויף זייער אייגענער שפּראַך. אין ענגערע פאַרבינדונגען איז ער געשטאַנען מיט די חשובע טוער פון דעם פאָלק און זיי אונטערגעמוטיקט צום אַנטשליסן זיך אויף מאַכן ליטע ווי אַ מין פּראָווינץ פון דײַטשלאַנד,

און אונטערטעניק פון קייסער וועלהעלם דעם צווייטן... מיט וואָס דער שרעדער איז היינט באַשעפּטיקט און וווהין פאָרט ער עס מיט דעם צוג — גייט שוין אויס לוקניק צו וויסן. דער דייטש איז אָבער צוגעקלעפּט צום פענצטער... נאָך לאַנגע מינוטן, פּלוצעם אַ קער:

— הער לוקניק, און אויך דער הער ראַבינער, אַ מערקווערדיקע זעענסווערדיקייט!.. ביטע, נענטערט זיך צום פענצטער, קוקט און באַטראַכט!..

פּאַזע דער באַן־ליניע ציט זיך מיט דעם וואַלדוועג אַ לאַנגע ריי פּויערים, אַלטע און יונגע, פרויען און מענער, באַהאַנגען מיט טאָרבעס; בלאַס און אויסגעמאַטערט די פּנימער, די מיילער אין געזאַנג — און די אַלע אין גאַנג אויף די קני.

לוקניק און אויך רב אביגדור זיינען זיכער אַז שרעדער ווייס פון דעם שטעטל שידלעווע אין דער געגנט. יאָרן־יאָרן ווי פרומע קאַטאָליקן זיינען עולה־רגל צום דאָרטיקן קלויסטער וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ מעשה פון אַ הייליקער זעונג, און וווּנדערלעכע אַנטפּלעקונגען, און ניסים אַ סך... דער דייטש איז אָבער ווי איבערראַשט:

— געצן־דינער!..

אין שרעדערן דעם פּראָטעסטאַנט צעגיסט זיך אָבער דאָס האַרץ ניט אויפן קאַטאָליציזם. אַ חשבון נעמט ער גאָר פירן קעגן דעם ליטווישן פאָלק מיט דער לאַנדשאַפט דאָ צוזאַמען. אַ ווייז גיט ער אויף דעם וואַלד פון איין זייט באַן און אויף אַ זומפּ פון דער צווייטער זייט, און לאָזט זיך אַריין אין היסטאָריע. מיט הונדערטער יאָרן צוריק, צערעדט ער זיך, זיינען די וועלדער אַרום און אַרום געווען שרעקלעך געדיכט, און צוזאַמען מיט די טייוולאַנישע זומפּן זיך געצויגן ביזן באַלטישן ים. האָבן דערפאַר די מחנות פון דעם דייטשן אָרדן ניט געקאָנט אַריינדרינגען אין דעם געביט און פאַרשפּרייטן צווישן די געצן־דינער דעם קריסטלעכן גלויבן. גוט איינגעגעבן האָט זיך דעם אָרדן אויפן צפון פון דעם געביט, אויף

די שטחים פון די לעטן און עסטן. געגרינדעט האָבן די דײַטשן דאָרט די מעטראָפּאָליע ריגע, און נאָך שטעט, און אײַנגעפּלאַנצט די גערמאַנישע קולטור. די ליטווינער זײַנען אָבער מיט דער צײַט גאָר אַרונטערגעפאַלן אונטער דער פּוילישער השפעה. איז שוין אָט די ערד, צוליב די וועלדער און זומפּן, געבליבן שטעקן ווי אַ קליין אין דעם אויסשפּרייט פון אַ הערשאַפט וואָס זאָל זיך אָן אַוועלכן טעריטאָריעלן איבעררײַס ציִען פון פּרײַסן אויף צפון, איבער די אַלע שטחים אין מיזרח פון באַלטישן ים — אין איין גרויסן און פולשטענדיקן דײַטשן רוים!

לוקניקן ווערט גאָר קלאָר די ליבעראַלע האַנדלונג פון אָט דעם אָבערפערסטער אין דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן אָפּטייל פון דער מיליטערישער לייטונג. מיט אַ לײַכטער האַנט פלעגט ער אַרויסגעבן די דערלויבענישן אויף האַקן וואַלד. גליט עס אין אים נאָך דער צאָרן אויף די ליטווישע וועלדער... אָבער ניט נאָר דער איין שרעדער האָט געטאָן אין באַזײַטיקן די שטערונגען וואָס זײַנען אין יענע יאָרן געשטאַנען די דײַטשן אין וועג אויף אַ גרויסהערשאַפט. די מיליטער־לייטונג האָט דאָך אין די געגנטן צוזאַמענגעשלעפּט געפאַנגענע סאָלדאַטן און צוואַנג־אַרבעטער אין די טויזנטער און זיי אויסגענוצט דער עיקר אויף שיטער צו מאַכן די וועלדער און אויף טריקענען זומפּן — די אַ „היסטאָרישע שונאים" פון אַ דײַטשער אימפּעריע... און טאַקע אויך אָט די באַן־ליניע, אויף וועלכער דער וואַגאָן לויפט, האָבן דאָך די דײַטשן דורכגעפירט באַלד מיט זייער אַרײַנמאַרש אין דער צײַט פון דער מילחמה. אַ שנעלן וועג האָבן זיי געוואָלט, און דורך אָט דער ליטווישער ערד זאָל זײַן אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט די אַנדערע לענדער בײַם באַלטישן ים — און מיט ליטע צוזאַמען וועלן די אַלע שטחים זײַן ווי איין גוס אײַנגעפורעמט אין דײַטשלאַנד.

ציוויל איז שרעדער געקליידט, שוין ניט דער הויפּטמאַן אין זײַן מיליטערישן גלאַנץ. נאָך אָנגעבלאָזן, און די אויגן שיסן מיט מאַכט. האָט ער דאָ אין פּאָרן גאָרניט געמערקט דורכן

וואַגאָן־פּענצטער זײַנע דײַטשע סאָלדאַטן בײַ דער באַן־ליניע? אָפּגעבליאַקעוועט זייער אויסזען; ווי פאַרלאָרן בלאַנקען זיי און קוקן אויס אויף אַ צוג צוריק צו פאָרן אַהיים... און אַט — אַ מוטיקער געזאַנג. מיטן אָפּשטעל פון צוג בײַ דער סטאַנציע לידאָוויאַן, דערזעט זיך אַ קאָמאַנדע פון ליטווישע יוגנטלעכע; קומען אַז אין אַ מיליטערישן מאַרש. שווײַגט שוין ניט לוקניק און רעדט ווי צום רב:

— אַ ליטווישע מדינה קומט יע אויף...

— אַט די קלומפּען? אַ פאָלק פון לומפּן!.. — שפּרינגט אויף שרעדער.

דאָס יונקערישע אויג וואַרפט זיך אויף דעם היימישן אַנטו פון די דאָרפישע, און דער עיקר וואָס זיי האָבן ניט קיין מיליטערישע שטיוול און מאַרשירן אין זייערע הילצערנע קלומפּעס. בײַ דעם דײַטש זײַנען שוין די אַלע ליטווינער ניט מער ווי גאַרנישטן, און ער גלייבט ניט אַז זיי וועט זיך אײַנגעבן צו האָבן אַן אייגענע מדינה... נאָר די דײַטשן, האַלט ער, זיי האָבן עס געהויבן דעם אַנזען פון אַזאַ פאָלק, וואָס ווערט אין דער ציוויליזירטער וועלט באַטראַכט ווי אַן אומקולטורעל, אַ הינטערשטעליק און באַגרענעצט. אין זײַן רוגזה צעשרײַט ער זיך:

— אַן אומדאַנקבאַר פאָלק!.. נאָר אין די דײַטשע אוני־ווערסיטעטן ווערט גרינטלעך געפאָרשט די היסטאָריע און די שפּראַך פון די ליטווינער, אָבער זיי אַליין האָבן אויף קיין איין געביט ניט אַרויסגעגעבן פון זיך אַן ערנסטן געלערנטן!.. און איך, טאַקע אויך איך, האָב אין דער לעצטער צײַט אַ טייל אין פאַרשאַפן אַט דעם פאָלק א וועלטנאָמען!

אַ צי אַ האַסטיקן גיט לוקניק רב אביגדורן בײַם אַרבל, כאָטש דער רב האָט אפילו ניט געהערט וואָס דער דײַטש האָט געגעבן אַ זאָג. ווי אַ רעטעניש אַ גאַר טשיקאַווע נעמט שוין לוקניקן אויסזען אַט דער שרעדער. אַן אָפיציר פון אַ ניט־הויכן ראַנג זאָל האָבן געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָלע — גלייבט זיך ניט.

גאַנגעס און ניעמאַן

קורט שרעדער מערקט דײַטלעך דעם סקעפּטישן אָנקוק פֿון דעם ייִדן. בלוי פֿאַרבײַסן זיך דעם דײַטש די דינע ליפּן, און מיט אַ ברויזיק שווײַגן אַ וואָרף זיך צום רײַזעטאַש. אַלטע בלעטער כאַפּט ער אַרויס, און אַ ווײַזט אויף אייבערקעפּ מיט גרויסע אותיות.

„גאַנגעס און ניעמאַן זיך באַגעגנט!" — שרײַט אויס איין צײַטונג.

„פֿון פּאַנדשאַב ביז שעשופּע..." — ציט אָן אַ צווייטע צײַטונג.

אין אַ טאָן פֿון פּילאַי־פּלאַים איז אין די בלעטער פֿון 1917, מיט צוויי יאָר צוריק, באַשריבן אַ מעשה מיט געפֿאַנגענע זעלנער. אין דער וועלט־מלחמה זײַנען צו די דײַטשן אַרײַנגעפֿאַלן אינדיער וואָס האָבן געדינט אין דער ענגלישער אַרמיי. האָט מען אָט די געפֿאַנגענע אויפֿן מערב־פֿראָנט, אַריבערגעפֿירט ווײַט־ווײַט, אַזש אין אַן עק מיזרח־פּרײַסן, און זיי צעוואָרפֿן אין דערפֿער אַרום טילזיט. פֿון אַ גאַנץ אַנדער וועלט און מיט אַ גאָר פֿרעמדן לשון, וועלן זיי אין די מקומות אפֿילו ניט קאָנען טראַכטן וועגן אַנטלויפֿן... ניט פֿאַרבײַ קיין עטלעכע וואָכן, האָבן די דאָרפֿיקע וואָס ריידן אויך ליטוויש גענומען גאָר אויפֿכאַפּן באַקאַנטע קלאַנגען און ווערטער פֿון די געבראַכטע מענטשן. און די אינדיער — זיי שמייכלען און פֿרייען זיך מיט עפּעס נאָענטס. דעם טײַך שעשופּע, וואָס פֿליסט אין דעם ווינקל לאַנד און פֿאַלט אַרײַן אין ניעמאַן, האָט איין יונגעטשקער געפֿאַנגענער אפֿילו גענומען רופֿן — שעשאַב...

אַרויסגערופֿן איז געוואָרן פֿון דער נאָענטער קעניגסבערג אַ

שפּראַכפאָרשער אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט — ווערט אין די צײַטונגען דערציילט. האָט זיך דער פּראָפעסאָר צו ערשט פאַרנומען טאַקע מיט דעם בחורל, און זיך אָנגעשטויסן אַז אָט דער געפאַנגענער שטאַמט פון דעם ראַיאָן בײַם טײַך פּאַנדשאַב, אַ וואַסער וואָס איז אַ צוזאַמענפלוס פון פּאַנדזש אַב, פון פינף טײַכן, אין דעם דאָרטיקן דיאַלעקט — און הייסט דערפאַר פּאַנדזשאַב. און אין ליטוויש, ווייס שוין דער אינדיער, איז פּענקי, אָדער פּיאַנקי — פינף, און אופּע — אַ טײַך. האָט ער דאָ בײַ דעם דאָרף געזען אַ טײַך, און דערהערט דעם נאָמען שעשופּע, איז אים ריכטיק אײַנגעפאַלן, אַז עס איז אַ צוזאַמענפלוס פון זעקס טײַכן — און אויסגעשריִען: שעשאַב !..

האָבן זיך צו די דערפער אַרום טילזיט גענומען ציִען נאָך און נאָך געלערנטע — שרײַבן די צײַטונגען. געוואָרן זײַנען אַרויסגעפישט אַ סך וואָרצלען און ווערטער בשותפותדיקע צווישן די אינדישע דיאַלעקטן און דער ליטווישער שפּראַך. פעסט פאַרשטאַרקט איז געוואָרן די טעאָריע, אַז די ליטווינער רײדן טאַקע אַ לשון וואָס איז נאָך גאָר נאָענט צו סאַנסקריט, אַן אוראַלטע שפּראַך פון אינדיע, וואָס איז די מאַמע, פון די אינדאָ־גערמאַנישע לשונות אין אייראָפּע... די אָריגינעלקייט פון דער ליטווישער שפּראַך ווערט דערקלערט מיט דער שוואַכער באַרירונג פון די ליטווינער מיט אַנדערע שטאַמען. באַזעצט האָבן זיי זיך אין די געדיכטענישן פון אורוועלדער און צווישן אומגעהײַערע זומפּן, איז אויפגעהיט געוואָרן די שפּראַך וואָס זיי האָבן אין די צײַטן פון דער פעלקער־וואַנדערונג מיטגעבראַכט פון אינדיע.

— דעם פּראָפעסאָר פון קעניגסבערג, האָב איך עס אַרויסגערופן! — דערוואָרט קוים שרעדער, אַז לוקניק זאָל אַרויסהייבן זײַן קאָפּ פון די צײַטונגען — געהאַט באַזוכט האָב איך מײַן געבוירן־דאָרף און געזען די אינדיער, און געהערט וועגן זיי. איז עס מיר באַלד אויפגעקומען, אַז דאָ קאָן זיך אַנטוויקלען גאָר וויכטיקס... אַ וועלט האָט דאָך גענומען קלינגען מיט די

איבערראַשנדיקע נײַס! דורך די ברייטע פּובליקאַציעס איז די ליטווישע שפּראַך געוואָרן באַרימט, און גלײַכצײַטיק דאָס פאָלק. אַלץ האָבן מיר דײַטשן געטאָן אויף מאַכן אַ נאָמען די ליטווינער! און מיט די זעלבע אײדעלע כּוונות זײַנען זיי עס געוואָרן געמוטיקט צו אָרגאַניזירן זיך מלוכיש, און דײַטשלאַנד אין איר גרויסמוטיקייט האָט געוויזן גרייטקייט אויסצושפּרייטן איר שוץ אויך איבער דעם רוים, און אפילו אײַנצוגלידערן!

אין די פּאָליטישע גענג דאָ פון די לעצטע יאָרן, ווייס אָבער לוקניק פון אנדערע כּוונות. מורא געהאַט האָבן די דײַטשן, אַז די פּאָליאַקן וועלן צוצײַען צו זיך די ליטווינער און באַנײַען זייער אַמאָליקע אוניע. קאָן גאָר בײַ דער זײַט פון דײַטשלאַנד אויפקומען אַ גרויסע און שטאַרקע מלוכה! האָט מען עס אין בערלין געזוכט מיטלען און געקאָמבינירט אויף אָפּצוזונדערן די ביידע פעלקער... אַ ווילן קומט אויף אין לוקניקן אַרײַנצוגיין מיט דעם מענטשן אין אַ וויכּוח, אַ נעם טאָן אים אויפן בוקסיר און קלאָר אויסלייגן פאַר אים די אמתע פּלענער פון די דײַטשן אין זייערע אָקופּירטע געביטן. מיטן נענטערן אָבער פון צוג צו דער סטאַנציע ראַדווילישקי, קלײַבט זיך גאָר שרעדער אויסצושטײַגן... וואַרפט נאָר לוקניק אַ געשליפן קוקעלע און זאָגט אָפּ אויף קאַלט:

— פּאָליטישע צילן פאָרן זיך ווייניק מיט אײדלמוט און ברייטהאַרציקייט. יעדעס פּעדעמל וואָס ווערט אין די זאַכן געצויגן, איז פאַרבונדן מיט אינטערעסן, מיט אייגננוציקייט...

מיטן טשעמאָדאַן און רײַזעטאַש אין די הענט, באַווײַזט נאָך שרעדער אַ שאָס צו טאָן מיט ווערטער געאײַלטע, אָפּגעריסענע:

— אַ פינצטער פאָלק, נאָך טיף אַזיאַטיש, און מיאוס-מיאוס אומדאַנקבאַר!.. אַרויסגעהויבן די ליטווישע לומפּן, געמוטיקט אין צונויפרופן אַ נאַציאָנאַלראַט, זייער טאַריבאַ... אַ דעלעגאַציע אפילו געשלעפּט קיין בערלין, געוואָרן פאַרגעשטעלט אין די הויכע ספערן; ליטווינער אין צילינדערס!.. האָט זיך אין דעם מילחמה-גאַנג עפּעס געגעבן אַ וואַקל, און דײַטשלאַנד נעמט אויסקוקן אפשר

ניט אַזוי אין איר פּראַכט; אָבער נאָר צײַטווײַליק! אַהאַ, שוין אַן אומאָפּהענגיקע ליטווישע מדינה!.. אַנאַלפאַבעטן, רינדפּי, וואַרפן זיי שוין אויך אויגן אויף אונדזער ערד, אויף געביטן אַלטע דײַטשע און קולטורעלע! מעמעל איז גאָר זייערס, און טילזיט. די חוצפה פאַרמעסט זיך אפילו אויף קעניגסבערג; און פאַר אַט דעם הייליק האַרץ פון אָסטפּרײַסן, שוין גרייט אַ ליטווישער נאָמען: קאַראַליאַוטשיאַי... און צו דעם ווילדן נאָמען אַ גראָבע אײַנריידעניש. עימנואל קאַנט, דער גרעסטער דײַטשער פילאָסאָף, און זײַן גאַנץ לעבן פאַרבונדן מיט אַט דער קעניגסבערג, איז ער גאָר געווען אַ ליטווין! אַז לומפּן אין קלומפּן צעטאַנצן זיך!.. און די יידן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אַן אַ „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע" און פויקן וועגן אַן אויפלעב, עפּעס אַ פרילינג וואָס די גאָרנישטן זאָגן צו... איר יידן, איר ווייסט דאָך גאָרניט פון דעם רײַכן לעבן וואָס אײַערע פאָלקס־גענאָסן האָבן זיך אין דײַטשלאַנד. אייגנטימער פון די גרעסטע געשעפטן; אין זייערע הענט די פרעסע. און די בענק! די ראָטשילדס שטאַמען דאָך פון פראַנקפורט, אין דײַטשלאַנד אויפגעקומען!..

מיטן אָנלויף פון נאָך אַ צוג אויף דער סטאַנציע, רינט אויס פון וואַגאָן דער דײַטש. דורכן פענצטער זעט זיך ווי ער שטײַגט אַרײַן אין דעם צוג וואָס גייט אויף ריגע. קיין קורלאַנד אײַלט זיך שרעדער, איז שוין קלאָר לוקניקן. די דײַטשע באַראָנען האָבן דאָרט זייערן אַ גענעראַל מיט אַן אַרמיי און פאַרמעסטן זיך צו פאַרנעמען דעם גאַנצן באַלטיקום.

דעלעגאַציעס

אויף דער סטאַנציע ראַדווילישקי, וואָס דאָ פאַרבינדן זיך עטלעכע באַן־ליניעס, האָבן זיך אויך אין דעם וואַגאָן גענומען קלײַבן ייִדן פון פאַרשיידענע מקומות אין ליטע. קופּעען ווערן פול מיט מענטשן וואָס זײַנען צווישן זיך אויך גוט באַקאַנט, אָבער שוין אַ צײַט זיך ניט געזען. צערעדט מען זיך פון גירוש וואָס האָט זיי אויף יאָרן פונאַנדערגעטיילט. מיט ווייטאָג ווערן דערמאָנט די ווילדע בּילבּולים אויף ייִדן פון די געגנטן, וואָס די רוסן האָבן געמאַכט באַלד ווי די פראָנטן זײַנען זיי דאָ אַוועק אויף שלעכט. מיט אַ קללה ווערט באַזונדער אַרויסגעבראַכט דער נאָמען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, דער צאַרישער גענעראַל וואָס האָט עס מיט פיר יאָר צוריק, אָנהייב מאַי 1915, אַרויסגעגעבן דעם אכזריותדיקן באַפעל, די גזרה פון גירוש־קאָוונע און פון גאַנצן אַרום. אין טעג געציילטע, און אפילו שעהן, זײַנען פון דורות־אײַנגעזעסענע היימען געוואָרן אַרויסגעריסן די טויזנטער־טויזנטער ייִדן, און געוואָרן פאַרטריבן און צעוואָרפן איבער די מרחקים פון רוסלאַנד. אַ בײַטאָן פון קינאה שפּירט זיך אין די באַגריסונגען צו רבֿ אביגדורן און רפאל לוקניקן, וואָס זייער שטאָט האָט געהאַט מזל אויסצומײַדן דעם גירוש; די דײַטשן זײַנען שוין אין יענע טעג דאָרט געווען, און ניט געקאָנט האָט דערגיין די רוסישע גזרה...

הײַפלער־הייפלעך פון די פאַרטריבענע ייִדן האָבן זיך שוין צוריקגעקערט אין זייערע אַלטע מקומות. נאָך דער מילחמה, קערן זיך לעצטנס נאָך און נאָך. זײַנען אָבער די היימען אויסגעראַבירט און פאַרוויסט. אָדער גאָר פאַרברענט. פאָרן אין וואַגאָן שליחים פון די צעבראָכענע און פאַראָרעמטע. אין קאָוונע וועלן זיי ריידן

וועגן אַ ברייטער הילף. אַן אַנדער מין דעלעגאַציע שטייט בײַ אַ פּענצטער אין קאָרידאָר פון וואַגאָן. צוויי יונגע בחורים, אַטלעטיש געבויטע און מיט אַ האַרעפּאַשנעם אויסזען. אײַזנבאַנער זײַנען זיי. אין די יאָרן פון דער אָקופּאַציע פלעגן די דײַטשן אָננעמען אויך ייִדן אַלס אַרבעטער בײַ דער אײַזנבאַן, וואָס איז געווען אַ פּריידיקע נײַס אויף דער ייִדישער גאַס. בײַ די רוסן האָט דאָך אַ ייִד בשום אופן ניט געקאָנט צוקומען צו אַזעלכער מלוכה־אַרבעט... צערעדט זיך דאָ איינער פון דער דעלעגאַציע:

— אַנהייב פרילינג, ווי נאָר די באַן איז אַריבער צו די ליטווינער, זײַנען אין איין טאָג געוואָרן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט די אַלע ייִדישע אײַזנבאַנער. און דווקא אין דעם זעלבן טאָג איז צו דער קהילה אין ראַדווילישקי, ווו די אײַזנבאַנער זײַנען קאָנצענטרירט, איז עס אָנגעקומען דער ערשטער צירקולאַר פון דעם באַשטימטן ייִדישן מיניסטער פאַר ייִדישע ענינים, מיט דער אָפיציעלער בשורה אַז די ייִדן אין ליטע באַקומען אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע !.. פאַרן מיר קיין קאָוונע, אין דער הויפּטשטאָט.

פון קעשענע ציט דער דעלעגאַט אַרויס דעם צירקולאַר און טײַטלט אויף די לעצטע שורות. פלאַמיק ווערט באַגריסט די נײַע ליטווישע מדינה, וואָס ברענגט אַ גראַנדיעזן פרילינג פאַר דעם לאַנד און אויך פאַר אירע ייִדישע בירגער !

— און בײַ אונדז אין פּאָנעוועזש איז אויך אָנגעקומען אָט דער צירקולאַר מיט דער פרײַערלעכער בשורה, און געהאַט האָבן מיר שוין אויך אַ פּאָגראָם...

די ווערטער קומען פון פּאָנעוועזשער רב וואָס איז צוזאַמען מיט נאָך ייִדן פון זײַן שטאָט אַרײַנגעשטיגן אויך בײַ דער סטאַנציע ראַדווילישקי, און אין קופּע זיך צעזעצט לעבן רב אביגדורן און לוקניקן. צען זיך מענטשן צו דער קופּע און מען קלײַבט זיך אויך בײַ דער טיר. וויסן וויל מען גענויער וואָס עס האָט אין פּאָנעוועזש פּאַסירט. הערט מען וועגן די טעג וואָס די דײַטשן האָבן פאַרלאָזן די געגנט און די שטאָט איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון די באָלשעוויקעס.

און מיט וואָכן צוריק האָבן די ליטווינער זיי אַרויסגעטריבן — און געמאַכט אויף די ייִדן אַ פּאָגראָם. די סאָלדאַטן האָבן ראַבירט, געפּײַניקט און עטלעכע אויך דערשאָסן. שאָקלט צו טרויעריק מיטן קאָפּ אַ ייִד פון ווילקאָמיר. ענלעכס האָט פּאַסירט אויך בײַ זיי אין שטאָט, נאָכן פאַרטרײַבן די באָלשעוויקעס. און שוין אַרויסגעפּאָרן אַ דעלעגאַציע קיין קאָוונע... קרעכצט אויך רפאל לוקניק. ער נעמט אָבער מאַכן אַ פאַרגלײַך מיט די צרות פון די ייִדן די לעצטע צײַט אין שכנותדיקע אין ווײַטערע מקומות און לענדער.

— אין ווילנע, אין די טעג פון פּסח, בעתן אָנגריף פון פּוילן אויף די באָלשעוויקעס און נאָכן אַרויסטרײַבן זיי, האָבן די פּאָליאַקן גאָר ברייט און שטאַרק גערויבירט ייִדן, אין די מאַסן זיי אַרעסטירט און געפּײַניקט, און איבער פערציק דערשאָסן. און מיט עטלעכע וואָכן פריִער אין פּינסק; פון אַ ציונסטישן לאָקאַל האָבן די פּאָליאַקן אַרויסגעפירט זיבן און דרײַסיק ייִדישע נאַציאָנאַלע טוער און זיי דערשאָסן. און דער גרויסער פּאָגראָם וואָס די פּאָליאַקן האָבן פאַריקן האַרבסט געמאַכט אין לוואָוו! הײַנט די מוראדיקע פּאָגראָמען מיט די טויזנטער קרבנות, וואָס די אוקראַינער מאַכן לעצטנס אויף ייִדן!!..

אַ ביטערער שמייכל צעגיסט זיך איבער דעם ליכטיקן און יונגן פּנים פון דעם פּאָנעוועזשער רב. חריפותדיק צעפּלעמלען זיך די קלוגע אויגן און אַ האַנט זײַנע נעמט מחשבהדיק גיין איבער דער בלאָנדער באָרד. אַ מתמיד געווען אין די ישיבות, און אַלס רב טוט ער ווײַטער אין גמרא און מפרשים און פּוסקים, איז אָבער זײַן עילוייִשער קאָפּ אויך אָפן אויף געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער גלייבט אָפּנים גאָר שוואַכלעך אין די פּײַערלעכע פאַרזיכערונגען פון די ליטווינער, אַז אונטער זייער הערשאַפט וועט זיך די ייִדן לעבן ווויל און גוט. זאָגט ער זיך אַרויס מיט אַ קוועטש:

— די שׂינאה פון גויים צו ייִדן... אין דעם תּוהו־ובוהו פון נאָך דער וועלט־מילחמה האָט זיך די רישעות אַ גאָס געטאָן מיט אַן אכזריות עד לב השמיים!.. באַקומט זיך אַ מין הווא־אמינא, צו

לערנען אפשר גאָר אַ זכות אויף אונדזערע ליטווינער; ברחמי־שמיים איז די שיפלות בײַ זיי ניט דערגאַנגען צו די גרויליקע אכזריותן. דאָך אַ טרייסט... מען פרייט זיך מיט עפּעס אַ נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, ווי אַ פּרילינג וואָלט געקומען אויף אונדז ייִדן אין ליטע. זאָלן מיר אַקאָרשט נאָר זײַן געזיכערט פון די בילבולים אַרום פּסח, עלילת־דם אין די פּרילינגס!..

רב אביגדור, די אויגן און דאָס פּנים אין אַ ספר. דאָס אויער האָט משמעות יע וואָס געהערט. שיקט זיך אים, אַז ער, דער רב פון דער איין שטאָט מיט לוקניקן, דאַרף דאָ וואָס זאָגן אויף צו מחזק זײַן אָט דעם מענטשן וואָס איז אויך דער ראש־הקהל. און ער איז דאָך טאַקע אַן עסקן שוין וויפל יאָרן, איז ברייט באַקאַנט און באַרימט מיט די ידיעות זײַנע אין סדר־עולם, אַ חריף אין פּאָליטיק, און אַזוי אויסגעבונדן מיט די ליטווינער!.. דעם קאָפּ ניט אַרויסגעהויבן פונעם ספר, לאָזט רב אביגדור הערן:

— קיין עלילת־דם, זאָגט מען אויך, האָבן די ליטווינער ניט געמאַכט; געהעצט האָבן אַנדערע, ניט זייעריקע...

— חלילה! כּלומרשט גאָר קיין חלק ניט אין דעם שרעקלעכן בילבול אויף די ייִדן... — צעהייבן זיך די שמאָלע פּלייצעס פון דעם פּאָנעוועזשער — רב אביגדור, נאָך ניטאָ קיין פולע זעקס יאָר פון דעם גרויסן טרויעריקן בייליס־פּראָצעס אין קיִעוו; פּאַרגעסט מען שוין, אַז פון גאַנץ רוסלאַנד, מיט פּוילן צוזאַמען, האָט זיך ווי אַ מומחה־הגדול אין געריכט געשטעלט גראָד אַ ליטווין. פון די כּלים איז דאָך אַרויס דער גלח פּראַנאַיטיס און דווקא געוואָלט דערווײַזן אַז ייִדן ברויכן קריסטלעך בלוט אויף מצה!..

— קיין באַיקאָטן אויף ייִדן ניט אָרגאַניזירט, נעמען זיך עס אויך איבער די ליטווינער... — ווישט זיך באַזאָכט די ברילן אַ ייִד מיט אַ גרוי בערדל און זײַן ריידן ווי קאַלטבלוטיק — אַז די מדינה נעמט זיך קוים שטעלן אויף די פיס, איז איר דאָך אַזוי נייטיק הילף פון יעדער גרופּע אין לאַנד; און צו דער גרויסער וועלט מוז מען זיך גאָר באַזונדער חנפענען און זוכן סימפּאַטיע...

איז אָבער שוין איצט נעמט זיך גאָר לעבעדיק צעברענען בײַ דעם ליטווין די קינאה צום ייִדן; גרויס אין די אויגן דאָס ייִדישע פאַרמעגן!.. אַ גרויסער מאַכער פון די ליטווינער בײַ אונדז אין שאַוול האָט מיר די טעג געגעבן אַ זאָג: די גאַסן טאַקע שוין אונדזערע, אײַערע אָבער די הײַזער!.. זײַנען הײַנט זייערע ערשטע שריט אין אַרויסצונעמען דעם האַנדל פון די ייִדישע הענט. וואָס פון טאָג עפענען זיך נײַע קרויטוועס, די קראָמען זייערע. קאָאָפּעראַטיוון אָרגאַניזירן זיך אויף גרויס איבערן גאַנצן לאַנד. אַ סך האָפענונג לייגן די מדינה־טוער אויף די ליטווינער אין אַמעריקע. זייערע ברידער דאָרט וועלן זיך אין די הונדערטער און טויזנטער געוויס געבן אַ צי אַהער, בײַ דער גוואַלדיקער בשורה פון אַן אייגענער מדינה אין דעם פאָטערלאַנד, אין ליעטוואַ! די אַמעריקאַנער מיט די דאָלאַרן און באַהאַוונטקייט אין ביזנעס, אַט זיי וועלן שוין זיכער קאָנען אַרויסבײַסן די ייִדן פון מיסחר!..

ווי אַן אַלטער ראש־הקהל ווייס שוין לוקניק גאָר גוט צו היטן זיך פון אַרײַנגיין אין וויכּוחים מיט אַ רב. האָט ער דערפאַר געשוויגן אויף די רייד פון פּאַנעוועזשער. דעם סוחר אָבער פון שאַוול דערוווידערט ער מיט אַ ביטול, און באַרויִקט דעם עולם ייִדן:

— אין מיסחר טויגעוודיקייט און געניטשאַפט, אַט די אייגנשאַפט באַקומט זיך ניט אין איין טאָג. צום האַנדל און עפענען אייגענע קראָמען האָבן זיך ליטווינער גענומען ניט פון הײַנט. אָבער אַ סך פון די געשעפטן האָבן זיך לאַנג ניט געהאַלטן, און די נײַע סוחרים זײַנען אַוועק צוריק אין דאָרף. מען ווייס אויך וועגן די ליטווינער פון אַמעריקע. דאָס רוב לעבן זיי אַרום שיקאַגאָ און אַרבעטן דור נאָך דור אין די קוילן־גרובן. ניט איינער פון זיי איז שוין טאַקע געווען געקומען אַהער, אַרײַן באַלד אין ביזנעס און געפּטרט די אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן. זײַנען זיי געלאָפן צוריק, און ליגן ווידער אין די גרובן.

אַ צינגל אויף דער וואָגשאָל

אַ סטאַנציע אונטערוועגס. אַ טיר פון וואַגאָן גיט זיך אַן עפן. קעפּ פלאַקסן־האָריקע קוקן אַריַין מיט אייגעלער וואַסערדיק־גרויע, און צעפּינטלען זיך איבער די מענטשן אינעווייניק. אַ צי זיך צוריק, און פון דרויסן טראָגט זיך קריטיש דער אַלט־פּויערישער זאָג:

— אַלע ייִדן, איין כאַפּטע...

— די רוסן זיי אַרויסגעטריבן, און שוין ווידער אויף אונדזער ערד !...

אויף רייד אַזעלכענע צעשאָקלט זיך ביטערלעך אַ גרויער קאָפּ פון אַ ייִדן, און צעחכמהט זיך:

— קוינאַס אַ רעזידענץ, סמעטענע אַ פּרעזידענט, טאַרבע אַ פּאַרלאַמענט, סערמעגע אַ מונדיר, קלומפּע אַ שוך, כּלבה אַ שפּראַך, השתּנה אַכט, אַ לויז ביר...

צום צעלייגן פאַר די אַרומיקע פּאַסאַזשירן די ווערטלער, נעמט זיך אין קופּע איינער וואָס קען זיך אויס אין ליטוויש:

— קאָוונע רופט זיך דאָך ביַי די ליטווינער קאַונאַס, וואָס קלינגט ווי קוינאַס, אַ קליאַטשע; איז אַ קליאַטשע געוואָרן די רעזידענץ פון ליטע. און דער פאַמיליע־נאָמען פון מדינה־פּרעזידענט איז סמעטאָנאַ, סמעטענע. טאַריבאַ, דער ליטווישער אָנרוף פון דעם צייַטווייַליקן פּאַרלאַמענט, קלינגט דאָס וואָרט ווי טאָרבע. אַ סערמעגע, דער מאַנטל פון פּראָסטן דאָרפישן געוואַנט, איז דער מונדיר פון דעם סאָלדאַט, און ווי שטיוול דינען אים קלומפּעס, הילצערנע שטעקשיך. אַ שפּראַך אין ליטוויש איז קאַלבאַ, כּלבה. די צאָל אַכט איז אַנשטואַני, השתּנה. דער געטראַנק ביר הייסט אַלוס, אַ לויז...

הויכע רייד, און פּיַיערדיק, גיבן אַ צי לוקניקן פון קופּע. אין

קאָרידאָר שטייט ברייטלעך אַ שמאָלפּלייציקער יונגערמאַן מיט געהאַקטע וואָנצעס און אַ קמץ־בערדל, און זײַן טאָן ממש אַראַטאָריש. פֿאַר פֿאַסאַזשירן אַרום אים זאָגט ער אַרויס זײַן מיינונג וועגן דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע וואָס עס באַקומען די ייִדן אין ליטע, און ווי אַזוי אַזאַ זעלבשטענדיקע פּירערשאַפֿט דאַרף זײַן אָרגאַניזירט. יעדע ווײַלע כאַפּט ער פֿון זײַן נאָז אַרונטער די פּענסנע, ווישט האַסטיק די גלעזער, טוט שנעל אַרויף, און זײַן קוק איז נאָך מער אָנגעשטרענגט דורכן וואַגאָן־פֿענצטער. טרוימעריש די אויגן, גלײַך זיי לייענען אַרויס אין לויפֿנדיקן דרויסן טעקסטן גאַנצע. פּריש מישן זיך פֿאַר אים בלעטער פֿון ביכער און פּראָקלעמאַציעס — די ראַדיקאַלע פֿאָדערונגען צו דער רוסישער צאַרישער הערשאַפֿט אויף נאַציאָנאַלע רעכט פֿאַר די מינאָריטעטן. פּונקטנווײַז פֿאָרמולירט ער געענוי ענינים געזעלשאַפֿטלעכע, קולטורעלע...

באַלד זעט לוקניק אַז דער ענין נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿאַרנעמט אין דעם וואַגאָן נאָך מוחות. אין אַ דערבײַיִקן קופּע גייט אַ שילדערונג פֿון גוואַלדיקע ייִדישע דערגרייכונגען אין אַ צווייט לאַנד, אין אוקראַיִנע. נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווייס אויך לוקניק, האָבן זיך די אוקראַיִנער אָפּגעריסן פֿון אָט דער גרויסער אימפּעריע און זיך געמאַכט אַ באַזונדערע מדינה, און האָבן געגעבן די ייִדן אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און אַ ייִדן באַשטימט ווי אַ מיניסטער פֿאַר ייִדישע ענינים. דער פֿאַסאַזשיר אין קופּע קומט טאָקע אַליין פֿון דאָרט, און דערציילט מיט התלהבות פֿון די נײַ־געוויילטע קהילות אין דער נײַער מדינה. אַ גאָר ברייטע און פֿאַרצווײַגטע נאַציאָנאַלע טעטיקייט נעמען די ייִדן פּירן, און דורכויס מיט רעכט אָפֿיציעלע. אויפֿגעקומען זײַנען אויך פֿאָלקשולן און גימנאַזיעס מיט דער לערנשפּראַך ייִדיש אָדער עברית, און אפֿילו הויכשולן, און די רעגירונג האַלט זיי אויס. און שוין דאָ גרויסע ייִדישע פֿאַרלאַגן!

קוים דערוואַרט אָוועלכן אָפּהאַלט אין דעם מענטשנס רייד,

שפּרינגט אַרײַן אַ יונגער בחור מיט אַ צעװאָקסענער פלאַטערדיקער טשופּרינע, און אײדער ער זאָגט נאָך אַ װאָרט זײַנען בײַ אים די קורצע אָרעמס אין באַװעג אויף אַרויף. פאַר אַן עקאָנאָמיסט גיט ער זיך אָן, און אין אוקראַיִנע זאָל ער האָבן אָנגעפירט מיט אַן אַפּאַראַט פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אין װאָגאָן דאָ צעלײגט ער זיך װעגן די אויפגעקומענע ייִדישע קאָאָפּעראַטיװן, און נאָך פלענער אויף פלענער מיט גרויסן פאַרמעסט !.. פון קעשענע פליט בײַ אים אַ ביכעלע, און אויפמערקזאַם־אויפמערקזאַם ציט ער פון צװישן די בלעטער אַן אַסיגנאַציע װאָס איז געלעגן אײַנגעפּרעסט, װי אַפגעהיט פון אַ קנײטשעלע. מיט אַן ערפאָרכט צעטײַטלט זיך זײַנער אַ פינגער אויף דראָבנע ייִדישע אותיות :

„הונדערט קאַרבאָװענצעס״.

לוקניקן איז דער עקאָנאָמיסט באַזונדער מכבד מיטן געבן אין דער האַנט אַרײַן דעם באַנקנאָט פון דער אוקראַיִנישער מדינה; זאָל ער זיך אויך קװיקן מיט דעם הערלעכן ייִדישן דערגרײך !.. דער אַלטער װאַרפט אַרויף זײַנע ברילן, און צוזאַמען מיט שורהלעך אין שפּראַכן פון נאָך מיעוטים אין אוקראַיִנע דערזעט ער די ייִדישע װערטער. פאַרבײַסן זיך מיט אַרײַנטראַכט זײַנע פלײשיקע ליפּן און עפענען זיך פון אונטער די גרויע װאָנצעס מיט אַ ביטערקײט :

—הונדערט קאַרבאָװענצעס, און קרבנות די טױזנטער... פאַגראָמען אויף פאַגראָמען אין אוקראַיִנע !..

— און ליטע, זײַנען מיר ייִדן שױן דאָ זיכער ? — לױפּט מיט איבערציטער אַ פרעג פון אַלע זײַטן.

— פאַגראָמען, חס־ושלום, דאָ בײַ אונדז ?... — צעװיגן זיך גלאַנציק קנײטשן איבער לוקניקס הױכן שטערן — צענדליקער מיליאָנען אוקראַיִנער, און די ייִדן צװישן זײ אַ בטל־בשישים. װי נאָר דאָרט אַן אומאָרדענונג, אַ צרה, זײַנען די ייִדן דער שעיר־לעזאזל. שױן אַ מאָל־אַ מאָל האָבן די אוקראַיִנער אַרויסגעגעבן אַ כמעלניצקי. די שחיטות זײַנע, די גזירות ת״ח ות״ט ! !.. אוקראַיִנע און ליטע, אַ פאַרגלײַך !..

לאָזט שוין דאָ לוקניק פאַלן אויך אַ שטיקל מוסר. צווישן די ליטווינער, זאָגט ער, לעבן מיר שוין, ייִדן, די הונדערטער יאָרן. ווייניק אָבער בײַ אונדז וואָס האָבן אַ ידיעה אין דער געשיכטע פון דעם לאַנד און פון דעם ליטווישן פאָלק. דאָך נאָר געציילטע ייִדן אין ליטע קענען זיך אויס מער גרינטלעך אין דער ליטווישער שפּראַך! איז גאָר ניט קיין ווּנדער וואָס אונדזער ייִדישער עולם איז קנאַפּ באַהאַוונט אין די באַזונדערע פּראָבלעמען פון דער געגנט און מען באַנעמט גאָר שוואַך דעם איצטיקן פּאָליטישן מצב. ווייסן דעריבער ניט די ייִדן אַליין אָפּצושאַצן ריכטיק די ראָלע וואָס זיי קאָנען דאָ הײַנט שפּילן !..

דערציילן נעמט לוקניק פון דער אַמאָליקער ליטע. פון ים ביז ים, פון דעם באַלטישן ביז דעם שוואַרצן ים האָט זיך געצויגן יענע גרויספירשטנשאַפט. האָט זיך אָבער אָט די מדינה, מיט הונדערטער יאָרן צוריק, פאַראייניקט מיט פּוילן. און די ליטווינער וואָס זײַנען געווען געצן־דינער האָבן דורך די פּאָליאַקן אָנגענומען דעם קריסטנטום און אויך געוואָרן קאַטאָליקן. און אונטער דער פּוילישער השפּעה האָבן גרויסע טיילן פון די ליטווינער, און אפילו געגנטן גאַנצע, גענומען אויך ריידן פּויליש, און רעכענען זיך הײַנט ווי פּאָליאַקן. און מיט דער צעטיילונג פון פּוילן, איז ליטע געוואָרן פאַרשלונגען פון רוסלאַנד.

מיט חשבונות ווײַזט אויף לוקניק, אַז די נײַע זעלבשטענדיקע ליטע קאָן אַרומנעמען אַ באַפעלקערונג פון קוים איבער צוויי מיליאָן. אפילו ווילנע וואָס איז געווען די הויפּטשטאָט פון דער אַמאָליקער ליטע און אַזוי פאַרהייליקט בײַ די ליטווינער, איז די שטאָט הײַנט אין די הענט פון די פּאָליאַקן. און די אויפגעלעבטע פּוילן פאָדערט צוריק אַ פאַראייניקונג; ליטע זאָל זײַן ווידער פאַרבונדן מיט פּוילן אין איין רעפּובליק! מיט טענות אויף דער געגנט קומען אויך די ווײַסרוסן. זיי זאָלן גאָר האָבן געווען די הערשער פון דער גרויספירשטנשאַפט, און פאַררופן זיך אויף דער „ליטווישער מעטריקע״, אויף דעם אַרכיוו פון דער אַמאָליקער ליטע.

געשריבן זײַנען די אַקטן אין ווײַסרוסיש !.. טענהן אַקעגן די ליטווינער, אַז אין יענע צײַטן זאָל ווײַסרוסיש האָבן בכלל געווען די שריפטלעכע שפּראַך בײַ די הערשער פון די געגנטן, ווי לאַטיין אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע, און שפּעטער אויך פראַנצייזיש... אַן אַפּעטיט צו הערשן אויף דער ערד האָבן אויך די באַלטישע באַראָנען. מיט אַ באַזונדער מיליטער רײַסן זיי זיך צום שאַפן איין גרויסע באַלטישע מלוכה, וואָס זאָל זיך האַרט גרענעצן מיט זייער ברידערלעכער דײַטשלאַנד.

— אַהאַ, דערפון זאָל שוין זײַן געדרונגען די זיכערקייט דאָ פאַר די ייִדן, און עס קומט אַן פאַר אונדז אַפילו אַ גרויסע נײַע תקופה, אַ מין פרילינג ?.. — פאַלט אַרײַן מיט אַן אָפּפרעג אַ לומדישער יונגערמאַן פון טעלז — ווי באַלד אַז ליטע שטייט אין אַ רײַסערײַ צווישן פעלקער, איז שמע־מינא אַז זיי, די גויים, וועלן שוין ניט אָנטאָן אונדז קיין צרות, גאָר פאַרגעסן אָן די ייִדן...

— איפכא מסתברא, פונקט פאַרקערט ! — איז לוקניק מיט אַ צוריקשפּאַר — מען טראַכט שוין דווקא וועגן אונדז. די שטרײַטער באַמיִען זיך יעדער באַזונדער צום ציִען די ייִדן אויף זײַן זײַט. אָט רעדט זיך וועגן אַ פּלעביסציט אין ווילנע, די דאָרטיקע באַפעלקערונג וועט זיך אַרויסזאָגן צו וועלכער מדינה זאָל די שטאָט געהערן. קאָנען דאָך די ייִדן מיט זייערע שטימען אַ קער טאָן אויף דער כּדאיִקער זײַט, און טאַקע אויך איבערוועגן !..

— אויף אַזאַ מין וואָגשאָל זאָלן מיר ייִדן עס זײַן דאָס צינגל... — צעקרעכצט זיך אַ ייִד פון קעלם — פון אַזאַ צינגל קאָן זיך חס־ושלום אויך אויסלאָזן אַ צינדל, אַ פײַער ; די שׂינאה וואָס וועט זיך בײַ די פאַרשפּילטע קעגן אונדז צעשפּילן ! הײַנט אַ צינגל, מאָרגן אַ כּפּרה־הינדל...

— ייִדן אַ צינגל... — לייגט צו אין וואָגאָן נאָך איינער אַ פשטל אַ ביטערן — צינגעלעך געשליפענע אונדזערע האָבן זיך קנאַקעוודיק־בונטאַריש שוין גענוג געוואָרפן אויף פרעמדע וואָגשאָלן ; אוי צאָלן מיר אַ חשבון !...

דריי פּײַגן

לוקניק נאָר וואָס צוריק אין זײַן קופּע, איז באַלד נאָך אים מיט אַ שפּרונג — ער! דער צוג אין רעכטן גאַנג, ניט געמערקט האָט זיך אָט דער מענטש אויף די סטאַנציעס, און ניט בײַם אַרײַנשטײַג אין די וואַגאָנעס. זיין קאָפּ, אַ גרויסער קײַלעך מיט פלאַמיקע קודלעס, און פון די פּאַרוואַקסענע באַקן צעפּאַטלט זיך די פײַער רויטע באָרד וואָס גרויט שוין. שרעטלדיק דער קורצער און פולער גוף. אַ האַנטעך גאַרטלט נאָך איבער אַ צעפּליקטער קאַפּאָטע. אין פּנים אַרײַן יעדן איינעם כוואַליען העליש די בליקן זײַנע פון אַדורך שטעכיק־געדיכטע ברעמען, און די אויגן ווילד־קעציש.

איבער שטעט און שטעטלעך אין זאַמעט פלעגט ער זיך אָנטראָגן מיט גוואַלדן. ייִדן גייען ניט אויפן גלײַכן וועג, קרום פּאַר־קראַכן, אפּיקורסיש פּאַרסמט איז די יוגנט; עס ברענט!.. ניט אָפּגעשטעלט האָט ער זיך פון באַפאַלן אויך גרויסע לומדים און רבנים. אַלאַרמירן פלעגט ער כסדר מיט אַ פּאַרדרייטן אויסטײַטש פון ווערטער אין דער תורה:

— מבית ומחוץ בכופר, כּפּירה פון אַלע זײַטן!

יאָרן האָט ער זיך ניט געוויזן, ווי אויסגערונען שוין אין די ערשטע חדשים פון דער מילחמה. משמעות געוואָגלט איבער ווײַטערע מקומות אין רוסלאַנד. איז ער אָט ווידער דאָ, און דווקא אין דעם וואַגאָן... אין דער אָנגעפּראָפּטער קופּע שיסט שוין זײַן קוק אין רב אביגדורן, וואָס זיצט גאָר פּאַררוקט אין אַ ווינקל און דער קאָפּ מיט גאַנצן פּנים טיף אין אַ ספר.

— רב צדיק, גאון מפורסם, אַ דערקוויקנדיקער גרוס אײַך! דער זון אײַערער, דער עילוי, נעכטן אין יאַנעווע, אוי, האָט ער

געדרשנט!.. חלילה ניט אין אַ בית־מדרש; להבדיל, אין אַ זאַל פון פאַרווײַלונגען און טענץ און נאָך בייזע אַנשיקענישן. אין אַזאַ מקום־טומאה און בגילוי־ראש האָט זיך עס אײַער בן־יקיר צעלאָזן פאַר אַן אספסוף פון בחורים וגם בתולות. חלוצים זאָלן זיי ווערן, האָט דער תּכשיט געקנאַקט, און פאָרן קיין ארץ־ישראל בויען אַ ייִדישע מדינה!.. וואָס משיח אויף אַן אייזל? געקומען אַ באַלפור מיט אַ דעקלאַראַציע, אַ בעל־פּור, אַ בעל־עגלה, מיט אַ דרעק־קליאַטשע... אַטכאַיעט וואָלט איר זיך, רב אביגדור, ווען איר הערט די דרשות פון אײַער עילוי!..

אַזאַ העזה קאָן באַזונדער ניט צוזען לוקניק, ווי דער ווילדער קנאי פאַרגיסט דאָס בלוט פון רב אביגדורן, דעם רב פון זײַן שטאָט! ווער נאָך ווי ער, רפאל לוקניק, דער ראש־הקהל, ווייס פון די יסורי־הנפש פון דעם צדיק תּמים, טאָקע צוליב אָט דעם זון זײַנעם. אַן עילוי איז באמת דער בחור, און געווען אַ מופלג אין די ישיבות. האָבן אים אָבער פאַרכאַפּט אַנדערע רעיונות, און לעצטנס זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר ארץ־ישראל. נעמט ער זיך, לוקניק, צום צוימען אַביסל דעם פרא־אדם:

— רב אשר גימפּל, כאַטש אַ קאַפּ דרך־ארץ פאַר אַ גדול בתּורה!.. די לעצטע יאָרן האָט איר זיך געוויס וואָס אַנגעזען אין דער וועלט, און זיך גאָרניט געביטן...

— געביטן האָט איר זיך, און אויך גאָר פײַן; ליטע, ווי ייִדן ברענען דאָ אין פּאָליטיק!.. קיין קאָוונע לאָזן זיך אָט אויך רבנים, און חס־ושלום ניט לשם מברר מאַכן אַ רמב״ם. אַ יאַרידעלע עפּעס אויף אויסדריידלען פּאָליטישע תּחבולות, קרומבינאַציעס פאַרקאָכן. און צו אַזאַ מושב־לצים שלעפּט עס אַ קהילה־גובערנאַטאָר זײַן מרא־דאתרא, און מסתּמא אים גוט אײַנגעלערנט ווי אין דעם שפּיל אַרײַנצוטאַנצן. אַ ציגײַנער מיט אַ בער!..

מיט זײַן ברען און בריאיקן דיבור באַהערשט ער די קופּע, און פּאַסאַזשירן קלײַבן זיך אויך בײַ דער טיר. אומזיסט פּרוּוון ייִדן

אָפּצוהאַלטן דעם שרײַער פון זײַנע זילזולים, און אויך פּאַרהיטן אים פון דעם מאַכן זיך אַליין צו חוזק... מיט אַ גוטמוטיק־האַרציקן שמייכל קומט אַרויס דער פּאַנעוועזשער רב:

— שלום־עליכם, רבֿ אשר גימפּל!.. אַט ווערט דאָ אַן אָרט, זעצט זיך לעבן מיר, און איר וועט זיך לאָזן מכבד זײַן, טועם זײַן אַ פּרי, מזונות.

— ווידער אַן עילוי! יאָשע דער קולער עילוי, און הײַנט שוין די פירמע: הרב כּהנמאַן; קאָרמענען קאָן איך גאָר אים... — לאַכט זיך אויס דער מוסרניק פון דעם פּאַרבעט — דעם ראש־ישיבה און רב דק״ק פּאַנעוועזש וועל איך אויך מכבד זײַן מיט גרוסן, גאָר וואַזשנע ידיעות וועגן איין ליבן חבר זײַנעם און נאָך איינעם; אַ פּרי די אמתע יעדער איינער... אין ישיבת טעלז זײַט איר, יאָשע קולער, פון שטעטל קול, געוואָרן אַ גוטער ברודער מיט אַן אַוורעמל סטאַווישצער און מיט אַ שימחה ליובענער. צוזאַמען האָבן זיך די דרײַ אַרויסגערוקט בראש פון די מורדים קעגן דער שיטה פון מוסר אין ישיבה. שימחה האָט עס בסוד־סודות געשריבן די פּאַטשקעווילן וואָס האָבן געבונטעוועט קעגן דער הנהגה. און יאָשע מיט אַוורעמלען האָבן צונויפגעקלאַפּט אַ מין קאַסע אונטערצוהאַלטן די ווידערשפּעניקע בחורים וואָס פון ישיבה האָט מען זיי אויפגעהערט צו געבן די חלוקה... לאַ־דאַי, האָט זיך דער דרײַלינג נאָך גענומען צונויפשמעקן מיט צוֹאה־ניסטן און אפילו מיט די רויטינקע שײַס־ציאַליסטן. אַז הערצל איז געשטאָרבן, זײַנען זיי אַרומגעגאַנגען מיט רויטע אויגן... געפונען האָט מען בײַ שימחהן אַ ביכל פון אחד־העם, און בײַ יאָשען דעם שטשורנאַל „השילוח״. אויף אַוורעמלען האָט מען גערעדט אַז ער פּאַרשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס קעגן קייסער ניקאָלאַי, און אָפּט האָט ער טרעפעניש־טרייפעניש מיט רויט־רויטינקע חברה... איז דער דרײַלינג געוואָרן אַרויסגעיאָגט לחלוטין פון דער ישיבה. אויף אָט דער שווילער קאָמפּאַניע האָט דער משגיח באַזונדער אויסגערופן: לא יבוא אי״ש!... אי״ש מיינט: אברהם, יוסף, שימחה; ניט וואַגן, הייסט עס, אַז זיי זאָלן

איבערטרעטן דעם שוועל פון ישיבה. טראָגן זיך שוין אַט די דריַי מיט דעם טיטל „לא־יבואניקעס", דער אות־קין פון טעלז!..

— געזאָגט האָט איר דאָך, רבֿ אשר גימפּל, גרוסן, ידיעות — דערמאָנט אים דער פּאָנעוועזשער — וואָלט יע געווען כּדאי צו הערן...

— די צוויי חברימלעך איַערע, זיי האַלטן זיך אויך בײַ ישיבות און פּראָווען רבנות.. אין אַדעס געקומען, הער איך אַז אין אַזאַ מקום איז אויך דאָ אַ ישיבה. אָבער אַ משׂכּילישע, און דער ראש־ישיבה איז עפּעס אַ חוקר פון גמרא און הלכה; אַ חוקר־הויקער וואָס זײַן שמד־קאָפּ ליגט אין פּגירות, אין די חקירות... בין איך אַרײַן אין דער שקאָלע טאַלמודאַ, ערשט דער בעל־הפּגירות איז דער לא־יבואניק שימחה ליובענער, און זײַן פאַמיליע־נאָמען אַסאַוּוסקי איז שוין אסף, הרב שימחה אסף... נעמט מיר דער מר־בר־רב־אשי גאָר לערנען אַ פּרק אין דרך־ארץ. מײַן אָנטו און גאַנצער הילוך געפעלן אים ניט אין זײַן אַדעס. און אָפּטרײַבן ייִדן פון אפּיקורסות און פאַרהיטן פון הפקרות, הייסט בײַ אים אַרומבטלען. פּסקנט ער מיר אָפּ, אַז מפרנס זײַן די אייגענע הויזגעזינד איז אַן עיקר גדול אין מוסר... ווייסטו טאַקע אַ קרענק אין מוסר, האָב איך דעם תּנא־ברא געגעבן אַ שניט. דער אמתער מוסרניק דאַרף קאָנען אויסשטעלן דרײַ פײַגן: אַ פײַג דער ווײַב, אַ פײַג דעם יצר־הרע און אַ פײַג דער וועלט!..

— און וואָס ווייסט איר פון סטאָווישצער? — האַקט איבער דער פּאָנעוועזשער.

— אַהאַ, הרב כּהנמאַן האָט שוין גוט טועם געווען פון איין געשמאַקינקער פּרי זײַנער, אַט דער הרב ההויקער פון אַדעס אין זײַן אַדאָסיקער ישיבה. וועט הרב דק"ק פּאָנעוועזש זיך אויך באַלעקן מיט דעם אַנדערן פון דרײַלינג, דער גאָר האַרציקער!.. אים האָט אויך געצויגן צו רבנות, און געוואָרן אַ מורנו בײַ אַ חברה רוויטינקע, און גיך טאַקע באַקומען אַ פּסק־דין פון מלכות. מיט אַזאַ כּתב־רבנות ווערט ער בכּבוד גדול אַרײַנגעישבנט אין אַ

גאָר חשובער ישיבה, און דער לא־יבואניק איז שוין אַ לא־יוצאניק, און ווערט אויך פאַרשיקט אַזש קיין סיביר... האָט אים אין דעם מקום־רבנות דווקא צוגעשפּילט אַ מזלע, און מאַכט אַ ויברח. קיין ארץ־ישׂראל האָט אים געטראָגן, און שוין אויך אַ מורנו ביַי אַ רויטינקער חברה פּועלים, אַ גדול. קיין קאַטאָוועס אין פּאַלעסטינע אברהם האַרצפעלד!..

— ברוך מתּיר אסורים, מציל געוואָרן; אַזאַ מצווין! — רופט אויס מיט שׂימחה דער געוועזענער חבר — און טאַקע אַ מזג־טוב און לב־טוב אַט דער האַרצפעלד.

— ער גיט זיך אָן, דער לא־יבואניק, ווי אַ תּלמיד מובהק פון רבֿ לייזערן, דעם ראש־ישיבה מפורסם אין טעלז — קאָן דער קטיגור ניט הערן אַוועלכן שבח — געפינט זיך אָבער געוויס אויך אין ארץ־ישׂראל ניט איינער וואָס געדענקט פון ישיבה דעם אַוורעמל סטאַווישצער. פון די קליינע מתמידים געווען, און דער קאָפּ גאָר שוואַך געלעגן אין גמרא. מיט תּירוצימלעך חכמהדיקע פלעגט ער זיך פאַרענטפערן פאַרן משגיח, וואָס ער פאַרפעלט שיעורים אפילו פון רבֿ לייזערן. אַ ווינטמיל, אויסגעמישט געווען אין שטאָט מיט אַלעמען, אומעטום אַ מחותּן. אָנגעטראָגן האָט ער אויך לידעלעך פוסטע, לצנישע, און מיט ניבול־פּה. פון זיַינע ווערטעלעך פלעגן זיך עס אָנקוועלן חוזהס טעבטערלעך. און ער, דער חצוף, זיך דערביַי המצאהדיק געשמאַקעוועט, אַז וואָס שענער די פּרוי איז מער מיצווה זי אָנצורייטלען...

— רבֿ אשר גימפּל — שיסט פון דער זיַיט אַ פראַגע צום טומלער, אַוועקצוקערעווען אים שוין אויף אַנדערע רייד — איר פאַרט אויך קיין קאָוונע; איז עס דאָך ניט סתּם?..

אַ קער מיט די קודלעס, אַ בליאַסק פּיבעריש אויף דעם מענטשן — און שוין ארויף אויף אים, און אויף נאָך דערביַיַיִקע:

— שאָול, אַן עסקן גדול פון דער מלכות יוכט... אָהאָ, מיט אירע שטיוואַלעס האָט דאָך די שטאָט שאָול פאַרוואַליעט אַ האַלבע וועלט!.. און פון נאָך מקומות דרייען זיך דאַ קהלס־פאַרזאָרגער.

די קלאַץ־פּאַרזאָרגער צעשפּוזשעטע אַלע קיין קאָוונע. די פּני, ווי אין קדחת וואַרפט זיי פון גזירת וואַלן, די דעמאָקרעציקע. שור־בור האָבן שוין אויך אַ דעה אין קלײַבן; טרייסלען זיך די פּעטע און מיוחסדיקע חזקות... חלילה, אַרונטערגעטראַסקעט אײַך פון טראָן, איז דאָך אויס מיט אײַער הערשעווען; מ׳וועט שוין פאַר אײַך ניט שפּרינגען קדוש!.. אין בהלה קיין קאָוונע, אויף אַ ציגײַנעריש יאַרידעלע וועט מען עס אַקאָרשט אַ זוך טאָן תחבולות, קליגלען זיך און צוטראַכטן טרייפענע גענגעלער, צבויאַקיש פאַרפירן דעם עולם־גולם...

— רבֿ אשר גימפּל, אָבער לשם וואָס איר קיין קאָוונע? — לאָזט ניט נאָך דער שאָוולער.

— פון אוקראַינע קום איך; פּאָגראָמען דאָרט עד לבֿ־השמים! זאָל מען שווײַגן?.. רבנים אַ סך וועלן זײַן אין קאָוונע; מוזן זיי גוזר זײַן אַ תענית. טײַכן ייִדיש בלוט, אַזאַ פורעניות!!

— משיח, משיח, ער זאָל שוין קומען, צײַט־צײַט טאַקע!.. — שנײַדט דורך אַ ווייטאָגדיקער קרעכץ פון רבֿ אביגדורן וואָס איז פאַרקאַנורעט אין אַ ווינקל איבער אַ ספר.

— לויפן אים מקבל־פּנים זײַן, איך ניט!.. — האָט דער ליאַרעמער אַ חשבון אויך מיטן גואל — אין אַ צוויי־דרײַ טעג אַרום, ניט פריִער, קום איך ערשט געבן שלום. וועט ער זיך וווּנדערן; גאַנצע טעג געוואַרט?.. וועט זײַן מײַן ענטפער: און אַז דער גואל־צדק בכבודו ובעצמו האָט זיך געלאָזט וואַרטן גאַנצע טויזנטער יאָרן?.. — די ווערטער, בפירוש, וועט ער פון מיר הערן, אָט משיח!

בערלין, בערלין

אין זאַל פון דעם כשרן האָטעל „לעווינסאָן" אין קאָוונע זיצן זיי זיך אין די פּאַרמיטאָגדיקע שעהן די אָנגעפּאַרענע געסט, טרינקען בניחותדיק טיי און רוען זיך פון וועג. דער טאָג איז פון די ערשטע אין יאָר 1920, און פאַרביי אַ יאָר מיט געציילטע חדשים ווי עס האָט זיך געענדיקט די וועלט־מילחמה. דורך דער צייט איז עס ליטע געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מדינה, און די ייִדן אין דעם לאַנד באַקומען אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און אין דער רעגירונג זיצט אַ ייִד אַ מיניסטער פאַר ייִדישע ענינים. האָט דער מיניסטער פאַראָרדנט איבערצוקלייבן די קהילות איבערן גאַנצן לאַנד, און היינט אָוונט עפנט זיך הערלעך אין דער הויפּטשטאָט די ערשטע קאָנפערענץ פון די נייגעוויילטע קהילות... די געסט וואָס זיצן אין האָטעל־זאַל זיינען כמעט אַלע דעלעגאַטן פון זייערע מקומות. שמועסן זיי בעיקר פון דער טומלדיקער אַגיטאַציע ביים קלייבן די קהילות. און אַ רייד גייט אַוועק אויך וועגן די וואַלן גופא, וואָס זיינען געווען מאָדערנע, דעמאָקראַטישע. קומען אויך גיפטיקע באַמערקונגען אויף די ענדערונגען וואָס זיינען מיט דער מילחמה געקומען אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די ייִדן אין ליטע. גיט דאָ אויך אַ פאַל אַ נאָמען פון אַ מענטשן — און דער עולם כּלל־טוער איז שוין אין אַ ברענענדיקן נייגער:

— ער קומט טאַקע צוריק?

— ער דאַרף שוין אפילו זיין?..

שטערנס הייבן זיך און קנייטשן זיך, און פאַר די אויגן אָט יענער הויכער ברייטפּלייציקער אין דעם האַלב־רבנישן בכּבודיקן אָנטו, די גרויע באָרד פיין פאַרקאַמט, און דאָס קלוגע פּנים מיט

בליקן סודותדיקע, שלײַדערנדיקע. פּעסט דער טראַט אין דער הויפּטגאַס פון זײַן קאָוונע. און אַט גיבן זיך אויפן טראָטואַר אַ שטעל אים אין װעג משׂכּילים און ציוניסטן, װאָס שטייען אין אַ שמועס, און קליגן זיך אָנצוצײַען מיט צוגעשפּיצטע פּראַגעלער... נאָך העכער פאַררײַסט זיך די אָנזעעװדיקע פיגור, אין דער ברייט צעפּאָכעט זיך דער פײַן געטאָקטער שפּאַצירשטעקן, װי מען טרײַבט אָפּ אַ פּגע און בייזע אָנשיקעניש, און דאָס פּנים בליצט מיט ביטול און איראָניע:

— זאַקאַזנאַי...

ער אײַלט זיך עס אין פּאָסט אַרײַן װעגן רעגיסטרירטער קאָרעספּאָנדענץ, װאָס הייסט אין רוסיש זאַקאַזנאַי... פון דער אַ טאַקטיק זיינער האָבן גוט געװוּסט די קאָװנער, און עס װייס אויך ניט איינער פון די װאָס זיצן בײַ דער טיי אין האָטעל. באַקאַנט איז זײַן קאַמף קעגן יעדן נאָר אָפּנייג פון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישקייט; יאָרן־יאָרן װי ער אַלאַרמירט קעגן אַזאַ סכּנה און שטייט אין פאַרבינדונג מיט אַ װעלט. פאַרביסן איז ער בעיקר קעגן די משׂכּילים און ציוניסטן װאָס װילן עס אַרײַנברענגען חידושים אין ייִדישן לעבן און רײַסן זיך אַװעקצושטעלן מענטשן זייערע בראש פון די קהלשע מוסדות — און װערן די מנהיגים פון פאָלק! הפלאדיק לײַבט אויף דער פעדער און אַ מײַסטער אין לשון, שיקט ער כּסדר מאמרים אין די צײַטונגען און שרײַבט בריװ אָן אַ שיעור צו יחידים און צו חברות. אַ װעלט פאַרװאָרפט ער אויך מיט בראָשורן װאָס קריטיקירן די השׂכּלה און זײַנען מבטל די ציוניסטישע באַװעגונג. באַרופן איז ער מיט די דרכים זײַנע אין אַטאַקירן דעם צד־שכּנגד. די קעגענער זײַנע אין קאָװנע קאָנען אים אָפּטאָן נאָר מיט צונעמענישן; רופן זיי אים „זאַקאַזנאַי". און װי אַ סך פון זײַנע בעלי־מחלוקת אין דער װעלט, פאַרדרייען זיי אויך און פאַרקירצן דעם יעקב ליפּשיץ — אויף יאַנקעלע לץ.

אין די יאָרן פון דער װעלט־מלחמה איז ער צוזאַמען מיט די פּליטים פון גירוש־קאָװנע געװאָרן פאַרװאָרפן אין דרום־רוסלאַנד,

און פארפירט אויך דאָרט אַ גרויסע טעטיקייט. און אָט נעפּלדיקע קלאַנגען וועגן זײַן קומען... ממש איבערראַשט איז אַן אַלטיטשקער דעלעגאַט, רבֿ רפאל גרושקין. אַרײַנגעפּאַלן אין מחשבות, ציט ער זײַן לאַנגע, שפּיציקע און ווײַסע באָרד, די בלוי־וואַסערדיקע אויגן צעגלאָצט, און פון די טרוקענע ליפּן:

— טאַ־טאַ־טאַ, טאַקע שוין צוריק?.. וועט מען אים דאָ האָבן אין סאַמע קאָך, אין די טעג פון דער קאָנפערענץ!..

אין ווילקאָמיר, גרושקינס שטאָט, איז יעקב ליפשיץ געבאָרן, און ביידע זײַנען זיי כּמעט פון זעלבן עלטער — און יאָרן ווי זיי זײַנען אין שאַרפע וויכּוחים. ער גרושקין, ווי אַ מער־וועלטלעכער און בעל־לשון, פלעגט אין זײַנע קאָרעספּאָנדענציעס און מאמרים אין „המגיד", „המליץ" און "הצפירה" — פלעגט ער דווקא אַרײַנרימען די השׂכּלה ווי אַ בת־השמים, אַ הימלישע טאָכטער, און פאַרטיידיקט האָט ער מיט התלהבות דעם רעיון פון חיבת־ציון. ביטער פלעגט ער אָנגרײַפן אָט דעם מורד־האור, דעם שׂונא פון השׂכּלה, און דעם חטאים־זוכער אויף די וואָס ווילן אויפלעבן ארץ־ישׂראל. אין זייערע באַגעגענישן פלעגט ליפשיץ אַלץ פּרוּוון אים אויסלאַכן, און איין מאָל אפילו אַ זאָג געטאָן:

— רפאל, פון דײַנע אַלע מאָדערנע אידעאַלן און פון דײַן גאַנצער ציוניסטישער התלהבות, וועט אויך קיינער פון דײַנע קינדער זיך ניט באַזעצן אין ארץ־ישׂראל, און זוכה זײַן וועסטו נאָך צו אייניקלעך משומדים...

— רעדסט נאָר פון קנאות, יאַנקל! — האָט גרושקין אויפגעפלאַמט — איך אַליין האָף נאָך צו לעבן אין ארץ־ישׂראל, און מײַנע אייניקלעך וועלן אויך לייגן תּפילין.

מיט אַ נביאות וואָלט נאָך דער זיידע געקענט צוגעבן, אַז אַן אייניקל זײַנער, מיטן אָנרוף יאיר, וועט אין ארץ־ישׂראל אויפבּרענגען און שטיין בראש פון אַ פײַערדיקער קאָמאַנדע אויף באַפרײַען פון פרעמדע הענט דאָס לאַנד.

זיצט אין זאַל קעגן רפאל גרושקין אַ צווייטער רפאל, רפאל

לוקניק. קרובים זײַנען די ביידע און הייסן אפילו נאָך איין זיידן, אָבער ווײַט איינער פון אַנדערן אין זייערע השקפות. גאָר־גאָר איז די לעצטע צײַט לוקניק צעפּרעסן פון די אָנגעבראַכטע געדאַנקען און אויפגעלאָפענע באַגערן אויף דער ייִדישער גאַס און פון די נײַע פּאַראַנדקעס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. און אַט הײַנט אַוונט וועט ער, דער גרויסער סוחר, לאַנגיאָריקער ראש־הקהל און מנהיג אין זײַן שטאָט, וועט ער אויף דער קאָנפערענץ פיגורירן ניט מער ווי אַ געוויינלעכער דעלעגאַט, און מסתמא אויך דאַרפן זיצן צוזאַמען אין איין ריי מיט גאָרנישטן פון די נײַע קהילות, די דעמאָקראַטיש געוויילטע !.. איז זײַן קוק בײַ די רייד אויך אַ גאַנץ אַנדערער:

— רב יעקב ליפשיץ, וויכטיק ביז גאָר וואָלט ער זײַן ניט נאָר אויף דער קאָנפערענץ; געדאַרפט וואָלט ער זײַן צוריק אויף פריִער, נאָך איידער אונדזערע מאָדערנע חכמים האָבן זיך דערטראַכט צו מאַכן די נײַע קהילות, און שטימרעכט האָבן דאָך באַקומען אפילו פּחותים־שבפּחותים!

— דעם המון־עם האָט אָבער יאַנקל ניט מבטל געמאַכט — וואַרפט צו גרושקין אַ באַמערקונג — זײַנע אינטריגעס האָט ער געפירט קעגן די משׂכּילים און ציוניסטן. די גדולים זייערע פלעגט ער מאַכן צו קליינגעלט; יעדער באַרימטער נאָמען פלעגט פון זײַן מויל אַרויס אויך צעקעקעוועט, ווי מאַפּקע, הערצלקע, סאָקאָלאָווקע...

די ביידע רפאלס ווייסן גאָר אַ סך וועגן ליפשיצן. וויל שוין ווײַזן אַן עלטערער אורח וואָס זיצט בײַ אַ טיש פון דער זײַט, אַז אויך ער קאָן דערבײַ וואָס דערציילן:

— אַ באַקאַנטשאַפט מיט דעם בעל־דבר האָט אונדזער שטעטל נײַשטאָט שוין געמאַכט מיט אַ פופציק יאָרן צוריק, און אַ צײַט לאַנג ניט געוווּסט זײַן אמתן נאָמען...

מיט די יאָרן צוריק האָט דעם ייִדנס געבאָרן־שטעטל שוין געהאַלטן בײַם אָננעמען פאַר אַ רב איינעם אַ לערנער פון קאָוונער ישיבה־כּולל. אַחוץ וואָס דער יונגערמאַן איז געווען אַ גרויסער למדן, האָט ער אויך געמאַכט אַ רושם מיט זײַן באַהאַוונטקייט אין

מילי־דעלמא, אין וועלטלעכקייט; אַ זעלטענע דערשײַנונג בײַ די רבנים אין יענע יאָרן. און די קהילה האָט שוין צוגעגרייט פאַר אים דעם כּתב־רבנות. ערשט אַ בריוו! אײנער אַן אברהם הכּוהן וואָרנט וועגן דעם יונגנמאַן. זײַן יראת־שמים, שרײַבט ער, איז שטאַרק אין ספק. דערצו חברט ער זיך אין קאָוונע מיט משׂכּילים, און אַפּנים אויך פון די וואָס גלאָצן דאָרט מיט אַכפּערונג צו דעם הילצערנעם בײַדל אויפן שפּיץ באַרג פון יענער זײַט ניעמאַן...

— אַ בערלינטשיק גאָר אַ מרא־דאתרא!.. — איז דעמאָלט אין שטעטל אַרויס מיט אַ גוואַלד אַ פאַרביסענער קנאי — דער ערב־רב, אָט דער וואָס איז שוין בײַ אונדז אָט־אָט אַ רב, ער פאַרגעטערט גאָר דעם מסית־ומדיח, דעם אַוורעמעלע מאַפּו. דער רשע פלעגט עס זיצן אין קאָוונע אויף אַ באַרג פון דער צווייטער זײַט טײַך ניעמאַן און אין אַ בײַדל דאָרט געשריבן זײַנע טרייפענע ביכלער!.. בערלין תּשקע, בערלין תּעלה!..

אַז בערלין זאָל אײַנזינקען, און בערלין זאָל שטײַגן, וואָס דער קנאי האָט אויסגעשריִען נאָכן מזלזל זײַן דעם משׂכּיל מאַפּו — ווייסן אַ סך אין זאָל אַז דער אַ שפּרוך האָט אַן אָפּשטאַם פון אַ פּורים־פּיזמון אין וואָלאָזשינער ישיבה. בראש פון דעם באַרימטן מרכּז־התּורה איז יאָרן לאַנג געשטאַנען הרב בערלין; און די השׂכּלה, ווידער, האָט דאָך דעמאָלט געשטראָמט פון דער שטאָט בערלין. און דערפאַר איז עס געווען דער באַגער — בערלין תּשקע, בערלין תּעלה; אײַנזינקען זאָל די השׂכּלה, שטײַגן זאָל לימוד־התּורה!..

— יע, און וואָס איז טאַקע געווען דער אמתער פּגם אין דעם יונגן רב? — כאַפּט זיך דער נײַשטאָטער צו דערקלערן — געהאַט האָט ער אַ ידיעה אין רוסיש, דאָס לשון־המדינה. אַזאַ אײנער איז שוין געווען בחזקת משׂכּיל, און ווי אַ מיצווה האָט זיך גערעכנט צו וואַרפן אויף אים נאָך און נאָך חטאים. איז דער נײַ־געוויילטער רב טאַקע ניט געוואָרן דערלאָזט צו דעם כּיסא־הרבנות... אין יאָרן אַרום האָט מען זיך אויך דערוווּסט, אַז דער אברהם הכּוהן וואָס איז

געווען אונטערגעשריבן אין בריוו, האָט גאָר געהייסן יעקב הלוי ליפשיץ. אַ מלמד איז דעמאָלט דער מענטש געווען אין קאָוונער תּלמוד־תּורה, און ווי אַ קנאי האָט ער זיך אַרײַנגעוואָרפן אין רודפן משׂכּילים. געזען האָט ער אויך מכשיל צו זײַן יעדן נאָר פּרוּוו צו עפענען פאַר ייִדישע קינדער אַ מאָדערנע שול, אָדער אפילו אַ חדר־מתוקן. קלוג און קונציק האָט ער געוווּסט ווי צו דערגרייכן זײַנעם אַ ציל, און אַ גאָר געניטער דרך געווען בײַ אים — אונטערצושיקן בריוו מיט צוגעטראַכטע אונטערשריפטן...

די בריוו, די בריוו פון ליפשיצן, ווען דעם צערעדט זיך דאָ גאָר געשמאַק דער עולם. דערמאָנט רפאל גרושקין:

— אָבער גראָד דורך אַ בריוו וואָס איז געווען אונטערגעשריבן מיט זײַן אייגענעם נאָמען, איז עס אים צוגעפאַלן אַ גאָר געהויבענע שטעלע און שטאַרק איז געוואָרן זײַן השפּעה...

אַרום יאָר 1870 איז צו רבי יצחק אלחנן, דעם רב פון קאָוונע, געווען אָנגעקומען אַ בריוו מיט אַ באַרג טענות קעגן די גבאים פון שטאָט. אָבער צוליבן אָפּשײַ פאַר דעם גרויסן גאון, האָט זיך דער שרײַבער ניט דערלויבט צו גיין מיטן דרך פון פאַרהוילן דעם אייגענעם נאָמען. ווי ווײַט דער קיטרוג קעגן די גבאים האָט געווירקט, ווייס מען ניט; נתפּעל געוואָרן איז דער רב פון דעם לשון, פון דעם שפּעדיקן און מליצהדיקן לשון־קודש. איז דער בעל־המיכתּב, יעקב הלוי ליפשיץ, געוואָרן באַלד שרײַבער און מזכיר פון דעם וועלט באַרימטן רב און מנהיג־הדור. בײַ אַזאַ אַ מעמד האָט ער שוין אַליין געטאָן אויף צו באַקומען אַליין גרויסע חשיבות. האָט פון דער זײַט גענומען שטײַגן זײַן אייגענע און באַזונדערע טעטיקייט...

הילכט אָפּ פון אַ ווינקל זאָל אַ קולכל הייזעריק און ניט־דערזאָגט:

— אין די טעג דאָ בײַ אונדז, ווען ער גיט זיך אַ ווײַז...

באַלעבאָסטע און קאַץ

דער נאָמען יעקב ליפשיץ נעמט באַלד ווידער אַרויסשווימען אין זאַל פון האָטעל. ביי אַ מנין רבנישע ייִדן צוזאַמען מיטן פּאָנעוועזשער רב קומען אַריין און זעצן זיך וואַרטן אויף אַ באַראַטונג וואָס דאַרף פאַרקומען אין אַ באַזונדער צימער. דערזען דאָ נאָך דעלעגאַטן צו דער קהילות־קאָנפערענץ, פאַלט שוין אַריין דער יונגער און שאַרפער גאון מיט אַן איבערקלער וועגן דעם עצם משמעות פון אַזאַ גרויסן צוזאַמענפאָר. ניט קלאָר, פאַרוויקלט און אפילו האַרב קוקט אים אויס דער גאַנצער ענין:

— די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, זאָגט מען, איז אַן אָנזאָג פון אַ פרילינג אין אונדזער ייִדישן לעבן, פרילינג... עת הזמיר הגיע וקול המיניסטער נשמע בארצנו ליטע; צעזונגען האָט זיך דער סאָלאָוויי, אונדזער ייִדישער מיניסטער סאָלאָווייטשיק... באַשיינט וועט זיין, שרייט מען, דאָס ייִדישע לעבן מיט אַן אור חדש. זיינען מיר שוין היינט באַשטראַלט מיט די גוט באַקאַנטע ליכטצינדערס. אַ געמיש פון לינקע צוזאַמען מיט נאָך מינים ציונים זיצן שוין אין די קהילות, וואָס זיינען געוויילט געוואָרן על־פּי די נייע הלכות פון דער מסיכתא אויטאָנאָמיע. ווילן אָט די אַזוי־גערופענע פּראָגרעסיווע עלעמענטן, ווילן זיי אונדז מזכה זיין אפילו מיט ציווילע חתונות און גטן, און אויס חליצה, און זיי וועלן עס אויך פּסקענען וועגן אַן עגונה!.. אָט די גאַנצע אויטאָנאָמיע, און מיט אַ ייִדישן מיניסטער בראש, האָבן דאָך די ליטווינער געגעבן אויף די פּאָדערונגען פון די גרויסע ייִדישע עסקנים איבער דער וועלט. די ציוניסטן און נאָך פריַיע האָבן עס אומעטום געקלאַפּט אין די מוחות, אַז מיר נייטיקן זיך דאָ טאַקע באמת אין אַזוינע חידושים

ונפלאות. שטום זײַנען אָבער געווען די פרומע ייִדן; טויב און בלינד קעגן דער סכּנה!..

— וואָלט אָבער רב יעקב ליפשיץ ניט געווען פאַרוואָגלט... — קרעכצט אַרויס דער טעלזער דעלעגאַט וואָס איז עס אויך פּאַר אַ ווײַלע אַרײַן — אַט דער חכם ונבון מיט די ווּנדערלעכע פאַרבינדונגען זײַנע איבער דער גאַנצער ייִדישער וועלט!..

— און אויך הײַנט וואָלט נאָך רב יעקב קאָנען אויפטאָן, און גאָר אַ סך... — שאָקלט אונטער מיטן קאָפּ לוקניק.

אַ קוק אויף לוקניקן, כאַפּט זיך דער פּאָנעוועזשער אַז אין דעם האָטעל דאַרף ער זיך באַזונדער זען מיט רב אביגדורן, דעם רב פון לוקניקס שטאָט, און ער פרעגט נאָך אויף זײַן צימער און גייט אַוועק צו אים. פילט זיך איצט אַ ווילקאָווישקער דעלעגאַט פרײַ אין דערוועקן די פראַגע וועגן די באַציִונגען צווישן רב יצחק אלחנן און ליפשיצן. שוין יאָרן־יאָרן, זאָגט ער, ווי מענטשן קענען אַלץ ניט באַנעמען, ווי אַזוי אַ מלמד פון אַ תּלמוד־תּורה האָט זיך דערשלאָגן צו זײַן די רעכטע האַנט פון דעם גרויסן גאון, און נאָך ווערן ברייט באַקאַנט איבער דער ייִדישער וועלט... דעם אַ ווּנדער צו פאַרענטפערן ווייס דאָ גרושקין, איז ווידער די מעשׂה מיט אַ בריוו. דערציילט האָט מען זיך אַז ליפּשיץ, שוין אײַנגעוואָרעמט אין זײַן נײַער שטעלע ווי אַ מזכיר בײַ רב יצחק אלחנן, איז געקומען צו דעם גאון מפורסם מיט אַ פאַרלייג:

— רב משה מאָנטעפיאָרע טוט דאָך אַזוי פיל פאַר ייִדן. וואָלט זיך געשיקט צו מוטיקן דעם שר וגדול, מחזק ידים זײַן!

האָט רב יצחק אלחנן אָנגעשריבן אַ בריוו און געגעבן דעם מזכּיר איבערצושיקן דורך פּאָסט. איז אָבער ליפשיץ פריִער געגאַנגען צו זיך אַהיים, געעפנט דעם קאָנווערט און צוגעשריבן אויך פון זיך, און אין זײַן מײַסטערישער מליצה, אַ פײַערדיקע ברכה מיט תּהילות ותּשבחות. אין געציילטע וואָכן אַרום קומט צו רבי יצחק אלחנן אַ תשובה פול מיט דאַנקשאַפט און באַגײַסטערונג. גערירט איז אויך מאָנטעפיאָרע, וואָס זײַנע אויפטוען האָבן געפונען אַ באַזונדערן

חן אין די אויגן פון רב יעקב הלוי ליפשיץ... רעטענישפול האָבן זיך צום מזכיר אַ הייב געטאָן די בשרע אויגן פון גאון:

— איך, איך האָב דאָך צו מאַנטעפיאָרן געשריבן; פון וואַנען אָבער ווייס ער די מיינונג אײַערע?

— משמעות אין דער וועלט ווייס מען פון מיר, און מסתמא אויך פון מײַן כּישרון און מבינות אויף די עוסקים בצרכי ציבור... — האָט ליפשיץ אַרויסגעזײַעט מיט אַ תּמימות, און שוין געפילט ווי זײַן אָנזען נעמט שטײַגן הויך...

דער כּוח פון דעם מענטשן האָט זיך טאַקע גענומען לייגן מער און מער אין די ביינער פון די משׂכּילים. גערודפט זיי אָן רחמים. און רב יצחק אלחנן אַליין זאָל אים האָבן בדרך־רמז געמאַכט אַ באַמערקונג, כּהאי לישנא:

— רב יעקב, מיר ביידע זײַנען ניט גורס קיין משׂכּילים. דער חילוק אָבער צווישן אונדז איז, ווי דער חילוק פון אַ באַלעבאָסטע און פון אַ קאַץ בנוגע מײַז, די באַלעבאָסטע וויל אַז די מיאוסקייטן זאָלן בכלל ניט זײַן; די קאַץ אָבער וויל אַז זיי זאָלן יע זײַן, וועט זי האָבן צו כאַפּן און שטיקן...

— בײַ דער הפקרות אָבער ווי הײַנט, אין דעם דור־הכּפירה, רחמנא ליצלן — פאַלט אַ תּקיפער זאָג פון אַ קעלמער דעלעגאַט — הלוואי וואָלטן מיר דאָ האָבן נאָך אַזוינע קעץ!..

ווי ווײַט אָבער האָט אַזאַ סעקרעטאַר געקאָנט באמת באַווירקן דעם גאון, הערן זיך שוין דאָ חילוקי־דעות. דער נײַשטאָטער פּאָרט אַרויס מיט דעם ענין שמיטה. מיטן אָנקום פון יאָר תּרמ״ט, 1888—9, האָבן חטאים־זוכער, וואָס זײַנען אויך געווען קעגענער פון די חובבי־ציון, האָבן זיי געפונען אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן אַ נײַע מחלוקת. אַ שטורעם האָבן זיי אויפגעהויבן קעגן דער לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל; ייִדן וועלן אויך אין דעם יאָר אַרבעטן אין פעלד און אין גאָרטן — אין יאָר פון שמיטה!.. אין זאָרג איבער דעם מאַטעריעלן מצב פון די אָרעמע קאָלאָניסטן אין

ארץ־ישראל, האָבן זיך עסקנים געווענדט צו רבֿ יצחק אלחנן. נאָר אַזאַ גדול האָט געקאָנט מקיל זײַן. געווען איז אָבער אַ מורא, אַז דער גוט־באַקאַנטער מזכּיר וועט שוין געוויס טאָן זײַניקס אין דעם ענין און משפּיע זײַן אויף דעם רבֿ... קומט דער נײַשטאָטער מיט אַן אַרויסדרינג:

— רבֿ יצחק אלחנן האָט בפירוש געגעבן דעם היתּר אויף ייִדישער ערדאַרבעט אין ארץ־ישראל אין דעם שמיטה־יאָר; טאָ ווו איז געווען יאַנקל מיט זײַן השפּעה?..

שמייכלדיקע פּנײַערלעך צעשפּרינגען זיך שטיפעריש פון די קלוגע אויגן בײַ רפאל גרושקין. אויך ער געדענקט די שימחה דעמאָלט מיט דעם היתּר שמיטה, און די משׂכּילים און חובבי־ציון האָבן שוין געהאַט אַ ראיה ניצחת אַז דער געפּערלעכער קעגענער זייערער איז גאָר קנאַפּ אָנגענומען בײַם גאון... דער אַלטער צעלאַכט זיך:

— קען מען נאָך אַלץ ניט יאַנקעלען; די גענג זײַנע און גענגעלער, ניט אַרויסצוהאָבן עד היום! דווקא ער, ער אַליין, האָט געעצהט צום געבן דעם היתּר... דעם סוד זײַנעם דערבײַ האָט ער דערנאָך מגלה געווען פאַר פאַרטרויִלעכע מקורבים וואָס זײַנען געווען אין השתּוממות פון זײַן ניט שטיין אויף דער וואַך. ווען ניט דער היתּר, האָט ער דערקלערט, און אַ ביסל ייִדן וועלן אפשר יע אָפּהיטן שמיטה, — האָבן שוין די חובבי־ציון אין די הענט אַרײַן אַ גאָלדענעם ריווח! צעקלונגען וועט ווערן איבער דער וועלט, אַז די כאַרקאָווער סטודענטן וואָס זײַנען אַוועק קיין פּאַלעסטינע, אָט די בילויים, זײַנען געוואָרן יראי־שמים, און ארץ־ישראל מאַכט פּרום; אוצרות וועלן זיך דאָך אַ שאָט טאָן!..

— אחיתופל, עצת אחיתופל!.. — איבעררײַשט שרײַט אויס איינער אין זאַל אַ פאַרגלײַך מיט דעם אַמאָליקן יועץ־המלך אין ירושלים, וואָס די עצות זײַנע פלעגן ווערן באַטראַכט ווי געטלעכע.

— אַ ביסמאַרק! — רופט אויס לוקניק — דער „ביסמאַרק" פון רבֿ יצחק אלחנן, פלעגט'ן זאָגן אויף אים, אָט ווי דער דעמאָלטיקער חכם־מדינה און יועץ פון די דײַטשע קייסאָרים... רבֿ יעקבֿ ליפשיץ

איז ניט סתם אַן עסקן; וויסן וועט נאָך די וועלט פון גאָר באַזונדערע מעשים גדולים!..

וואָס די וועלט וועט וויסן, גיט לוקניק אָנצוהערן וועגן זיכרונות וואָס ליגן אויסבאַהאַלטן אין כּתב־יד. אויף הונדערטער בויגנס זאָל האָבן ליפשיץ באַשריבן דאָס לעבן פון די ייִדן אין רוסלאַנד און בעיקר די רדיפות אויף זיי, די ווילדע גזירות און שקר־בילבולים. אין די זיכרונות זײַנען אויך אַרײַנגעגעבן דאָקומענטן און אפילו געהיימע דעקרעטן מיט אויפהעצונג קעגן די ייִדן, וואָס ליפשיץ פלעגט בשעתו איבערשיקן קיין אויסלאַנד. געטאָן האָט ער עס בײַ די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד. געהיים האָט ער זיך דעמאָלט פאַרבונדן שריפטלעך מיט די ייִדישע מנהיגים אין לאָנדאָן, און צו זיי בײַגעלייגט אַ המלצה וועגן אים פון רב יצחק אלחנן. אין אַ רייע בריוו האָט ער געגומען אויספירלעך באַשרײַבן דעם מצב פון די ייִדן אונטער דער רוסישער הערשאַפט און באַזונדער וועגן די פּאָגראָמען, און בײַגעלייגט די אָפיציעלע אַנטיסעמיטישע דאָקומענטן. אין לאָנדאָן איז דער מאַטעריאַל געוואָרן איבערגעגעבן אין די גאָר הויכע פענצטער, און די גרויסע ענגלישע צײַטונגען האָבן אויפגערודערט קעגן רוסלאַנד אַ וועלט... און די איבערראַשטע רוסן, זיי האָבן בשום אופן ניט געקאָנט דערפאָרשן, ווער איז דער אַרויסטראָגער און ווי אַזוי איז די אינפאָרמאַציע דערגאַנגען צו דער וועלט־פּרעסע און אפילו אַרײַנגעדרונגען אין די קעניגלעכע פּאַלאַצן!

— אויב יאַנקל האָט געקאָנט טאָן וואָס וויכטיקס — לאָזט ניט נאָך גרושקין — איז נאָר בימי רב יצחק אלחנן און אין זײַן שליחות. אָבער נאָך דעם באַרימטן רב, איז שוין פאַר דעם מענטשן ניט געווען אַוועלכער אָפּהאַלט. און טאַקע באַלד איז אים צוגעפאַלן אַ דאָקטאָר הערצל...

אַ קאַפּיטל וויקלט אויף דער אַלטער משׂכּיל. אין זעלבן יאָר, 1896, וואָס רב יצחק אלחנן איז ניפטר געוואָרן, דערמאָנט פאַרן עולם גרושקין, איז עס הערצל אַרויס מיט זײַן גרויסן פאַרמעסט

צו מאַכן אַ ייִדישע מדינה. אַ צי האָבן זיך געטאָן צו אים די חובבי־ציון, און נאָך מעריצים אין די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער. האָט הערצל גענומען מאַכן קאָנגרעסן מיט גרויס פּאַראַד און געשאַפן אַ גוואַלדיקע באַוועגונג פון ציוניסטן, ווי עס האָבן זיך גערופן די אָנהענגער זײַנע. אויפגעקומען איז אויך אַ קרן־קימת אויף אויסצוקויפן די ערד אין ארץ־ישראל. געשטאַרקט האָט זיך דער כוח פון הערצלען מיט זײַנע ציוניסטן און געוואַקסן איז זייער השפעה... האָט ליפשיץ פון טאָג צו טאָג אַלץ מער געזען אַ מאָוימדיקע סכנה און פורעניות פאַר דער ייִדישקייט, און מיט קוואַליקער האַפטיקייט זיך גענומען צו אַ ברייטן אָנגריף.

— די לישכה השחורה !.. — גיט איינער אַ וואָרף מיט אַ רמז אויף ליפשיצן מיט די קנאים וואָס ער האָט אין קאָוונע צונויפגענומען אַרום זיך, און ציוניסטן האָבן אָט דעם קרײַזל גערופן לישכה השחורה, די שוואַרצע לאָזשע.

צעשיטן זיך אין זאַל דערמאָנונגען וועגן די בולעטינען און פּאַשקווילן מיט אַלערליי צוגעטראַכטע נעמען פון מחברים, וואָס זײַנען דורך ליפשיצן געוואָרן אַרויסגעלאָזט. אין די אַלע שריפטן איז הערצל געווען פאַרגעשטעלט ווי אַ כּופר און פאַנטאַזיאָר, און חוזק איז געווען געמאַכט פון דער גאַנצער ציוניסטישער טעטיקייט. אַ בראָשור „דער פּוטערנער אויוון", דערמאָנט איינער, האָט זיך באַזונדער אָפּגעלייגט אויפן קרן־קימת, דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, און אָט דעם מוסד באַטיטלט מיט דעם קאָמישן נאָמען פון בראָשור. די כעלמער חכמים, חכמהט זיך אין דעם ביכעלע דער מחבר, זײַנען געזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און זיך דערטראַכט, אַז אַ באַקאויוון מוז ווערן אויפגעשטעלט נאָר פון פּוטער. נו, איז געקומען צום באַקן... אַזוי אויך די ציוניסטן. טעג און נעכט האָבן די חכמים זייערע געקאָנגרעסעוועט און טיפּזיניק באַשלאָסן אַז צום מאַכן אַ ייִדישע מדינה אין ארץ־ישראל, דאַרף מען קלײַבן אין פּושקעס פּרוטות און אויסקויפן ערד פון אַראַבער. אָבער שוין מיט טויזנטער יאָר צוריק האָט דאָרט אַן עפרון החיתי געהאַט

שׂכל צו פאַרלאַנגען פון אברהם אבינו נאָר פאַר אַ הייל אין אַן עק פעלד — גאַנצע פיר הונדערט שקל כּסף!..

— „מתריעין על חיה רעה!"... בײַ מיר איז נאָך אויפגעהיט יענער מאמר מיט אָט דער אַלאַרם־איבערשריפט — כאַפּט זיך גרושקין — ליליענבלום אין „המליץ" פאַרגלײַכט ליפשיצן צו אַ חיה רעה, אַ ווילדע בייזע אַנשיקעניש וואָס נעמט בושעווען קעגן אַ יישוב מענטשן; בײַ אַזאַ פּורעניות, ווערט אין דער גמרא געזאָגט, דאַרף מען גוזר זײַן אַ תּענית מיט בלאָזן שופר...

— אָבער אויך דער זעלבער ליליענבלום, וואָס איז שוין אַ שוכן־עפר — צעשמייכלט זיך ביטער לוקניק — אוי, ווי הײַנט וואָלט ער שוין אַנדערש גערעדט!.. אַ סך פון זײַנע ציוניסטן רײַסן זיך דאָך צו מאַכן ארץ־ישראל אַ רויטן צענטער; כּי מציון תּצא קאָמונע!..

— און דער זעלבער רבּ יעקב, זאָל מאריך ימים זײַן — גיט צו פאַרדבקהט איינער פון די קעלמער — דערציילן פון אים געקומענע פון רוסלאַנד, ווי ער, אָט דער בן שמונים, צעאַרבעט דאָרט מיט מסירת־נפש קעגן דער כּפירה וואָס איז שרעקלעך אויסגעבראָכן אויף צווישן די ייִדן!.. ער איז שוין טאַקע אונטערוועגס אַהער, זאָגט מען, און די טעג קומט ער!

שולעס אָנגעבראַכט

— אַווטאָנאָמיע־שמאַטאָנאָמיע, אַ נײַע מעשה... עפּעס אַ ממשות ?

רבּ לייב, דער ווילקאָמירער רב, רעדט קורץ, אָפּגעהאַקט. און אַז אים קומט אויף וואָס צו זאָגן, איז בקול רם, און אויך ווען ניטאָ ווער דערבײַ. דערהערט זיך אין זאַל זײַן בריזקע שטים, נאָך איידער ער באַווײַזט זיך מיט דער ליולקע בײַם מויל און מיט דעם האַסטיקן גאַנג אין די שטיוועלעך מיט די קורצע כּאַליעוועס. אין שאָקלען די שלום־עליכם־הענט וואָס גיבן זיך אַ טראָג צו דעם מופלג און גדול־בתּורה, שיסט ווײַטער דאָס שנײַדיקע מויל פון אַדורך די צעוואַקסענע וואָנסעס וואָס פלעכטן זיך מיט דער גרויער באָרד. פאַלן נאַקעטע ווערטער:

— אַ קהילה אַ רעליגיעזע, אָדער אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזע... אַ סוגיה אַ נײַע! שוין פּסול אַזאַ ייִדישער מוסד ווי די ביזאַהעריקע קהילה, פון די עלטסטע ייִדישע מוסדות און מיט אַ סדר שוין פון קדמונים... און קעפּ טומלען זיך מיט וויפל־נאָך פאַרגעלייגטע חידושים און רעיונות משונהדיקע, אָנגעטראָגענע דורך אָט דער שמאַטאָנאָמיע!.. אין איין אָרט געוועזן אַ צונויפשלעפּ פון פרומע ייִדן, איך קום עס פון דאָרטן. מען וויל אונדז מכין זײַן צו דער גרויסער אסיפה הײַנט אָוונט, די קהילות־קאָנפערענץ, ווי מען רופט. שעהן האָט מען מיט אונדז געקנעלט, אַ פרימאָרגן אָפּגעבטלט. און אָט ווידער אַן אסיפהלע, עפּעס אַ באַראַטונג, און געהייסן זיך דאָ זאַמלען. מסתּמא ווײַטער אַ פּוסטער פּילפּול אין דער סוגיה קהילות!..

פון גרויסן אָפּשײַ פֿאַר דעם באַרימטן רב און חריף, באַהערשט די מענטשן אין זאַל אַן אײַנגעהאַלטן שווײַגן. באַלד אָבער דערוועגט זיך לוקניק:

— רבֿ לייב, הײַנטיקע צײַטן איז ניט צו מבֿטל מאַכן דעם וויכּוח וועגן קהילות. אָט די מוסדות וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי זאָלן באַקומען, איז פֿון די דבֿרים העומדים ברומו של עולמנו!

מיט דעם האַלבּרונדיקן געדריי פֿון דעם ניט־הויכן גוף מיטן אויסגעטאַרטשעט בײַכל פֿון אונטער דעם צעעפֿנטן מאַנטל און רבנישער קאַפּאָטע, לויפֿט אַ שאָס פֿון די טיפֿע אויגן:

— מימיני רפֿאל ומשמאלי רפֿאל... פֿון מײַן רעכטער זײַט אַ רעכטער רפֿאל, רבֿ רפֿאל לוקניק, פֿון די רעכט־ריכטיקע ייִדן; און פֿון לינקס, דער אויסגעלינקטער הער רפֿאל גרושקין, און דווקא אַ בעל־הבית אין מײַן ווילקאָמיר... אַהאַ, רבֿ לוקניק, אין דעם האָטעל דאַרף זײַן אײַער רבֿ, רבֿ אַביגדור. קען מען דאָך דערווײַל ריידן מיט אים אין תּורה. ווו איז ער דאָ אין זײַן צימער?.. און ער אויך אַ דעלעגאַט, אַ פּאָליטיקער; קריכט שוין אָט דער יושב־אוהל און תּמים־שבתּמימים אויך אין דער בלאָטע... מילא איך, איך זינק שוין...

מיט אַן אייגעלע קנייטשט לוקניק צו זײַן שכן, און שושקעט אים:

— רפֿאל, אַז אויך דער גרויסער און מאָדערנער פּאָליטיקער ווי דער רבֿ פֿון דײַן ווילקאָמיר, גיט דעם רבֿ מײַנעם, רבֿ אַביגדורן, אַזאַ סמיכה אויף הײַנטוועלטיקייט, קאָן מען שוין מיר גוט מקנא זײַן; פֿיר אַ שטאָט מיט אַזאַ בטלן!..

אַ טראָט נאָך אין גיין אויפֿזוכן רבֿ אַביגדורן, איז שוין רבֿ לייב ווידער פֿאַרכאַפּט מיט פּײַליקער קריטיק. צוויי קומען אַרײַן פֿון דער גאַס, און הערן בײַ דער טיר, אַז צו דער באַראַטונג וועט נאָך אַ ביסל געדויערן. בעטן זיי איבערגעבן אַז שפּעטער אַ ווײַלע וועלן זיי זײַן צוריק, און גייען אַוועק. רבֿ לייב קוקט נאָך אָט די צוויי, און די פּיפּקע פֿליט בײַ אים פֿון מויל מיט אַ רוגזה:

— שולעס אָנגעבראַכט, צלם בהיכל!.. אויס חדרים אויף צו לערנען מיט די ייִדישע קינדער דעם גאַנצן טאָג נאָר תּורה; שטעט און שטעטלעך פאַרזאַראַזעט מיט שקאָלעס, מיט די קלאַסן. אַז בלאָטע אין גאַס, גייט מען אין קאַלאָסן, אין קלאַסן. אַ חורבן!..

רבֿ לייב איז עס אין אַ בייזער אויף דעם דאָקטאָר יאָזעף קאַרלעבאַך און דעם דאָקטאָר לעאָ דוויטשלענדער. אין דער מלחמה זײַנען מיט דער דייטשער אַרמיי געקומען קיין קאָוונע אויך אָט די צוויי ייִדן וואָס זײַנען געווען אָפֿיצירן. ביידע פּעדאַגאָגן, האָבן זיי לויט אַ מיליטערישן אָנווײַז זיך פאַרנומען צו גרינדן בילדונגס־אַנשטאַלטן פאַר די ייִדן אין ליטע. אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט, און די דײַטשן האָבן פאַרלאָזן אויך ליטע, זײַנען די ביידע דאָ געבליבן; און זײַנען אויך דעלעגאַטן פון קהילות, און געקומען צו דער באַראַטונג.

מיט די צוויי דײַטשע ייִדן איז לוקניק זייער נאָענט און דורך זיי איז ער אויך פאַרבונדן מיט דער ייִדישער אָרטאָדאָקסישער באַוועגונג אין מערבֿ־אייראָפּע. בײַ זײַנע באַזוכן אין דער פּריוואַט־קוואַרטיר פון דאָקטאָר קאַרלעבאַך, האָט ער אים ניט איין מאָל געטראָפן ווי ער זיצט אין אַ יאַרמולקע איבער אַ ייִדישן ספר. איז לוקניק ווידער מיט אַ באַמערקונג:

— רבֿ לייב, די ביידע, קאַרלעבאַך און דוויטשלענדער, האָבן שטאַרק געטאָן אַז אין די שולעס זאָלן געלערנט ווערן אויך ייִדישע לימודים, און אַרײַנגעזעצט אפילו מלמדים. געזען האָבן זיי, אַז עס זאָל זײַן ברוח היהדות.

— ברוח היהדות, ברוח... — קוקט אָן רבֿ לייב — רעדט מען וועגן ייִדישקייט און מען גיט צו ברוח, איז דאָס בײַ מיר קוים בריח, און ניט ווערט אפילו אַ שמעק טאַבאַק!.. מלמדים אַרײַנגעזעצט. איין טאָג האָט זיך דער דאָקטאָר דוויטשלענדער אַרונטערגעלאָזן צו אונדז אין ווילקאָמיר, און נאָכן באַזוכן זײַן שולע האָט ער זיך פאַר מיר גענומען קרימען וועגן דעם מלמד.

ער איז ניט מער ווי אַ האַלצהעקער, האָט דער גרויסער פּעדאַגאָג געטענהט... די האָלץ אָבער צעהאַקט ער, האָב איך געענטפערט; און לערנען זיך יע אויס די קינדער אַ שטיקל עיברי און אַ פּסוק חומש, האָט עס דער מלמד אין זיי אַריינגעהאַקט. זיין פּראַצע!.. די שולעס האָבן גאָר אַ סך מליצי־יושר, און זיי בראָזגענען מיר: קולטורע!.. זאָג איך זיי, איך ווייס נאָר פון קול־תורה... שוין ניט איין מאָל אויסגערעדט דעם דאָקטאָר קאַרלעבאַך, טאַקע וועגן דער גימנאַזיע וואָס ער האָט פּאַרלייגט דאָ אין קאָוונע, און גוט פּאַרסמט מיט דער קולטורע!..

— רבי, — ציט אָן גרושקין — דאָקטאָר קאַרלעבאַך איז דאָך אויך אַ רב...

— אויך אַ רב, אויך... חכמת אדם תּאיר פּניו...

די גאַנצע רבנישע לומדות פון דעם דאָקטאָר און ראַבינער פּטרט אָפּ רב לייב מיט אַ ווערטל וואָס גייט צווישן די גרויסע לערנער, און מענטשן אין זאָל דערקלערן זיך דעם שאַרפן מיין. ביי אַ סך למדנים רופט אַרויס אַ וווּנדער, אַז זיי זעען אַ רב גאָר מיט אַ פּעט פּנים און יוסטן גאַנג. ביי אַזאַ זעלטענער דערשיינונג קומען די אמתע תּלמידי־חכמים צו אַ סברא, אַז אָט דער רב איז בכלל ניט אַריינגעטאָן אין ש״ס און פּוסקים. אַ שאלה אויף צום פּסקענען, באַנוגנט ער זיך מיט דעם בקיצורדיקן ספר „חכמת אדם״. פון אַזאַ אַ גרויסער האַרעוואַניע נאָר אין דעם אַ ספר, לאָזט זיך אויף אַזאַ מין רב אויסטייטשן די ווערטער פון תּנ״ך: חכמת אדם תּאיר פּניו — פון דעם ספר „חכמת אדם״ שיינט אַרויס דעם מענטשנס פּנים...

אַז אַ פּעט פּנים פון אַ רב זאָגט עדות אויף מאָגערער לומדות, איז דאָ איינעם אַ שאַולער דעלעגאַט שווערלעך מיטן מספּים זיין. צוריקגעקערט האָט ער זיך לעצטנס פון אוקראַינע; דאָרט האָט ער מיט נאָך פּאַרטריבענע יידן געלעבט צווישן חסידים. האָט ער צוגעזען ווי מען לויפט נאָך ברכות צו די חסידישע רביים, און מען גיט געלט מיט דער פולער האַנט. איז דער שאַולער מיט אַ קשיא:

— די חסידישע רביים לעבן דאָך אַזוי ברייט, און די פּנימער שײַנען אַרויס; טאָ ווי שיקט זיך עס, וואָס זייערע אַ ברכה ווערט אויך מקוים?

— גאָט העלפט יעדן איינעם אין זײַן פּרנסה... — גיט אַ וואָרף רב לייב, און די פּיפּקע שמייכלט אונטער פּיקחותדיק.

לענגער ווי אַ האַנט

— לא לחינם הלך זרזיר אצל עורב...

ניט אומזיסט קאַמפּאַניעט זיך די סאָראָקע צו דער וואָראָנע; ביידע זײַנען זיי פון זעלבן מין... דעם אַ זאָג פון גמרא לאָזט הערן דער אַלטער ווילקאָמירער רב אויף צווייען אין דעם זאַל פון האָטעל. געוועז איז ער שוין ווידער, רב לייב, אין גיין טרעפן זיך דאָ אין אַ צימער מיט זײַנעם אַ ידיד. דערזעט ער אָבער אַ באַקאַנטן וואָס קומט פון דרויסן און פאַלט אַרײַן מיט אַ שושקען צו לוקניקן. צעקרימען זיך בײַם אַלטן די ליפּן, און אין ציִען די פּיפּקע שפּײַען זיך אים אַרויס אויך די צוויי ווערטער וועגן די פויגלען.

רפאל לוקניקן, דעם ראש־הקהל פון אַ גרויסער און חשובער קהילה און באַרימטער כּלל־טוער, אים קען שוין רב לייב פון יאָרן. לעצטנס ווערט אים אויך אַלץ מער באַקאַנט דער וואָס איז אַרײַנגעקומען. פײַטל הייסט ער. שטאַלטיק און אָנזעעוודיק איז אָט דער עלטערער ישיבה־בחור, ענערגיע און פּיפּיקייט שפּריצן פון זײַן שאַרפצוגיקן פּנים און קעצישע אויגן. ווי נאָר די ייִדן אין ליטע האָבן זיך גענומען צום אָרגאַניזירן די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, האָט ער זיך אַרײַנגעוואָרפן אין שאַפן אַ גרויסע באַוועגונג פון די פרומע. בײַ דער זײַט האָט ער שטאַרק מיטגעווירקט צום אויפקום פון אַן אָרגאַניזאַציע פון פרומע יוגנטלעכע „צעירי ישראל", וואָס זאָלן זײַן, ווי ער זאָגט, דער אַוואַנגאַרד פון אַ רעליגיעזן פראָנט...

אַרײַנגעקומען איז פײַטל אין באַגלייט פון אַ חברה ייִנגערע ישיבה־בחורים וואָס צעשיטן זיך אין זאַל און איבער די צימערן פון האָטעל. זיי טיילן צירקולאַרן, און נעמען אַרײַנריידן אין מענטשן און צוגרייטן זיי צו דער באַלדיקער באַראַטונג, און בעיקר צו דער

גרויסער קאָנפערענץ וואָס עפנט זיך אין אָוונט... זעט עס אַלץ רבֿ לייב. באַזונדער קוקט ער זיך אָבער צו פון דער זײַט, ווי פײַטל האַלט זיך אין שושקען מיט לוקניקן. חשבונות האָט ער מיט די ביידע. שוין לענגער האָט זיך לוקניק, דער פּראַקטישער עסקן און פּאָליטיקער, האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף די רבנים, און בעיקר אויף די עלטערע. מחוייב זײַנען זיי, טענהט ער, צו תּופס זײַן מיט אָפענע אויגן די הײַנטיקע צײַט און זוכן אַ געהעריקן צוגאַנג צו דעם יונגן דור. אויפגעבראַכט איז רבֿ לייב פון אַזאַ פּאַרלאַנגעניש, און ניט איין מאָל אַ ברום געטאָן:

— מחוייב איז גאָר אַ רב צו האַלטן זיך בײַ דעם דופק פון אַלערליי נײַע אויסטראַכטענישן און משוגעתן!

פון פײַטלען קלײַבט בכלל ניט רבֿ לייב קיין נחת. אַ מעשה פון פאַרגאַנגענעם זומער. אין סאַמע קאָך פון די וואַלן צו דער קהילה אין ווילקאָמיר, איז צו אים, דעם שטאָט־רב, אַרײַנגעקומען אַן עלטערער מאַן מיט אַ שיינער ווײַסער באָרד און גאָר חשובן אָנזען. באַגלייט האָט דעם אורח אַ יונגער ישיבֿה־בחור וואָס פײַטל האָט מיטגעשיקט און געהייסן איבערגעבן: דאָקטאָר נתן בירנבוים הייסט דער מאַן, אין ווין לעבט ער און איז אַ גרויסער שרײַבער און פילאָסאָף. לעצטנס איז ער אויך באַרימט ווי אַ טיף רעליגיעזער דענקער, און טאָקע אַ שומר תּורה ומיצוות. פײַטל האָט עס געזען אַרונטערצוברענגען אים קיין ליטע אין די טעג. בײַ די וואַלן צו די קהילות וועלן זײַנע פאָרטראָגן געוויס ברענגען נוצן...

געזען האָט רבֿ לייב אַז צו דעם פאָרטראָג פון דעם דאָקטאָר נתן בירנבוים זאָל קומען אַ וואָס גרעסערער עולם, און אַליין אויך געווען דער יושבֿ־ראש. און אַז דער חשובער גאַסט פון ווין האָט גענומען ריידן אין אַ גאָר פיינעם ייִדיש, איז דער זאָל געווען געריירט. באַלד אָבער האָט זיך אויך אָנגעהויבן פילן אַן אַנטוישונג. פון מינוט צו מינוט זעען די שטאָט־גבאים, אַז די דענקערישע רייד און פאַרטיפטע רעיונות האָבן גאָרניט צו טאָן מיט די וואַלן. אַן עלטערער גבאי וואָס איז אויך געזעסן בײַם טיש אויף דער בינע,

האָט יִיאושדיק געמאַכט הין און הער מיט די הענט, און געמורמלט:

— פאַרקראַכן גאָר אין פּרינציפּן און חקרנות, און אַ תּרגום־לשון פון פילאָסאָפיע!..

אין ראַטעוועז די מערכה בײַם שליסן די פאַרזאַמלונג, האָט שוין רב לייב געמוזט זאָגן זײַנעם אַ וואָרט וועגן די וואַלן, און פּראָסט און פּשוט:

— ייִדן, אַז מען קומט צו מיר מיט אַ שאלה, און איך זאָג: טריף, אָדער אַן אַנדער פּסק־דין, פאָלגט מען מיר אפילו בײַם גרעסטן היזק. הערט איר אָט פון מיר אַז בײַ די וואַלן זײַנען דאָ צעטלען וואָס מען טאָר ניט נעמען אין האַנט; מוקצה מחמת מיאוס, טריף־חזיר!..

אין דעם זאַל פון האָטעל לאָזט ווײַטער רב לייב ניט אָפּ זײַן אויג פון פּײַטלען, די פּיפּקע אין מויל בײַסט זיך מיט באַטראַכט, ווי אָט דער ביטרער פּאָליטיקאַנט איז לעבן איינעם צוגעשפּרונגען מיט אַ וואָרט, און ווידער מיט אַ סוד אין אויער אַרײַן צו נאָך איינעם. און אָט איז ער שוין לעבן רפאל גרושקין. להכעיסדיק נעמט ער דעם אַלטן משׂכּיל און חובבֿ־ציון דערציילן אַז ער מיט זײַנע מענטשן ווערן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער אַקטיוו. זיי גרייטן זיך אַרויסצוגעבן אַ טעגלעכע צײַטונג, און שוין באַשטימט אפילו אַ נאָמען: „אידישער לעבן"; צײַט אַ חודש עפנט זיך זייערער אַ לערער־קורס, און שולן פרומע עפענען זיך כּסדר איבערן לאַנד; אויפלעבן וועלן זיי די יוגנט־חברות „תּפארת בחורים" און אַקטיוויזירן פּאָליטיש... דערמאָנט זיך רב לייב פון זײַנעם אַ באַזוך פאַר דער מילחמה דאָ אין קאָוונע. האָט ער דעמאָלט בײַ רב יעקב ליפּשיצן אין שטוב געזען אַ זשוואַוון ישיבה־בחור וואָס דרייט זיך אַרום דעם אַלטן עסקן און גרויסן שׂונא פון די משׂכּילים און ציוניסטן. פּײַטל האָט מען דעם בחור גערופן. יעדע ווײַלע פלעגט ער צושפּרינגען צום אַלטן מיט אַ פּאַפּיר, וואָס אַרײַנשושקען, און וואַרטן אויף אַ באַפעל, וואָס איז געווען מער מיטן ווונק... האָט ער דעמאָלט, רב לייב, אַ פרעג געטאָן ליפּשיצן וועגן דעם פּײַטל.

— ער איז מיר לענגער ווי אַ האַנט — איז דער ענטפער געוועזן מיטן לשון פון אַ ייִדענע וואָס גיט אַן אָפּשאַץ וועגן אַ צופעליקער און ניט־גרויסער הילף איר אין דער באַלעבאַטישקייט.

פון אָט דער האַנט ווי ווײַט דער גוואַלדיקער פּיקח האָט באמת געהאַט נוצן, ווייס עד־היום ניט רב לייב. אָבער אַז פון זײַן דרייען זיך אַרום דעם איש ריב ומדון, האָט זיך פּײַטל אַ רעכט ביסל אָנגענאַשט — ספקט ניט רב לייב. ווי מען הערט, דערגרייכט שוין הײַנט זײַן האַנט צו אַלערליי קהלשע ענינים, און אַ מומחה גדול אין אויפשרויפן אַ מחלוקת...

רב לייבן געפעלן אויך ניט די בחורים וואָס זײַנען אין דעם האָטעל געקומען צוזאַמען מיט פּײַטלען. ווי געשליפן די צינגלעך: אין אויער גרילצן אים ווערטער אַזוינע וואָס מען הערט פון די גאָר־מאָדערנע און ווי געגנומענע פון גאַזעטן און, ווער ווייסט, פון וואָסערע ביכלעך. זיי מישן אַרײַן ווערטלעך אפילו אויף גויִש. אַ ריידן, אַ לשון — גאָר ניט ווי פון אַ ישיבה... צוויי פון די בחורים רופט צו רב לייב, און די אויגן שנײַדיק אין זייערע פּנימער:

— זיצן בײַ אַ ספר אין ישיבה איז אַפּנים שווערלעך. אַ בלאַטצײַטונג איז געוויס לײַכטער ווי אַ בלאַט גמרא. אַ מחיה דאָך די רכילות אין די גאַזעטן, און נאָך דברים בטלים. און מען אָטכאַיעט זיך מסתמא מיט נאָך הבל־הבלים...

הערן די מוסר־רייד אויך אַנדערע אין זאַל. און לוקניק איז שוין ווידער ווי מקנא זײַן פריינט רפאל גרושקין:

— על־כל־פּנים, דײַן ווילקאָמיר האָט דאָך אַ רב ניט קיין יושב־אוהל, און פּרוּווט אויך פאַרשטיין דאָס לעבן — בײַסן זיך בײַ לוקניקן די צעשמייכלטע ליפּן — קען אײַער רב לייב משפּיע זײַן אויף פאַרשיידענע מענטשן. פיר אָבער אַ שטאָט מיט מײַן רב אביגדורן וואָס וויל אפילו ניט וויסן פון אַ הײַנטיקער וועלט!..
קוים געפּועלט ער זאָל אויך פאָרן צו דער קאָנפערענץ, זיצט ער דאָ אין צימער איבער אַ ספר. אין איין מורא איז ער פאַר ביטול־תּורה!..

ביבל־קריטיק

אַ שפּרונג אַ דערפרייטער פון פּיַטלען אַנטקעגן אַ גרעסערער צאָל מענטשן וואָס וויַזן זיך פון דרויסן, איז פאַר די וואַרטנדיקע אין זאַל אַן אָנזאָג אַז די באַראַטונג הייבט זיך שוין באַלד אָן. דעלעגאַטן זיַנען אויך די אָקערשט געקומענע, און פון דער פּאַרשפּעטיקטער באַן זיך עס געאיַילט אַהער. נאָך אָבער אין קאָרידאָר, און איידער זיי טרייסלען אָפּ פון זיך דעם שניי און טוען אַרונטער די פוטערס אָדער מאַנטלען און טוען אויס די קאַלאָשן — ברענען שוין עטלעכע צו הערן:

— איז שוין זיכער אַז דער יושב־ראש פון דער קאָנפערענץ וועט זיַן אַן אונדזעריקער, דאָקטאָר נחמן ראַכמילעוויטש?

— לאו דווקא... — ברייטערן זיך קאַלט און געשליפן פּיַטלס קעצישע אויגן — אונדזעריקע, די באמת פרומע ייִדן, זיַנען דאָך טאַבאַק־שמעקער, און ביַי די וואַלן זיך געפירט ווי אמתע בטלנים... פּאַטשן זיך אין ביַיכל די ציוניסטן. יע, משמעות טאַקע אַז דער מולך־בכיפה אויף דער קאָנפערענץ וועט זיַן אַ זייעריקער, דאָקטאָר מאַקס סאָלאָווייטשיק, דער מיניסטער פאַר ייִדישע ענינים.

אין נעמען דעם שלום־עליכם פון די ניַיע דעלעגאַטן, לייגט שוין צו רב לייב אַן אויער צו פּיַטלס רייד, און האַקט איבער:

— אַ גאַנצער ירגזון... וועט דער סאָלאָווייטשיק האַלטן אַ גלעקל די עטלעכע טעג... פּיַטלען שוין געקוילעט די קאַפּאָטע!..

— ווייס מען טאַקע ניט... — לאָזט ניט נאָך דער פּאָליטיקאַנט — ביַי אונדז דאָ אין ליטע איז דער אדון ערשט ניט לאַנג געוואָרן באַקריינט ווי דער מומחה אין ייִדישע ענינים. אין דער ברייטערער

וועלט אָבער האָט ער זיך שוין פֿון לענגער געלאָזט באַקענען ווי אַ סאַמע מומחה אין דער תּורה, טאַקע בפּירוש; שייך צו זאָגן, אַ ביבל־קריטיקער...

— אַפילו ניט סתּם אַן אפּיקורס!! — ברעכט אויס מיט אַ ווִיצעקו אַ יונגער רבֿ — איז גאָר אָט דער מר־בר־רבֿ־אַשי, איז ער גאָר אָט פֿון די וואָס מעלה־גרהן די חקירות פֿון דײַטשע גלחים; זײַנען גורס אַז די תּורה איז בכלל ניט מן השמים!!

— איז ער עס יענער תּנא־ברא פֿון פּעטערבורג... — כאַפּט זיך נאָך אַ רבֿ אַ ייִנגערער — אין דעם וועלט־כּרך האָט ער זיך פֿאַר אַ גרויסן ייִדישן עולם צעדרשנט וועגן די חמישה חומשי תּורה און גענומען שעטקעווען און גלידערן גאַנצע פּרשיות. אויפֿן סמך פֿון דעם גלח און פּראָפֿעסאָר וועלהויזען, דער מורה־מורינו פֿון די ביבלפֿאָרשער, האָט זיך עס דער דאָקטאָר סאָלאָווייטשיק פֿאַרמאָסטן אויפֿצוּווײַזן אַז ישעיהו הנביא האָט אַפילו ניט געקאָנט האָבן פֿאַר זײַנע אויגן דעם פֿינפֿטן חומש. דער ספֿר דברים, האָט אונדזער דאָקטאָר אָפּגעפּסקנט, איז אַ חיבור פֿון יאָרן שפּעטער... אַהאַ, פּעטערבורג עלינו! מיר'ן שוין האָבן פֿון דעם מיניסטער...

— פּעטערבורג, אַ גזרה? אויף ייִדן נײַע גזרות!.. — הייבן זיך צום הימל צעציטערטע הענט בײַ רבֿ אַביגדורן וואָס פֿאַר אַ ווײַלע האָט אים אַ בחור אַרײַנגעבראַכט פֿון זײַן צימער אין דעם האָטעל; הערט ער אָט ווערטער וואָס יאָגן אויף אים אַן די שרעק פֿון די ייִדן פֿאַר די מושלים דאָרט אין דער געוועזענער שטאָט פֿון קייסער.

רבֿ לייב איז שוין פֿול מיט אַ ביטערניש וואָס האָבן אויף אים אָנגעבראַכט די צוויי ייִנגערע רבנים. באַנעמען קען ניט זײַן קאָפּ, ווי קומען גאָר אָט די ביידע צו וויסן פֿון אַזוינע גרוויליקע דערטראַכטענישן וועגן תּורת־משה; און זיי רופֿן אַפילו אַן מיטן נאָמען פֿון דעם אבֿי־אבֿות הטומאה, עפּעס אַ גלח און פּראָפֿעסאָר!.. איז נאָך דעם אַלטן גאון צוגעפֿאַלן אַן עגמת־נפֿש צוליב רבֿ אַביגדורן. מיט זײַן אָפּדרוקט פֿון נײַע גזירות אויף ייִדן,

האָט ער אַרויסגערופן איבער פּנימער אַזאַ שמייכלעריי... אין פּאַרטרייבן די זאָרג פון דעם צדיק תּמים, לויפט אויך פון רב לייבן אַ שאַרפער ווונק אויף דער זייט פון די צוויי יונגע רבנים:

— רבֿ אביגדור, מאַלע וואָס שקצים ריידן... ווייסער, דאָ אין ליטע אַ מיניסטער אַ ייִד וואָס דאַרף זאָרגן פאַר אונדז, רעדט מען אַז ער איז גאָר אַ מומר־להכעיס!..

— ווען קומט שוין רבֿ יעקבֿ ליפשיץ! — פאַלט אַ זיפץ פון רפאל לוקניק — ער וואָלט באַלד ניט דערלאָזן אַזאַ איינעם צו דעם וויכטיקן פּאָסטן...

— מסכּים!.. יאַנקל האָט שוין אויך אַזאַ ענלעכע מומחות געוויזן, און טאַקע אין דעם זעלבן האָטעל; דער קאַלישער... — דערזאָגט ניט גרושקין, און ציט זיין באָרד מיט אַ רמזדיק שמייכל.

אַ מעשׂה מיטן רב פון קאַליש וואָס איז געוואָרן אויסגעקליבן פאַר אַ רב אין קאָוונע. זיינען אָבער ווען דעם קאַלישער אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז אים איז ניט פרעמד אויך אַלגעמיינע בילדונג. האָבן גאָר־פרומע געשטורעמט קעגן אים. די אייבערהאַנט אין קאָוונע האָבן בעיקר געהאַט די משׂכּילים, און דער נייער רב איז מיט גרויס פּאַראַד אַריינגעפאָרן אין שטאָט, און אין אָוונט איז אַ גוואַלדיקער עולם געקומען צו זיין קרוין־דרשה. און נאָך אַ פייערלעכן קבלת־פּנים און הערלעכער סעודה איז ער שפּעט אין דער נאַכט געבראַכט געוואָרן צו דעם האָטעל „לעווינסאָן“, וואָס צייטווייליק איז דאָ געווען געדונגען פאַר אים אַ צימער. אַכפּערדיקע בליקן האָבן אים באַגלייט ביז ער איז שוין געווען אַריין אינעווייניק... און מער האָט קיין אויג ניט געזען דעם רב אין קאָוונע.

אַ שטאָט אַ צערודערטע האָט גענומען זוכן די סיבה, וואָס דער קאַלישער איז באַלד פאַרטאָג און מיטן ערשטן צוג געלאָפן פון זיין נייעם מקום־רבנות. השערות און סבֿרות האָבן זיך מיט פעדעמלעך גאָר אַ סך געצויגן צו ליפשיצן... יאָרן זיינען שוין פאַרביי פון דעם טאָג וואָס דער רב איז אַנטלאָפן, אָבער מענטשן געדענקען נאָך אַ סך פון די דעמאָלטיקע רייד. און איינער דאָ אין

זאָל זאָגט איבער געגנוי וואָס רב יעקב ליפשיץ פלעגט וועגן דעם קאַלישער ענטפערן:

— דער עיקר, קאָוונע דאַרף האָבן אַ רב וואָס פּאַסט, אַן מאָדערנע פּליטערלער...

— היינט שוין ניט נאָר פּליטערלער... — צעלאַכט זיך גרושקין —די וועלט־מילחמה און די רוסישע רעוואָלוציע האָבן דאָך אָנגעמאַכט ניט ווייניק שינויים און חידושים. דאָ אין ליטע זײַנען אויך געווען טעטיק ייִדישע אָרטאָדאָקסן וואָס האָבן געדינט אין דער דײַטשער אָקופּאַציע־אַרמיי. די אָ האָבן אַ סך געטאָן אין אויפירן פּאָליטיש דעם פרומען געמויזעכץ, און באַזונדער געזען צו אייראָפּעיִזירן אונדזערע קלעריקאַלן. קוקט זיך צו הײַנט צו די רבנימלעך און צו נאָך באַנקקוועטשער, ווי זיי בלאַנקען אין שיינעם אַנטו, און רייד ווי פון פּאַרלאַמענטאַריער!..

דער אַלטער בעל־מאמרים ציט זײַנע אַרומיקע בײַ די אַרבל און ווינקט אויף אַ רעדל וואָס שטייט לעבן פּײַטלען און קלײַבן זיך שוין צום גיין צו זייער באַראַטונג. אין אַ וויכּוח קאָכן זיך יונגע רבנים מיט עטלעכע ישיבה־בחורים, און עס פלײַען הויך־קלינגעוודיקע ווערטער: טעזיסן און פּלאַטפּאָרמע, אַטאַקע און אָבסטרוקציע, טאַקטיק, סטראַטעגיע, נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע און פּערסאָנאַלע אויטאָנאָמיע; מאַנעווער, וועטאָ, מאָדוס, יוריסדיקציע; בלאָק, פראַקציע, פעדעראַציע...

— און דאָס פּאַרדריסט דיר!.. — פּאַרטראָגט ניט לוקניק די ביטולדיקע בליקן און קוועליקן שפּאָט פון גרושקין, און צו אים נאָך אויך אַנדערע — רפאל, דו מיט דײַנע ציוניסטן, און צו אייך, אַזוי געראָפענע פּראָגרעסיווע און אויפגעקלערטע, איר אַלע זײַט דאָך אײַנגעגלייבט אַז אין הוויות־העולם, און אַפשיטא שוין אין הילכות פּאָליטיקע, קאָן זײַן אַ מומחה און זיך אויסטויגן נאָר אַן אײַעריקער. אַ חזקה גאָר, מאַנאָפּאָל!.. הכּלל, איר און נאָר איר זײַט עס די אַפּוטרופּסים איבערן כּלל ישראל. און רב ישראל אַליין, בפרט נאָך

די בית־מדרש־ייִדן, זייער אָרט איז אונטערן אויוון; און די רבנים, זיי דאַרפֿן זײַן בטלנים און פֿוילן אין צעשמאָלצענע קאַפּאָטעס...

באַלד לאָכן זיי ביידע, גרושקין און לוקניק, אין כאָר פֿון זאַל. פֿײַטל האָט וואָס אַרײַנגעשושקעט רב לייבן. איז דער אַלטער אויפֿן קול:

— באשר אויף דער קאָנפֿערענץ וועל איך זיצן אין נשיאות, אויבנאָן, באַמערקט מיר אָט דער חכם, הלמאי איך האָב זיך געגעבן אַ קראַץ אין באָרד... איז בײַסן זאָל מיר אין קאָוונע, און דער קראַץ ערשט אין ווילקאָמיר!..

פֿון זײַן טיש זעט רפֿאל גרושקין ווי די גאַנצע חבורה ציט זיך צו דער באַראַטונג. אַהינטער די רבנים, די צוויי דײַטשע דאָקטוירים און אַ גרעסערע צאָל כּלל־טוער, בתוכם אויך רפֿאל לוקניק, דער פּיקח און לאַנגיאָריקער מנהיג בײַ די ייִדן אין זאַמעט. צווישן די אַלע מישן זיך פֿײַטלס בחורים. און פֿײַטל אַליין — בראש. צעשאָקלט זיך בײַם אַלטן משׂכּיל דער שניי ווײַסער קאָפּ:

— ניט געקומען יעקב ליפּשיץ, לאַנג איז אָבער זײַן האַנט. לענגער ווי אַ האַנט איז בײַ אים דער בחור, פֿלעגט ער ווײַזן אויף פֿײַטלען; געוועזן אַ מין נושא־כּלים. הײַנט רודעוועט שוין אָט די האַנט אַזוי געשיקט, מאַנעווּרירט קונציק!..

געשענקטע יאָרן

אָוונט־צו איז דער ווינט געוואָרן שטאַרקער און דער שניי אין געדריי שנײַדט אין פּנים. דער ווינטער אין ליטע האָט זיך געהאַט געשטעלט גאָר פרי. שוין אין מיטן האַרבסט 1919, איז אין קאָוונע געווען פאַרפראָרן די שטראָמיקע ווילִיע וואָס וואַרפט זיך אין שטאָט דאָ אַרײַן קאַפּריזיק אין די אָרעמס פון ניעמאַן. און באַלד איז אָט דער טאַטע פון די ליטווישע טײַכן אויך געווען באַדעקט מיט אַן אײַז. און ווי בײַ אַ פריִיִקן ווינטער, האָבן די טײַכן צײַט עטלעכע וואָכן ווידער זיך געלאָזט פרײַ. און הײַנט, אָנהייב יאַנואַר, פרירן זיי גאָר פעסט, און בלײַבן שוין פאַרקאָוועט ביז אין פרילינג אַרײַן.

שוואַך באַלויכטן זײַנען די קאָוונער גאַסן, און אין דעם זאַוויי איז אויך ניט צו וויסן ווו מען געפינט זיך געניי. קוים שלעפּן די צוויי מאָגערע פערד דעם טראַמוויי איבער די שניי־פאַרשאָטענע רעלסן. אויף דער גרויסער גאַס נעמען מענטשן וואָס פאָרן אינעווייניק, נעמען זיי הויכן איבער די פאַרפראָרענע שויבן, שטרענגען זיך צו זען וואָס אין דרויסן און אויפכאַפּן דעם ברייטן ווײַסן שטח מיט ביימער פאַרשנייטע, דעם שטאָטגאָרטן. ביים אָפּ־שטעל אײַלן זיי זיך אַרונטערצושטײַגן און פאַרנעמען זיך קווער דער אַלייע צו דעם הויז אַנטקעגן. אין זאַל דאָרט עפנט זיך דעם אָוונט אַ הערלעכער יִדישער צוזאַמענקום.

אין שפּרײַזן איבער דעם טיפן שניי, צעטראָגן זיך מיטן געוווירבל יאָרן פאַרלאָפענע. ניט איינער דערמאָנט זיך ווי מיט אַ יאָר צען צוריק זײַנען געלייגט געוואָרן אָן אַ שיעור השתדלותן אין דער הויפּטשטאָט פּעטערבורג, אַז די רוסישע הערשער זאָלן דערלויבן אַ יִדישן מדינה־צוזאַמענפאָר טאַקע אין דער שטאָט

קאָוונע. אין אַ דערבײַיִק געסל איז עס דאָ פאַרגעקומען די קוים־אויסגעפּועלטע „קאָוונער באַראַטונג״. פון די אַלע מיליאָנען ייִדן איבער דער רוסישער אימפּעריע, האָבן אָנטייל גענומען נאָר אַרום הונדערט עסקנים, וואָס האָבן לויט דער דערלויבעניש באַהאַנדלט בעיקר צדקה־ענייִנים, און די רעדעס נאָר אין רוסיש. און דאָך האָט די יענע באַראַטונג אַרײַנגעטראָגן צווישן די ייִדן אַזאַ לינדערע שטימונג. קוים אָבער פאַרבײַ עטלעכע יאָר און אויסגעבראָכן איז די וועלט־מילחמה — האָבן די רוסישע מושלים גוזר געווען אַ גירוש אויף די אַלע ייִדן פון דער שטאָט קאָוונע און פון אַ גרויסן טייל ליטע. פון זייערע אײַנגעוואָרצלטע היימען זײַנען אין שעהן טויזנטער־טויזנטער געוואָרן אַרויסגעריסן און פאַרטריבן... איז אָט נאָך דער מילחמה אויפגעקומען די ליטווישע מדינה, און ייִדן וועלן האָבן אַלע בירגערלעכע רעכט און אויך אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. ציִען זיך הײַנט נאָך און נאָך ייִדן צו דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון זייערע נײַ־געוויילטע קהילות אין דער יונגער מדינה!

ניט געעפנט זײַנען נאָך די טירן פון גרויסן זאַל. בחורים מיט קאָלירטע אָרעמבענדער אָרדענען די אַרײַנגעקומענע געסט צו זעצן זיך אין וואַרטזאַל. טרעפן זיך דאָ און זעצן זיך צוזאַמען באַיאָרנטע עסקנים און ניכבדים וואָס האָבן זיך געפעדערט מיט זייערע ערן־הזמנות. טייל פון די מענטשן האָבן זיך שוין יאָרן ניט געזען. אַנדערע האָבן זיך ערשט די טעג צוריקגעקערט פון גירוש אין די צעוואָרפענע ערטער איבער רוסלאַנד. צעפרעגט מען זיך וועגן געזונט. איז בײַ איינעם דער ענטפער פּשוט:

— מען ווערט עלטער, דריבלט זיך...

— און מיר פעלט נאָר אַן עין־הרע... — חכמהט זיך לעבנסלוסטיק אַ צווייטער זקן און לאָזט זיך אַרײַן אין מומחות אויף אײַנצוהאַלטן דאָס געזונט.

— און מיר האָט פון העלער הויט אָנגעהויבן שטעכן אין אַ פּלייצע; וואָס טוט מען דערצו? — פרעגט באַלד איינער בײַ דעם מומחה אַן עצה.

— און איך — פֿאַרלויפֿט אַן אַנדער זקן דעם מומחה — פֿיל איך זיך אַמאָל ניט מיט אַלעמען, אַזוי גיבן זיך פֿון גוטע מענטשן אַ שאָט אויף מיר גוטע עצות, און מאַכן מיך קראַנק טאַקע גאָר גוט...

— די נאַטור טוט שוין אַלץ, אַז דער מלאך־המוות זאָל האָבן וואָס לײַכטער... — אַנשטאָט אַן עצה, קומט פֿון אַן עלטערן אַנאַרכיסט אַ דערקלער צו דעם וואָס האָט גענומען לײַדן פֿון העלער הויט.

אַ גאָר אַלטיטשקער רעדט פֿון זײַן געזונט מיט אַ משל:

— אויפֿס קויפֿט מען אין שטעטל פֿון וועגענער בײַ די פּויערים וואָס קומען אויפֿן מאַרק. בין איך אַ בעלן אויף פֿלוימען, און דער פּויער נעמט שיטן פֿאַר מיר אין טאָפּ, די מאָס זײַנע. פֿאַלט מײַן אויג אויף אַ פֿלוים, און איך זאָג: דאָך אַ צעפּוילטע. לייגט זי אַוועק דער פּויער אַנאַזײַט, און שיט ווײַטער. אַ ווײַלע אַרום, אַ פֿלוים אַ צעקלאַפּטע. ווערט אויך די אָפּגעלייגט. און באַלד געפֿעלט מיר ניט דער קאָליר פֿון נאָך איינער. גייט ווידער אַנאַזײַט. פֿול געוואָרן דער טאָפּ, נעמט מיר דער פּויער אַרײַנשיטן. זאָג איך: און אַ קויפּ? איז ער מסכּים און דערלייגט נאָך אַ ביסל. ווײַז איך אים אויף אַ צעקראָכענער. זאָגט מיר דער פּויער: אַז די מאָס איז נאָך ניט געווען פֿול, האָסטו געקאָנט מאָנען בעסערע פֿלוימען; די דערשאָטענע זײַנען דאָך געשענקטע... ברוך־השם — פֿירט אויס דער ייִד — אַז מען איז איבער זיבעציק, און די יאָרן שוין געשענקטע!.. איז נאָר צו האָפֿן אויף אַ סך נחת.

— האָב איך טאַקע געהערט — וואַרפֿט אַרײַן דער אַנאַר־כיסט — איין אַלטיטשקע האָט געזאָגט צו אַ צווייטער:

— איר זאָלט האָבן אַ סך נחת!

— און צו אַ סך נחת — האָט יענע אָפּגעקרעכצט — שאַדט גאָרניט אַ קאַפּיטשקע געזונט...

אַן איבערקוקעניש כאַפּט אַרום די ייִדן וואָס זיצן דאָ צוזאַמען. אין אַרײַנגאַנג שטייט אַ הויכער און פֿעטלײַביקער און מיט זײַן

מגושמדיקער האַנט ווײַזט ער דעם אָרדענער פּאַרריסן זײַן ערן־קאַרטע. ניט באַנעמלעך איז אָט די בכּבֿודיקע לײַט וואָס אויך אַזאַ איז אײַנגעלאַדן אויף דעם געהויבענעם צוזאַמענקום. אין זײַערע אויגן איז דער מענטש ניט מער ווי אַן עם־הארץ און גראָבער פּליגל. פֿון אַ דאָרף איז ער געווען אַריבער קיין קאָוונע, און זיך אײַנגעקויפֿט צוויי גרויסע מויערן. און טאַקע באַלד האָבן די לאָקאַטערן זײַנע גענומען פֿילן דעם נײַעם בעל־הבית. אָן רחמים האָט דער אַלטער ייִשובניק און פּראָסטאַק געמאָנט דירה־געלט, און כּסדר געהעכערט. אַרויסרײַסן אָבער פֿון דעם געלטעניק אַ נדבה — איז גלײַכער ניט איבערטרעטן זײַן שוועל... ברייט קוקט אַרויס די הזמנה פֿון זײַן פֿויערישער האַנט, און מיט שטאָלצן טראָט איז ער שוין לעבן די ניכבדים און מיוחסים. פֿאַלט צו אים אַ וואָרט:

— גרוי געוואָרן איז הער בריק, און פּליכיק...

— דורנאַ גאַלוואַ ניעזשילסטאַ, ניעפּלינקאַ — ענטפֿערט ער מיט אַ דאָרפֿיש ווערטל, וואָס באַטײַט אַז אַ נאַרישער קאָפּ גרויט ניט און פּליכט ניט. און מיט דעם פֿויערשן לשון, שוין אויך אַן אָנהער אַז צווישן די ליטווינער איז ער געבאָרן, זיך געהאָדעוועט מיט זיי, און איז ביז הײַנט חבר מיט אַ סך פֿון די נײַע מושלים אין דער אויפֿגעקומענער ליטווישער מדינה...

אין האַפּערדיקן אַרומקוק ווערט אים אויפֿפּאַליק אַן איראָניש בליקעלע וואָס ציט זיך צו אים. דערמאָנט ער זיך פֿון אַ בחור וואָס האָט געלעבט בײַ אים אין שטוב, און איצט איז ער דאָ אַ דעלעגאַט. פֿאַרבײַגייענדיק וואַרפֿט אים צו דער אַלטער:

— איר שרײַבט אויך הײַנט אַזוי פֿיל בריוו?..

מיט אַ קאָמישן שמייכל באַגלייט דער מענטש די ברייטע און גדלותדיקע פּלייצע, און אַמוזאַנט קלינגט זײַן באַשייד פֿון דעם אַלטנס טשיקאַווע פֿראַגעלע. מיט אַ יאָר זעקס צוריק איז ער, דער יונגערמאַן, געקומען קיין קאָוונע אין די האַרבסט־חדשים, און געדאַרפֿט דאָ שטיין צום פּריזיוו. אויף דער קורצער צײַט האָט ער זיך געדונגען אַ קוואַרטיר בײַ אָט דעם הער בריק. ניט ביליק האָט

ער געצאָלט, אָבער בײַ דער קאַרגער באַלײַכטונג אין זײַן צימער האָט זיך ממש ניט געלאָזט שרײַבן. קומט ער אַרײַן צום בעל־הבית וואָס זיצט בײַ זיך אין זאַל מיט טינט־און־פּעדער אויף חשבונות פון די שכנים זײַנע און פון הלוואות וואָס ער גיט אויף פּראָצענט. הערט אים אויס דער הער בריק און גיט ברייטהאַרציק אַ ווײַז אויף אַ ווינקל טיש; אָט דאָ איז ליכט אַריבער און אַריבער. אין שרײַבן פילט ער, דער קוואַרטיראַנט, קוקעלער איבער אים יעדע ווײַלע, און עס קומט אויך אַ זאָג:

— יונגערמאַן, אײַער פּעדער האַלט אין איין טונקען, די טינט איז אָבער מײַנע... ניין־ניין! לויפט ניט אַרײַנברענגען דעם טינטער אײַערן; שרײַבט, שרײַבט; וויסן אָבער דאַרף מען...

און ווידער צעשמייכלט זיך דער יונגערמאַן. ניט פאַרבײַ דעמאָלט קיין פּאָר וואָכן, איז בײַ דעם זעלבן טיש געקומען צום אים נאָך אַ באַמערקונג פון דעם אדון:

— בריוו, ניט נאָר איר שרײַבט; איר באַקומט אויך כּמעט יעדן טאָג. אָבער ענדע דעצעמבער זײַט איר שוין דאָ ניטאָ; וועט דאָס געלט דעם בריווטרעגער אויף נײַיאָר, פאַלן נאָר אויף מיר.

דעלעגאַטן קומען

ברייט ווערן צעעפנט די טירן פון גרויסן זאַל. פון דער פאַרפוצטער בינע איז שימערירנדיק און פּײַערלעך מקבל-פּנים אַ פּלאַקאַט, אַז דאָ קומט פאָר די ערשטע קאָנפערענץ פון די ייִדישע קהילות אין ליטע. די באַיאָרנטע און בכבודיקע עסקנים וואָס זײַנען געווען פאַרבעטן ווי ערנגעסט און געזעסן צוזאַמען אין וואַרטזאַל, פאַרנעמען אויך דאָ פּלעצער איינע לעבן די אַנדערע. די פּראַקטישע אויגן זייערע באַטראַכטן די דעלעגאַטן וואָס נעמען זיך קלײַבן, און פּנימער ווערן איבערגענומען מיט מיינונג און אָפּשאַץ. אין אַרײַנגאַנג ווײַזט זיך אַ שלאַנקער בחור. פּראַנטיש אויסגעפוצט און טענצלדיק-קאָקעטיש דער גאַנג. מיט ברייטן פאַר טראָגט זיך בײַ אים די טעקע וואָס ווערט אויסגעטיילט יעדן דעלעגאַט, און פון דעם פאַרריסענעם קאָפּ קנייטשט זיך אַן אייגעלע שמעלער און שמעלער איבערן פּלאַקאַט מיטן גאַנצן זאַל. מערקן עס די מענטשן און באַשליסן אַז אָט דער דעלעגאַט איז קנאַפּ וואָס באַנוגנט מיט זײַן הײַנטיקער ראָלע; אין אים יוירט אַפּנים אַ באַגער אַ גאָר שטאָלצער, צו נעמען ערשט שטײַגן הויך-הויך!..

— אָט דעם קענט איר? — לויפט אַ ווונק פון אַ גאַסט אויף נאָך א דעלעגאַט וואָס קומט אַרײַן.

— אַנו, פּרוּוו אַזאַ איינעם ניט קענען... — שמייכלען אנדערע אָפּ, און עס גייט אַוועק אַ רייד.

נאָך גאַנץ יונג איז דער מענטש, אָבער שוין באַוויזן ניט ווייניק צו רודעווען אין געזעלשאַפטלעכע ענינים און זיך געדרייט אַרום קהלשע ווינטמילן. געהאַט האָט ער זיך גענומען צום

אָרגאַניזירן ייִדישע בעלי־מלאכות און מיט דער הילף פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי פאַרלייגט אַן אָרגאַניזאַציע. איז ער אַרײַן אין אַ רײַבעניש מיט די אַנדערע טוער, און געבליבן אין דרויסן. לאַנג ניט געדויערט, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַן אַנדער פּאַרטיי און געמאַכט אַ פּאַראיין פון קליינקרעמער. אָבער נאָך אַ סיכסוך און בוררותן איז ער אַוועק צו אַ פאַרבאַנד פון שכנים, וואָס האָט אונטער זײַן פּאָרזיץ לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ווי אַן אַנטוישטער האָט ער זיך געגומען מישן אין אַ בית־מדרש. צו ווערן אָבער אַ גבאי און מיסד זײַן אַ גמילות־חסד, האָט מען אים ניט דערלאָזט. לעצטנס האָט ער זיך אין שטאָט געעפנט אַ קראָם פון מעבל, און אויס געזעלשאַפטלעכער טוער... קוועטשט זיך דאָ אַ טעקע אויך אין זײַן פּאַכווע, און די שמאָלע פּלייצעס הייבן זיך ווי מיט וווּנדער איבער זיך אַליין. גאָר אומגעריכט איז אים געוואָרן צוגעשיקט אַ מאַנדאַט פון יאַנעווע. און אין דעם שטעטל, דערקלערט ער זײַן איבערראַשונג, האָט ער שוין לענגער, און נאָר אַ קורצע צײַט, געהאַט אָנגעפירט אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. געמוזט האָט ער אָבער אָננעמען די פּאַרטרויטע און העכסט פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות; איז ער עס דאָ ווי אַ דעלעגאַט... די אַ רייד הערט אויך אַן עלטערער כלל־טוער, און גיט פאַר זײַנע אַרומיקע צו פאַרשטיין:

— אַן ענטל, זי שווימט זיך מאַיעסטעטיש, קאָפּ און האַלדז שלווהדיק פאַרריסן, און ניט צו מערקן פון אויבן קיין מי, אַוועלכן אָנשטרענג; און קומט צום ציל. וואַרף אָבער אַ קוק אין וואַסער אַרײַן, זעסטו פיסעלעך אַרבעטן, אַרבעטן...

און ווידער אַ דעלעגאַט. די פּער שוואַרצע באָרד אין באַוועג, היִן און הער, און אַ שאָקל אַרויף און אַראָפּ. מיט אַ זינגעוודיקן אונטערברום נעמען די אויגן אַרום דעם זאַל; בליקעלעך וואַרפן זיך צו דער בינע, פאַלן מיט פאַרמעסט אויף דעם רעדנער־שטענדער. באַקאַנט איז דער מענטש ווי אַ מגיד וואָס פאָרט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך. איז ער שוין גאָר אין שפּאַן פון אַ פּאַרטיי.

און לעצטנס געדרשנט קעגן אַנדערע וואַל־רשימות... אַז דער שינוי איז פּאַר אַזאַ ייִדן גאָר ניט קיין שווערע הלכה, גיט דאָ איינער ווידער צו פאַרשטיין:

— מיר ווייסן דאָך ווי אַ מגיד קען מאַכן פון אַ פּסוק, כּדי אַרויסצודרייען זײַנע אַ סברה, אַ כּוונה אַ באַזונדערע... גיט זיך איצט אָט דער בעל־דרשן אויף אַ נעם צו אַ פּונקט פון אַ פּאַרטיי און דרייט שוין אַרויס שבחים פאַר די זײַניקע, און די קעגענער מאַכט ער אויסצודרייען...

אַ קול פון אַ דעלעגאַט שוין אין אַרײַנגאַנג. רבֿ לייב, דער רבֿ מפורסם פון ווילקאָמיר, האָט זיך בײַ דער טיר אָפּגעהאַלטן קעגן דעם בחור מיטן באַנד פון אַן אָרדענער. דער גרוי־פלאַמיקער קאָפּ אויפגעהויבן און די אויגן שיסן צו דעם הויכן און שלאַנקן. די טעקע וואָס דער אַלטער האַלט מיט די שפּיץ פינגער און טראָגט זיך בײַ אים ווי עפּעס אַ צוגעוואָרפענע צאַצקע, נעמט אָט די צוטשעפּעניש גיין אין פּנים פון דעם יונגן. דער שאַרפער דיבור פון רבֿ לייבן הילכט:

— האָסט דאָך געלערנט בײַ מיר אין ישיבה. טאָ ווּ ביסטו הײַנט אין דער וועלט, איכּה?..

— אַ חלוץ בין איך. געהער צו אַ קאָמונע וואָס גרייט זיך עולה צו זײַן קיין ארץ־ישראל און אויפבויען דאָס לאַנד דורך אַרבעט. חברים פון אונדז זײַנען אין די טעג אַנגעדונגען אויף אויפפּאַסן דאָ די אָרדענונג.

—שוין געהערט פון אַזאַ חבֿרה מופקרים... — דרייט זיך אויס האַסטיק דער קרומער רוקן — אַוועק ביסטו מיט שקצים און טרייפניאַקעס; האָב איך מיט דיר ניט וואָס צו ריידן!

פון אַ זײַטיקן אַרײַנגאַנג נעמט מען אָנקומען פון די קאָמיסיעס. ווײַזט זיך פײַטל, דער אָרגאַניזירער פון פרומען בלאָק, צוזאַמען מיט זײַנע געהילפן. עס לאָזן זיך אויך אַרײַן אונטערשטופּער פון אַנדערע פּאַרטייען. די אַלע, רויט בײַ זיי די פּנימער און פאַרשוויצט, לאָזן זיך איבערן זאַל, און יעדערער זוכט און כאַפּט זײַנע מענטשן...

דורך דעם זעלבן אַרײַנגאַנג קומען אַרײַן צווישן נאָך דעלעגאַטן אויך לוקניק און גרושקין. די צוויי האָבן נאָך דערזען אַלטע ידידים אויף די פּלעצער פּאַר געסט, זעצן זיי זיך אָפּ אַדערלעבן. אויסגעשעפּט זײַנען די ביידע פון דער קאָמיסיע וואָס האָט געדאַרפט לעצטגילטיק באַשטימען, ווער עס זאָל זײַן דער פּאַרזיצער פון דער קאָנפערענץ, און וויפל און ווער זאָלן זיצן אין פּרעזידיום, און וויפל און ווער סעקרעטאַרן. וואָס אין דער קאָמיסיע האָט זיך געטאָן, קען רפאל לוקניק, דער כּלל־טוער פון יאָרן, ניט באַנעמען:

— סאַראַ רעדעס!.. בײַ יעדן פּונקט און ברעקל פּונקט מוזן „קומען צום אויסדרוק״ יעדע פּאַרטיי, און פראַקציע, און אפילו קרײַזלעך מיט „באַזונדערע שטעלונגען״. אָנגעלאָדן זײַנען די צינגעלעך און קנאַקן מיט ווערטער טשיקאַוונע; די טענות און פּאָדערונגען אויסגעלייגט מיט הויכע פּרינציפּן און באַצירט מיט ציטאַטן פון באַרימטע ביכער. איז שוין דאָ ניט איינער פון די גרויסע מלומדים מיאוס דורכגעפאַלן. „לא היה ולא נברא!״, פּלעגט לויפן צו זיי אַן אַרײַנשרײַ — אפילו קיין איין וואָרט פון די ציטאַטן איז ניטאָ אין די ביכער... אַזאַ אָנגעלאָף און פּלאָג פון פּלוידערער, און בעיקר די כּלערליי ציוניסטן!

— לאו דווקא ציוניסטן — זאָגט אַרײַן רפאל גרושקין, דער אַלטער משׂכּיל און פּאַרקאָכטער חובב־ציון — אויף דער פּלוידערײַ איז מען בײַ דײַנע פרומע אפילו מדריך. טאַקע אין דער קאָמיסיע וואָס מיר זײַנען דאָרט ביידע געווען, איז איין מאָל און נאָך אַ מאָל אַרויס מיט אַ לאַנגער רעדע אַ יונגערמאַן וואָס איך קען אים נאָך ווי אַ לערנער. האָב איך אים אָנאָזײַט אַ פרעג געטאָן, ווי קומט ער צו רעדנערײַ. האָט ער מיר מגלה געווען ווי פּײַטל האָט מיט אים אײַנגעקנעלט:

— דאָס וואָס דו קענסט זיך אַרויסזאָגן אין פינף מינוט, דאַרפסטו פּאַר אַן עולם צעציִען אויף אַ פערטל שעה, ניט ווייניקער. און רײַבסט זיך שוין אײַן אין דער מלאכה, קלעקט דיר דער קלענסטער רעיון אויך אויף אַ רעדע פון שעהן גאַנצע...

זון און מחותּן

נחת נעמט לוקניק קלײַנן פֿון רבֿ אביגדורן, זײַן שטאָט־רבֿ. גאָר שווער איז אים געווען, דעם ראש־הקהל, צו פּועלן בײַ דעם מרא־דאתרא, ער זאָל אויך פֿאָרן אַהער קיין קאָוונע און נעמען אָנטייל אין דער קאָנפֿערענץ. אַרײַנגעטאָן איז ער דאָך נאָר אין לערנען און אין שרײַבן ספֿרים. ווײַל מען אים מפֿסיק זײַן, און אפֿילו אַ וויכטיקער קהלשער ענין — איז ער שוין פֿאַרלאָפֿן מיט פּחד פֿאַר ביטול־תּורה... זעט דאָ לוקניק ווי זײַן רבֿ איז אין שוווּנג. שוין שעהן איז ער אויפֿן פֿוס פֿון איין קאָמיסיע צו דער אַנדערער; זוכט אויס מענטשן, רופֿט זיי אָפּ און גייט אויך אַרויס צוזאַמען אין קאָרידאָר און פֿאַרפֿירט אַ שמועס. צו רבנים און צו די פּרומע עסקנים פֿון קהילות קומט ער מיט טענות וועגן אַן אָפּגעלאָזנקייט און פֿאַרזעוּנגען אין ענינים פֿון ייִדישקייט. עס גייען אונטער די חדרים פֿאַר קינדער און דער שבת איז ניט וואָס געווען; אין הײַזער הענגען מזוזות וואָס מען האָט דורך יאָרן ניט בודק געווען, און ער אַליין האָט געפֿונען אַזוי פֿיל פּסולע; תּפֿילין, אפֿילו נײַע, זײַנען דאָ ניט־כּשרע...

פֿון נאָך האַרבע עבֿירות און מיכשולים וואָס זײַן מרא־דאתרא איז מזהיר און וויל פֿאַרמײַדן, הערט לוקניק פֿון קאָוונער רבֿ. מיטן שלום־עליכם וואָס ער באַקומט דאָ פֿון דעם גדול־בישׂראל, גליטשט זיך פּיקחיש פֿון דעם הדרת־פּנים אויך אַ מין תּרעומת. מיט בריוו אָן אַ שיעור פֿאַרוואַרפֿט אים לעצטנס רבֿ אביגדור. און אָט איז ער הײַנט געקומען מיט אַ גוואַלד וועגן קעלבער און יונגע שעפּסן און ציגן. אין די גרויסע שטעט, האָט ער זיך דערוווּסט, קוילעט מען די אַ בעלי־חיים אָן דער זיכערקייט אַז פֿון זייער געבאָרן

זײַנען שוין פאַרבײַ פולע זיבן טעג; איז מען דאָך מכשיל טויזנטער ייִדן מיט טרפות. קהילות גאַנצע, שרײַט ער, דאַרפן כּשרן די כּלים, און אפילו גוזר תּענית זײַן!

אַז זײַן מרא־דאתרא איז רק אין זוכן און אויסגעפינען חטאים, דאַרף ער עס, לוקניק, ניט הערן פון קאָוונער רב. אים שמייכלט אָבער, דעם ראש־הקהל, וואָס אָט דער יושב־אוהל ווערט טאַקע ממש טעטיק, און ווײַזט אַרויס אפילו תּקיפות... קליגט זיך לוקניק מיט אַ תּמימות:

— איז ער ניט גערעכט אונדזער רבֿ?..

— אַ שאלה צי רבֿ אביגדור איז גערעכט? — איז דער קאָוונער צוריק מיט זײַן פּיקחות — ער וואָלט נאָר געלאָזט לעבן...

רבֿ אביגדור אַליין האָט שוין אַפּנים געענדיקט מיט זײַן אַרומזוכן איבער די צימערן פון די קאָמיסיעס און דאָרט אויסגעפינען מענטשן זייניקע. איז ער אָט אין גרויסן זאַל פון דער קאָנפערענץ און זײַנע אויגן גייען שוין אַרום איבער דעם עולם. לאַנג דאַרף ער ניט זוכן. נאָך בײַ דער טיר, שטויסן זיך אָן זײַנע בליקן אויף אַ גאָר־זײַניקן. אין דער לינקער זײַט זאַל, צווישן די דעלעגאַטן פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן — זײַן זון.

ווי ווײַט דער מענטש איז עלול ניט צו וויסן ווו ער האַלט! — צעגלאָצט זיך רבֿ אביגדור אַנטוישט איבער זיך אַליין. געפאָרן איז ער אַהער און זיך אַרײַנגעוואָרפן אין מוסרן און זעט צו משפּיע זײַן אויף אַזוי פיל מענטשן, כּדי צו מחזק זײַן די ייִדישקייט איבער אַ מדינה. וואָס אָבער שייך דער אייגענער היים זײַנער — גאָר פאַרגעסן... אין אַ חשבון־הנפש וועגן די קינדער, איז ער שוין געוועזן אַרײַנגעפאַלן מיט אַ יאָר צוויי צוריק. געהאַט געוועזן דערגאַנגען אַ ידיעה פון רוסלאַנד, אַז יעקבֿ, זײַן זון און דער בחיר פון אַ באַרימטער ישיבֿה, האָט אים דאָרט די רעוואָלוציע אָפּגעקוילעט פון ייִדישקייט, און שוין גאָר אַ קאָמיסאַר... נאָך פּריש געוועזן דער בראָך אין האַרצן, האָט זיך אויף דעם טאַטן אָנגעטראָגן אַ ווייטאָג ווידער פון אַ קינד. משה, זײַן צווייטער

זון און אויך אַ מצויין פון אַ ישיבה אין ווילנע, איז ער פון דער שטאָט אַרונטערגעקומען אויף יום־טוב, און גענומען אַרויסברענגען רעיונות ממש אפיקורסישע. אַרײַנגעלאָזט האָט זיך דער בחור אין פילאָסאָפיע, און מיט חקירות געוואָרן פאַרסמט... אַ צײַט איז דער זון שוין ניט געווען אין דער היים, פאַרט אַרום איבער שטעט און שטעטלעך און רוט ניט וועגן ארץ־ישראל. זעט ער אים איצט דאָ אין זאַל... וואָס פון טאָג נאָגט אין רב אביגדורן אַ ניט־זיכערקייט וועגן דריטן זון. דער מיזיניק, משולם, האַלט זיך יע בײַם לערנען און שוין עטלעכע יאָר אין טעלזער ישיבה. זײַנען אָבער אויך דאָרטן די תלמידים אָנגעשטעקט מיט פּאָליטיק, און דער קאָפּ בײַם זון דרייט זיך שוין מיט רעיונות פון דער „הײַנטיקער צאַפּלדיקער עפּאָכע", ווי עס הייסט בײַ אים די לעצטע צײַט. איז ער בײַם טאַטן אין די אויגן שוין אויך אַליין אַ צאַפּלדיקער.

צעפּוויקט זײַנען רב אביגדורן די שלייפן פון דער מחשבה, אַז די צאַפּלדיקע צײַט האָט עס משמעות אויך אים אַליין פאַרפירט — אַזש צו אָט דער קאָנפערענץ. מוסרן איז ער אַהער געקומען, משפּיע זײַן אויף אַ מדינה ייִדן. טאָ ווי האַלט דער כּוח פון זײַן השפּעה אין שייכות מיט די אייגענע קינדער, בײַ זיך אין דער היים? גאָר נעלם געוואָרן פון אים אַ באַקאַנטער כּלל. וויל מען אַז אין שטוב זאָל זײַן וואָרעם אויף צוואַנציק גראַד, מוז דער אויוון זײַן אָנגעהייצט לפּחות אויף פערציק גראַד. איז טאָקע ער אַליין, דער ראש־המישפּחה, ניט געבענטשט מיט איבעריקער התלהבות אין ייִדישקייט, ווײַט פון שלמות...

רב אביגדור לאָזט זיך איבערן זאַל און זוכט אויף לוקניקן, זײַן ראש־הקהל. ער קערט אים צוריק דעם מאַנדאַט פון דער קהילה צום זײַן אַ דעלעגאַט אויף דער קאָנפערענץ און לייגט אַוועק די טעקע וואָס ער האָט דאָ באַקומען. ער פאָרט אַהיים, און זאָגט אין געזעגענען:

— פון דרך אַרונטערגעשלאָגן... געווען אַ וועלט־מילחמה, און אין אונדזער ייִדישן לעבן זײַנען אָנגעטראָגן כּל מיני רעיונות און

טומלדיקע חידושים. בין איך אין דעם יאַריד אויך געוואָרן פאַרפּלאָנטערט. האָט מיר דאָ מײַן פאַרסמטער דערמאָנט, באַשײַמפּערלער...

אַ געקוילעטער, אַ פאַרסמטער, אַ צאַפּלדיקער... לוקניק ווייס שוין לענגער ווי רב אביגדור כאַראַקטעריזירט יעדן איינעם פון זײַנע דרײַ זין, און אין זאָל דאָ, הייסט עס, זיצט דער מיטלסטער, דער פאַרסמטער... ער פאַרשטייט אויך, דער אַלטער ראש־הקהל, אַז ניט איצט לאָזט זיך אַרײַנגיין אין אַ וויכּוח מיט זײַן שטאָט־רב און מבטל מאַכן זײַן החלטה. וועט שוין דאָ ווערן אויסגעקאָמבינירט אַז דער מאַנדאַט פון רב זאָל ניט גיין לאיבוד און בײַ די אָפּשטימונגען זאָל חס־ושלום ניט זײַן געמינערט אַ געהויבענע האַנט...

אין דעם גיכן טראָט פון רבֿ אביגדורן צום אַרויסגאַנג, פאַרמעסט זיך גרושקין מיט אַן אָנצי צו אָט דעם קנאי. אַ ווײַז גיט ער אים אויף דעם גראָבן יִשוּבניק און פּראַצענטניק וואָס זײַן זון האָט ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט מיט דעם רבס אַ טאָכטער, און פרעגט תמימותדיק:

— רבֿ אביגדור, איר ווילט גאָר ניט זען דעם הער בריק, אײַער מחותּן?

— געהערט, ער איז דאָ, דער מחותּן... — מורמלט אָפּ רבֿ אביגדור, און ער איז שוין בײַ דער טיר.

דער שידוך צווישן דעם גרויסן למדן און צדיק מיט דעם עם־הארץ און געלטעניק, איז נאָך אַ ברייט גערייד איבער שטעט און שטעטלעך. טראָגן זיך איצט בליקן פאַרשעריש צו לוקניקן; ער קען דאָ געוויס וואָס זאָגן... איז דער פּיקח גאָר מיט אַ מעשהלע:

— געוועזן אַ לייב מיט אַ לייביכע, און דאָס פאַרפאָלק האָט געהאַט אַ טאָכטער. אַ טאָכטער איז דאָך ניט קיין זון, איז מען מיט אַ שידוך געגאַנגען צום בער. אויף דער חתונה האָט דער אַלטער בער, דעם חתנס טאַטע, אויפגעהויבן איבערגליקלעך אַ כּוס צו דעם

טאַטן פון דער כּלה, און פאַר דעם גאַנצן וואַלד חיות פֿײַערלעך אויסגערופן: לחיים, רבֿ לייב! האָט דער לייב געענטפערט: לחיים, רבֿ בער; און אַלע זעען ווי ביידע נעמען זיך אַרום. איז אָבער די יונגע פּאָר אויך געוואָרן באַגליקט מיט אַ טאָכטער, און געמוזט גיין צום וואָלף. איז ווידער אַ שימחה אין וואַלד, און דער אַלטער וואָלף הייבט אויף גדולהדיק אַ כּוס: לחיים, רבֿ בער! קומט אַן ענטפער: לחיים, רבֿ וואָלף. און אויך בײַ דער נײַער פּאָר אַ טאָכטער. איז שוין דער חתן אַ הונט. און אויף דער חתונה שטראַלט אויך זײַן טאַטע מיט אַ כּוס: לחיים, רבֿ וואָלף! ווייס ניט דער אַלטער ווי צו ענטפערן. וואָס, לחיים רבֿ הונט? רבֿ כּלב?.. רופט ער אויס: לחיים, מחותּן!.. אַזוי, אַזוי — פּירט אויס לוקניק — קלינגט טאַקע צו מאָל מיט אַ באַזונדערן באַטײַט דאָס וואָרט מחותּן...

אַז פּאַרטפעל

עלעגאַנט און אײַנדרוקספול איז דער יונגער און שטאַלטיקער מאַן. פון דער בינע נעמט מיטן ערשטן טראַט גיין שטאַלץ און דורכנעמיק זײַן בליק איבער דעם גרויסן עולם. אויפן גרינעם טיש וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט בלומען, לייגט ער רעפּרעזענטאַטיוו אַוועק זײַן פּאָרטפעל, דרײַ פּאַרלאַמענטאַרישע קלעפּ פון אַ הילצערנעם האַמער אין זײַן האַנט, צעהילכן זיך דומפּ פון די צעפּאַרעטע שויבן אין דעם פּראַסטיקן ווינטער 1920, וואָס די שטאָט קאָוונע געדענקט ניט זינט יאָרן אַזאַ קאַלטן יאַנואַר. פײַערלעך און קרעפּטיק קומט זײַן טיפע שטים:

— ווי דער מיניסטער פאַר יִדישע ענינים האָב איך דעם כּבוד צו עפענען די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון די יִדישע קהילות אין ליטע.

אַ באַגײַסטערונג שוועבט אין זאַל. דורכגעדרונגען זײַנען דעלעגאַטן מיט אַ געהויבן געפיל אַז דאָ ווערן זיי שותּפים אין אַ גרויסער היסטאָרישער שליחות. דאָ וועלן געלייגט ווערן די יסודות פאַר דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע וואָס די ליטווישע מדינה גיט די יִדן, און שוין דאָ אַפילו אַ יִד ווי אַ מיניסטער פאַר די יִדישע ענינים. וועט אָט דער אימפּאָזאַנטער מאַן, וואָס טראָגט דעם טיטל דאָקטאָר און באַרופן ווי אַ מלומד, וועט ער געוויס מצליח זײַן אין איבעראָרגאַניזירן און אײַנשטעלן דאָס יִדישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, און קומען וועט אַ פּריִלינג אויף די יִדן פון ליטע, ווי דער מיניסטער דעקלאַרירט כּסדר.

— אַז אָפיציעל איז ער מיניסטער־אָן־פּאָרטפעל פאַר די יִדישע ענינים, האָט ער די צוויי ווערטער, אָן פּאָרטפעל, ניט

אַרויסגעזאָגט... — פאַלט שטיל און ביטרע אַ שושקע צווישן די פרומע דעלעגאַטן. פײַטל, דער יונגער און געביפּטער אָנפירער פון רעליגיעזן בלאָק, ער האָט שוין וואָס צו באַמערקן קעגן מיניסטער, און פעפערט צו — ווי האָנערדיק דער שׂר האָט זיך דאָ באַוויזן פאַרן זאַל, דווקא מיט אַ פאַרטפעל.

שמייכלט אונטער רב רפאל לוקניק, דער אַלטער כלל־טוער פון זאַמעט און פון די חשובסטע דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ. אין זײַנע האָלצגעשעפטן איז ער נאָענט אויפגעטראָגן מיט די ברידער פון מיניסטער. ווייס ער פון זייער פאַרדראָס. פּויערים, טענהן זיי, און געוועזענע אַרבעטער פון זייער טאַרטאַק זײַנען געוואָרן מיניסטאָרן אין דער אויפגעקומענער ליטווישער מדינה. דער גרויסער געלערנטער אָבער, און עבטער אייראָפּעער, ער איז פון דעם גאַנצן מיניסטאָרן־קאַבינעט אָן אַ פאַרטפעל!

ער אַליין, דער מיניסטער, ווי מען דערציילט, נעמט אויף דעם ענין פילאָסאָפיש, וואָס גייט בײַ אים אַרײַן אין דער קאַטעגאָריע פון ייִדישן גורל בכלל צווישן די גוים. מען ווייס אָבער אַז אין אַ הויכער קאָמיסיע האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן און גענומען אָנווײַזן אויף אַ סתירה אין דעם צונויפבונד פון „מיניסטער־אָן־פאַרטפעל" מיט די ווערטער „פאַר די ענינים". אויב ס'זײַנען דאָ ענינים, און אפילו וועלכע דאָקומענטן, האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, דאַרף דאָך זײַן ווו צו האַלטן אָט די ענינים; טאָ ווי שיקט זיך עס אָן אַ פאַרטפעל?.. האָט אים דער פאָרזיצער פון קאָמיסיע, אַ גלח, גענומען נאָכמאַכן מיט אַ דריי פון גראָבן פינגער און מיט חוזק אַ זאָג געטאָן:

— תּלמוד...

מיט נאָך מער באַליידיקונג איז אין קאָמיסיע אַרויס אַ פּויער אַ סאָציאַליסט, און אויך בײַסיק:

— דער פּאָנאָס מיניסטעריס האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַ פאַרטפעל. טאָ זאָל ער זיך קויפן: אים אַליין און דעם ייִדישן קהל פעלט געלט?..

האָט אויף דער קאָנפערענץ גוט אין זינען געהאַט דער מיניסטער, שוין צו מאַכן אַ שטיקל חשבון מיט די ליטווינער. אַ קער געטאָן האָט ער אין זײַן פײַערלעכער רעדע די בליקן צו דעם פּרעמיער און צו די אַנדערע מיניסטאָרן און נאָך ליטווישע געסט, און גענומען ריידן וועגן דער אַלטער, רײַכער און קאָלירפולער קולטור פון יידישן פאָלק. און באַלד געקומען צו ליטע. דערמאָנט ער, אַז נאָך אין די צײַטן פון געצנדינסט אויף דער ערד, איז דאָס גײַסטיקע שאַפן פון די יידן דאָ געשטאַנען אויף אַ גאָר הויכער מדרגה, און ניט אומזיסט איז געקרוינט מיטן נאָמען ירושלים־דליטא — ווילנע.

און הערט אַ ליטווינער ווילנע, ווערט ער באַנומען מיט צער. די היסטאָרישע הויפּטשטאָט פון דער מדינה איז פאַרנומען פון פרעמדע כּוחות, און דאָס פאָלק קען זיך ניט באַרויִקן. לאָזט שוין ניט אַדורך דער רעדנער דעם שלאָגיקן מאָטיוו זײַנעם אין די וויכּוחים בכלל מיט די ליטווינער:

— אין דעם פלאַמיקן שטרעבן פון אונדזער ליטע צו באַקומען ווילנע, מוז געטאָן ווערן אויף צו געווינען וואָס מער סימפּאַטיע בײַ דער דאָרטיקער באַפעלקערונג, און וויכטיק איז וואָס די יידן פאַרנעמען אין דער שטאָט אַ גאָר חשובן אָרט...

די אויגן בליצן און רעפלעקטירן פון דער התפעלות איבער פנימער און פנימער אין זאַל. פאַרמעסט ער זיך שוין, דער מיניסטער, נאָך מיט מער שוווּנג — אויף דער יידישער וועלט. אַ חשבון אַ גאָר באַזונדערן האָט ער מיט יידישע מנהיגים פון אַ סך לענדער. ניט אַרײַנצוטענהן אין זיי וועגן דער קאָלאָסאַלער ראָלע וואָס דאָס ליטווישע יידנטום נעמט שפּילן אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע. שווער זיי, די געהויבענע לײַט, תּופס צו זײַן דעם טיפן איבערבוי וואָס ווערט געמאַכט אין דער סטרוקטור פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אַזאַ אויפטו, אַזאַ חידוש וועט דאָך זיכער ווערן דער באַדײַטיקער מוסטער און אידעאַל פאַר די יידישע קהילות איבער דער גאַנצער וועלט!.. ווערן אָבער די געדאַנקען

אויפגענומען קריטיש דורך די גדולים און תּקיפים, און איינער פון זיי האָט צו אים, דעם מיניסטער, אפילו גערעדט מיט אַ טאָן ווי צו אַ מלך־אביון:

— דאָס ליטווישע ייִדנטום... אַז אין דער ליטע וואָס מען רופט הײַנט, איז בסך־הכּול די צאָל ייִדן ניט מער ווי אין דרײַ וואַרשעווער גאַסן...

אין דעם עפענען די קאָנפערענץ האָט עס דער מיניסטער באַזונדער אין זינען די אַלע וואָס זײַנען ניט מסוגל צו דערהייבן זיך אויף באַנעמען אַ גרויסן היסטאָרישן מאָמענט. פֿײַערלעך גייט זײַן דערקלערונג, אַז אין דעם זאָל קומט פֿאַר אַן אויסערגעוויינלעך געשעעניש. אין די גרויסע טעג וועלן עס געלייגט ווערן די יסודות פֿאַר אַ מאָדערנער אָרגאַניזאַציע פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, פֿאַר אַן אידעאַלער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. דאָס ייִדישע מיניסטעריום צוזאַמען מיט אַן אויסגעוויילטן נאַציאָנאַל־ראָט וועלן אַרויסגעבן הלכות, גרונטגעזעצן פֿאַר אַ לעבעדיק־פֿאַרצווײַגטער אויטאָנאָמיע, וואָס וועט האַלטן און האַלטן!.. און מיט אַ נביאות גיט זיך אַ טראָג פון דער בינע צו די ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט:

— די מעשׂה־בראשית וואָס מיר פורעמען דאָ, וועט גאָר אין גיכן זײַן דער אינספּיראַטאָר אין איבערגעשטאַלטיקן די קהילות אין לענדער און לענדער. אַ קאָנגרעס האָבן מיר דאָ, און מיר ווערן פֿאַר דער ייִדישער וועלט דער וועגווײַזער, אַן עמוד־אש!

— און דער רעדנער אַליין, ער וועט עס זײַן דער מנהיג הגדול פון ייִדישן פֿאָלק... — צעשאָקלט זיך מיט אַ שמייכלדיקן אַרויסדרינג אַ שניי־ווײַסער קאָפּ צו אַ צווייטן גרויען קאָפּ.

אין דער ערשטער ריי פון די ציוניסטישע דעלעגאַטן זיצן די ביידע זקנים וואָס קוקן קרומלעך אויף די אַרויסשפּרינגער פון נײַעם דור. דער עלטערער, רפאל גרושקין, פון די אַמאָליקע התלהבותדיקע חובבי־ציון, אַ מחבר און בעל־מאמרים נאָך אין די אַלטע לשון־קודשדיקע צײַטונגען. במשך פון יאָרן האָט ער זיך שוין געהאַט

איבערגעשריבן מיט שמשון ראָזענבוימען, דעם באַרימטן אַדוואָקאַט, ציוניסטישן מנהיג און לעצטנס וויצע-אויסערן-מיניסטער פון ליטע. אין זייער באַגעגעניש היינט פּרי האָט גרושקין שוין באַוויזן צו דערוויסן זיך פּרטים וואָס זיינען אים נייטיק אין אַ ליטעראַרישער אַרבעט וועגן אַ גזירה אַרויסצוטרייבן יידן פון דערפער אַרום ווילקאָמיר, די שטאָט זיינע, גרושקינס. די גזירה האָט ראָזענבוים מצליח געווען אָפּצושרייען אין פּעטערבורג, בעת ער איז דאָרטן געזעסן ווי אַ דעפּוטאַט פון דער רוסישער דומע. אין דער באַגעגעניש איז דער אַלטער משכּיל אויך געוואָרן פרייליך געריירט. אַ זאָג געטאָן האָט אים אָט דער אָדם גדול, אַז ער געדענקט נאָך מאמרים זיינע, גרושקינס, וואָס מיט יאָרן צוריק געווען געדרוקט אין המגיד און המליץ. דערמאָנט האָט ער אַ בייסיקן מאמר קעגן די פינצטערע קנאים פון ווילקאָמיר, וואָס האָבן חושד געווען אין אַפּיקורסות דעם יונגן משכּיל משה-לייב ליליענבלום און אים ווילד רודף געווען. און ער געדענקט דעם שאַרפן וויכּוח וואָס ער, גרושקין, האָט געפירט אין די צייטונגען קעגן די רבנים וואָס פּסלען די ארץ-ישׂראלדיקע אתרוגים, און גראָבן דערמיט אונטער די פּרנסה פון דאָרטיקן יישוב.

ווייזט ער דאָ גרושקין, ביי דעם מיניסטערס רעדע, אַז אויך היינט לעבט נאָך אין אים דער גייסט פון פּאָלעמיק, און ער טויג זיך אויס אפילו אין אַרויסגראַבלען ידיעות. ברייטלעך גלעט ער זיך איבער דער הדרתדיקער ווייסער באָרד און פינטלט צו מיט אַ קריטישן אויפכאַפּ און אַרויסהער:

— אַ קאָנגרעס איז גאָר דאָ, האָבן מיר געהערט... אונדזער מיניסטער וויל ניט אַנדערש ווי אָנטאָן דעם צוזאַמענפּאָר אַ זיידן העמדל פון אַ קאָנגרעס. גייט אים אָבער ניט, און פון איין חלום, ווייס מען, האָט זיך ניט אויסגעלאָזט אפילו אַ חלום...

דערציילט גרושקין פון דעם מיניסטערס אַן אויפשפּרונג ביים דערזען וואָס אין אַ צייטונג. געלייענט האָט ער מיט אַ חדשים צוויי צוריק אַ רעצענזיע וועגן אַ פּיעסע אין דייטש, „יאַקאָבס

טראָום", וואָס באַלייַכט דעם היסטאָרישן וועג און גורל פון ייִדישן פאָלק. דאָס ווערק ווערט זייער געלויבט, און דער קריטיקער דריקט נאָך אויס זייַן מיינונג, אַז עס זאָל ווען זיך צונויפקומען אַ וועלטקאָנגרעס פון דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק, וואָלט אַזאַ אויסטערליש געשעעניש זיך געפּאַסט צו ווערן באַצירט מיט אַ פּרעזענטאַציע פון אָט דער ווונדערלעכער אידעאָלאָגישער דראַמע... האָט דער מיניסטער נאָך אין זעלבן טאָג טעלעגראַפיש אַרויסגעפאָדערט דאָס בוך פון דעם פאַרלאַג אין ווין, און באַאמטע פון זייַן מיניסטעריום זייַנען פאַראָרדנט געוואָרן דרינגלעך צו טאָן וועגן איבערזעצן די דראַמע אין עברית און אויך אויפצוזוכן אַרטיסטן. אַזאַ פאָרשטעלונג פון „חלום יעקב" אין דעם אייביקן לשון פון דעם אייביקן פאָלק, האָט ער דערקלערט, וועט בפועל צוגעבן אַן אַלעגאָרישן און מיסטעריעזן קאָלאָריט דעם היסטאָרישן צונויפקום פון די קהילות אין ליטע. איז אָבער די צייַט געלאָפן אומברחמנותדיק, און מיט דעם מיניסטערס נאָך אַנדערע גראַנדיעזע פּלענער און אונטער־נעמונגען, ווייס אויך גרושקין, איז אויסגערונען אויך דער „חלום"...

וואָרט דאָ ניט ראָזענבוים אויף דער שאלה וואָס קנייטשלט זיך איבער דעם אַלטן פּנים און גליטשט זיך צו אים מיט נייַגער. פון דער געבויגענער פּלייצע גיט זיך אַ הייב דער גרויסער קאָפּ, און אַ קלוגער קוק פינקלט אַדורך די דיקע ברילן איבער דעם עולם מענטשן אין זאַל; איינע אין דער צווייטער שלייַפן זיך די דינע ליפּן, און דאָס וואָרט בינדיק און געפליגלט:

— דער מיניסטער, ער האָט צוויי מעלות און צוויי חסרונות: ער איז יונג און ענערגיש; ער איז יונג און ענערגיש.

— אין פּינטל !.. — באַוווּנדערט גרושקין דעם טרעפלעכן זאָג — פּריש און קוועליק, הייסט עס, איז דער מוח, און קרעפטיק אין דורכפירן; אָבער אָן גענוג פּראַקטיק אין לעבן, און וואַרפט זיך אימפּעטיק צו קאַפּריזנע פּלענער...

דעם סודען זיך צווישן די צוויי האַקט אָפּ אַ פייַערלעך צעהילך

איבערן זאַל. די גרויסע רעדע איז געקומען צו אַן אָפּשלוס, געהויבן:

— ישראל סבא, אַלט איז אונדזער אומה, אָבער מיט יוגנטקראַפט צו באַנײַונג. אײביק איז פֿאַר אונדז דער נביאישער זאָג: תּתחדש כּנשר נעוריכי, ווי בײַ דעם אָדלער באַנײַט זיך דײַן יוגנט... געעפֿנט איז דער קאָנגרעס פֿון דער ייִדישער אומה!

— און די אומה אויך אָן אַ פּאַרטפֿעל... — זיפֿצט אָפּ ראָזענבוים.

— דערװײַל, און נאָר דאָ אין גלות — פּאַטשט אים אין קני די טרייסלדיקע האַנט פֿון גרושקין — באַלד־באַלד האָבן מיר אונדזער ארץ־ישראל!

אונדזער רעגירונג

שוין ווײַלטן טאָג גייען אויף דער קאָנפערענץ רעפעראַטן און ציִען זיך וויכּוחים. הײַנט ווערן געזוכט די פּאָסיקע וועגן אויפצוריכטן דעם מאַטעריעלן מצב פון די ייִדן אין לאַנד. געליטן האָבן די ליטווישע ייִדן גאָר אַ סך אין דער וועלט־מילחמה וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1914 און זיך געצויגן איבער פיר יאָר. דורך די שלאַכטן זײַנען געוואָרן אָפּגעברענט שטעטלעך און גרויסע טיילן שטעט. גאָר באַזונדער איז אין דעם ערשטן יאָר פון דער מילחמה געקומען דער שרעקלעכער גירוש. דורך אַ גזירה פון די רוסישע הערשער אויף די ייִדן פון אַ גרויסן שטח ליטע, זײַנען טויזנטער־טויזנטער ייִדן אומגעריכט און מיט אכזריותדיקן געאײַל געוואָרן ווילד אַרויסגעריסן פון זייערע ערטער, און די געבליבענע פאַרמעגנס אויסגערויבט... נאָך אַ ביטערן פאַרוואָגל קערן זיך הײַנט־פּלעכווײַז די פאַרטריבענע צו זייערע געוועזענע היימען, און געפינען חורבות.

ענינים פאַרשיידענע לויט די פונקטן פון סדר־היום, האָט שוין די קאָנפערענץ באַהאַנדלט. הײַנט ציט דער עקאָנאָמישער פונקט ווידער דעלעגאַטן צו דעם רעדע־שטענדער, און די מיינונגען ווערן אויך אַרויסגעזאָגט מיט היץ און פלאַם. געהאַלטן האָט דער ערשטער רעדנער, אַז הילף דאַרף ווערן געגעבן דער עיקר אויף ווינהײַזער, און ער פאַררופט זיך אויף זײַן פאַרטיי־פּראָגראַם. זײַנען אַרויס אַנדערע רעדנער, און יעדערער האָט אויך מיט זײַנע טעאָריעס גענומען אויפווײַזן אויף וואָס מוז גאָר צו ערשט געגעבן ווערן די הילף. אַרויסגעבראַכט זײַנען געוואָרן קינדערשולן, שפּיטאָלן און נאָך און נאָך מוסדות. אַ פּסק־דין האָט מיט אַ גוואַלדגעשריי

געלאָזט הערן אַ רב, אַז בײַ דעם אָפּבויען געהערט די בכורה פֿאַר בתּי־מדרשים און תּלמוד־תּורות, און אויך מיקוואות.

רפֿאל לוקניק זיצט צווישן די דעלעגאַטן, הערט די רעדעס און באַטראַכט די רעדנער וואָס כּמעט אַלע זענען זיי אים אויס ווי פֿון ייִנגערן דור. דעם אַלטן און לאַנגיאָריקן עסקן פֿון ברייטן פֿאַרנעם קומען דאָ אויף שטאַרקע ספֿיקות. גאָר ניט זיכער איז ער, אויב אָט די שיינריידער האָבן באמת אַ פּראַקטיק אין כּלל־ענינים און הייבן טאַקע אַרויס ממשותדיק דעם מצב אין זייערע קהילות... די מיושבדיקייט נעמט בײַ אים איבּנגיין מיט דעם באַהאַנדלען די ווירטשאַפֿטס־פּראָגעס. ווידער רעדנער, און יעדערער ווידער מיט זײַן פּראָגראַם און טעזיסן, און אַלע כּמעט קעגן די מיסחר־פּרנסות פֿון די ייִדן. מיט אַ משל פֿון אַ גרויסן גענעראַל וואָס גייט אין זײַן מאַרש איבער טויטע, לאַכט אויס אַן עלטערער אַדוואָקאַט די רייד פֿון געבן הילף אויף פֿאַרשיידענע בנינים און בפּרט אויף אָפּגעלעבטע מוסדות. שאַרף זײַן חיתוך־הדיבור און געשליפֿן יעדעס וואָרט. שפּיציק אויסגעשטעלט צום עולם די קעציש־פֿינקלדיקע אויגן אין באַגלייט פֿון געדיכטע ברעמען מיט שטעכיקע הערעלעך פֿון אונטערגעשאָרענע גרוילעכע וואָנסעס. ווי צו געשוואָרענע ריכטער אַפּעלירט ער צו דער קאָנפֿערענץ, צו באַשליסן און שטעלן זיך אין פּראָגט פֿאַר אַ געזונטער איבערקלאַסיפֿיקאַציע פֿון די ייִדן אין ליטע; אַריבערגיין זאָלן זיי און זיך נעמען צו מער־פּראָדוקטיווע פּרנסות!

לאַנדווירטשאַפֿט נעמט באַהערשן די בינע. ווידער רעדנער מיט זייערע פּרינציפּן, און יעדערער באַמיט זיך צו דערווײַזן דעם ריכטיקן וועג פֿאַר די ייִדן אין לאַנדווירטשאַפֿט. איינער באַשטייט אַז ייִדן זאָלן זיך מער אָפּגעבן מיט גערטנערײַ און האָדעווען בעיקר אוגערקעס. קעגן אַן אויסברייטערן פֿון אַן אַלטער ייִדישער פּרנסה, קומט אַ פֿאָרלייג אַז ייִדן זאָלן אַליין אויך האָדעווען תּבֿואות און באַזונדער פֿלאַקס, און ניט נאָר האַלטן זיך בײַם האַנדל מיט די פּראָדוקטן. גאָר ברייט פֿאַרנעמט זיך אַ יונגערמאַן וואָס לייגט

אַוועק פֿאַר זיך אויפֿן פּולט בײַכיקע ביכער, און בײַ יעדע עטלעכע ווערטער אַ מיש־אויף אַ בלאַט. טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס, און וואָס גרעסערע, אויף אָט דעם צווײַג אין דער אַגריקולטור, דערקלערט ער מעשה מלומד, דאַרף זיך אָריענטירן די ייִדישע באַשעפֿטיקונג. אַחוץ פּרנסה בשפע, פֿאַרזיכערט ער, וועט דער נײַער אויפֿטו אין דער ליטווישער לאַנדווירטשאַפֿט זײַן אַ וויכטיקער בײַשפּיל פֿאַר די ייִדן אין נאָך און נאָך לענדער.

— און ערד? — וואַרפֿט צו לוקניק פֿון זײַן אָרט מיט ביטול — טאַבאַק, פֿלאַקס, און די נאָך קלוגע פּראָיעקטן... אָט די פּראָדוקציעס וואַקסן אָבער ניט פֿון די ביכער, בראָשורן און פּאַרטיי־פּלאַטפֿאָרמעס; האָבן מיר שוין די גרויסע שטחים באָדן?

ענטפֿערט אים באַלד די בינע מיט רעדעס וועגן אַגראַר־רעפֿאָרעם. די גרויסע פּאָסעסיעס מוזן ווערן צוגענומען פֿון די פּריצים, אַזוי דיקטירט קאַטעגאָריש די צײַט, פֿאַרזיכערן די רעדנער. און בײַם פֿאַרצעלירן דעם באָדן, טאָרן די ייִדן ניט ווערן פֿאַרזען!

פֿון זײַן שטול הייבט זיך אויף לוקניק, און מיט טריט פֿאָרויס אין זאַל. די רייד וואָס ברויזן אין אים, טראָגט ער ניט צו דער בינע. שוין אַזוי זײַן דרך, ניט צו שטעלן זיך פֿאַרהערן מיט די וואָס קומען אים אויס ווי לעבערלעכע בעל־דרשערס און פּוסטע צעלייגער. בײַ דער פֿאָדערשטער ריי איז ער. זײַן האַנט אויף דער פּלייצע פֿון שמשון ראָזענבוים און ער גיט אַ זאָג:

— עס גיסן זיך רעדעס אויף רעדעס; וואַסער אַזוי פֿיל דורכצולאָזן, דאַרף מען דאָך האָבן די שטאַרקסטע נירן...

ביידע לאָזן זיי זיך געאָרעמט און קומען אַרײַן אין אַ ליידיק צימערל. אַ צוזאַמענאַרבעט אין כּלל־ענינים האָט זיי דורך יאָרן נאָענט באַפֿרײַנדט, ניט געקוקט אויף יעדערנס באַזונדערע אידעאָלאָגיעס. פֿאַרטרוילעך און אָפֿנהאַרציק רעדט לוקניק:

— ביידע זײַנען מיר פֿון די ערשטע ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכע טוער וואָס האָבן זיך געשטעלט צו הילף די ליטווינער אין אויפֿקום פֿון דער ליטווישער מדינה. מײַן מי אין באַוווירקן אונדזערע ייִדן

צו גיין מיט די ליטווינער, איז אָבער ניט צו פאַרגלײַכן מיט אײַער טעטיקייט. געוואָרן זײַט איר אַ וויצעמיניסטער פאַר אויסלאַנד־ענינים און זיך געלאָזן איבער מערב־אייראָפּע. געקלאַפּט האָט איר אין די הויכע פענצטער פון די גרויסמעכטיקע מדינות, און אויך פון יידן מיט גרויסער השפעה. מיט קלוגשאַפט און באַהאַוונטקייט האָט איר חריפותדיק באַשטרײַט די שליחים פון די אַנדערע פעלקער, וואָס זײַנען געקומען מיט טענות אויף צו באַהערשן די געגנט. מצליח געווען האָט איר אין דעם אַנערקענען די נײַע ליטווישע מדינה, און אויך אויף צו געבן פּאָליטישע און מאַטעריעלע הילף...

— געקאָנט האָט אויך די געגנט אַרונטערפאַלן אונטער פּוילן — איז ראָזנבוים געאײַלט מיט אַ דערקלער — ווייסן מיר ניט ווי דער פּוילישער פּריץ קוקט אויף דעם יידן? און בכלל, אונדז ליגן גוט אין די ביינער, וואָס פּאָליאַקן האָבן אָנגעטאָן אונדזער פאָלק. אויך מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן פירער זייערע ברייט אויסגערופן אַ באָיקאָט אויף די יידן. און אָט לעצטנס, ווי נאָר ווידער אויפגעשטאַנען די פּוילישע מלוכה, איז די זעלבשטענדיקייט געוואָרן באַנײַט מיט אַ פּאָגראָם אויף די יידן אין לוואָוו, און געציילטע חדשים אַרום, אַ פּאָגראָם אין פּינסק. די ליטווינער אָבער, אַ פּויעריש פאָלק, און די אינטעליגענציע אַ גאַנץ שיטערע. זיי האָבן נייטיק דעם יידן אין האַנדל און בכלל אין דער ברייטערער ווירטשאַפט, און אפילו אין מלוכה־פּיר. גיבן זיי אונדז אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און נאָך און נאָך הבטחות.

— דאָס פּויערישע פאָלק... — שאָקלט אונטער פאַרטראַכט דער גרויער קאָפּ לוקניקס — די אַ מיינונג נעמט זיך אָבער בײַ מיר וואָס פון טאָג דריבלען... איך רייד און לייען ליטוויש און בין נאָענט אויפגעטראָגן מיט אַ סך און פאַרשיידענע ליטווינער. ווייניק־ווייניק דאָ צווישן די דעלעגאַטן וואָס זײַנען אויסגעבונדן מיט דעם פאָלק. קומט מיר לעצטנס אויס, אַז דער פּויער נעמט גאָר שנעל אַרויסוואַקסן פון זײַן אַלטן לעבנס־שטייגער. דער פּרימיטיווער באַנעם פון די ליטווינער בכלל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם

דאָרפיש ווערטל: קורטי נאַמאַי בע גאַידזשיאַ, אַקלי בע שונס; טויב איז די שטוב אָן אַ האָן, בלינד אָן אַ הונט... וואָס דער ליטווינער זעצט זיך פעסטער אין מדינה־זאַטל, איז ער שוין ניט וואָס געווען. דאָס געלט פון די ייִדן איז דאָך פון האַנדל, הער איך לעצטנס ווי פויערים ריידן און מאַכן דעם אויספיר, אַז די מדינה זייערע דאַרף העלפן די ליטווינער צו עפענען קראָמען, און אַריבערגיין זאָל די רײַכקייט צום אייגענעם פאָלק!..

— איינצײַטיק מיט דעם פאַרמעסט אויף קרעמערײַ — פּרוּווט ראָזענבוים אויך מאַכן אַן אויספיר — קומט דאָך אויף בײַ אונדז ייִדן אַ דראַנג צו ערדאַרבעט, צו לאַנדווירטשאַפט.

—זײַנען מיר אָט געקומען צו דעם ענין וואָס בעט זיך עס אַדורכריידן; ערד, טאַקע ערד — איז שוין לוקניק בײַם עיקר — די גויים ווייסן שוין פון דעם אַפּעטיט בײַ אונדז צו באַקומען באָדן. האָט די טעג אַ גלח, אַ באַקאַנטער ליטווישער פּירער, זיך גענומען פאַר מיר וווּנדערן אויף די ייִדן. ווייניק פאַר אײַך, האָט ער געזאָגט, וואָס די גרויסע און רײַכע הײַזער אין די שטעט און שטעטלעך זײַנען אײַערע; אין אײַערע הענט ליגט דער האַנדל און אַלערליי אונטערנעמונגען, און כמעט אַלע פּראָפעסיעס. קען ער ניט פאַרשטיין וואָס די ייִדן האָבן גענומען ריידן וועגן ערד; פאַרשמעקט האָט זיי... אָרעמע און ערדלאָזע ליטווינער, האָט ער זיך צעשריִען, דערפער אויף דערפער וואַרטן שוין דורות, קוקן אויס אויף דעם טאָג וואָס מען וועט צונעמען באָדן פון די פּריצים, און דער פויער וועט קומען צו אַ שטיקל ווירטשאַפט; ווילן שוין די ייִדן ווערן אויך שותּפים בײַ דער ערד־פּאַרצעלאַציע!.. וואָלטן אונדזערע רעדנער געקענט ליטוויש און געלייענט אויך וואָס עס ווערט אין דער שפּראַך געשריבן; רייד אָן אַ שיעור וועגן אַן עשירות בײַ די ייִדן, און פלענער ווי אַרויסצובײַסן זיי פון די פּרנסות!..

לוקניק שלײַפט זײַן קוק אין דעם טראַכטעוודיק פּנים וואָס קעגן אים. ניט אָבער אויפצוכאַפּן אַוועלכן צוג. קאַלט איז ראָזענבוים אויך אין זײַן ענטפער:

— הער לוקניק, ליטוויש קענען נאָך דערווײַל ניט אונדזער אינטעליגענציע וואָס איז געווען וויַיט פון דאַרף און די אַלגעמיינע בילדונג איז געווען אויף רוסיש. אַוודאי איז וויכטיק וואָס איר זייט נאָענט אויפגעטראָגן מיט די ליטווינער און קען דאָס אויפגעקומענע לשון־המדינה. אָבער מיט דער אינפאָרמאַציע וואָס גויים ריידן און שרײַבן וועגן ייִדן, זײַט איר גאָר קנאַפּ מחדש. שוין טויזנטער יאָרן ווי עס גייט אויף אונדז אַ הבה־ונתחכמה. אַמאָל קליגט מען זיך ווי צו פאַרמינערן דאָס פאָלק און אים אָפּשוואַכן, און אַמאָל צו פּאַרטיליקן אין גאַנצן; און אַמאָל גייען גאָר עצות ווי אַרויסצושטויסן דעם ייִדן פון יעדער פּרנסה. שוין אַזוי אין גלות דער ייִדישער גורל אָדער מזל. און מיר מוזן אויך שטענדיק זיך קליגן און ראַנגלען ווי מעגלעך, און טאָן פאַר אונדזער קיום... דאָ אין ליטע נעמען מיר מיט איין האַנט אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און מיט דער צווייטער דאַרפן מיר זען אײַנצוהאַלטן דעם פּויערל אין זײַן גײַציקן גאַלאָפּ אויף אונדזערע פּרנסות.

—די פלאַפּלערײַ אָבער דאָ בײַ אונדז, צו וואָס? — איז לוקניק ניט באַרויִקט — אָט שרײַבט אַ ליטווישע צײַטונג וועגן דער קאָנפערענץ, אַז פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע ווילן די ייִדן זיך מאַכן אַ מדינה אין אַ מדינה; און ייִדן אַזוי פיל קאָמוניסטן!.. די רעדעס, די רעדעס! און אונדזער מיניסטער, וואָס פירט די קאָנפערענץ, ער שוועבט דאָך אין זײַן ריידן אַזש אין די הימלען...

— סאָלאָווייטשיק... — געשײַט קוועטשט זיך צווישן די ליפּן ראָזענבוימס צונג — בײַ זײַנע הילכות־אויטאָנאָמיע האָט ער זיך שוין משמעות אַ גאַנצע מסיכתּא מיט תּוספות און מהרש״א. זײַן גראָבער פינגער אַרבעט... און די רעדנער בכלל, ווי אַזוי זאָלן זיך, און בפרט די יונגע, אָפּהאַלטן פון וואַרפן הויכע און קלינגעוודיקע פראַזעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט אָננאַשן אין דער רוסישער רעוואָלוציע?.. געקאָנט האָבן מיר דאָ ווערן באַגליקט מיט נאָך מער עקסטרעמיסטישע דברנים, ווי דעלעגאַטן פון „בונד״ און

אַנדערע גאָר־לינקע. איז אָבער בײַ זייערע פּאַרטייען טרייף הײַנט יעדער צונויפקום וואָס קען שמעקן מיט כּלל־ישראל...

אַ יונגע קרעפּטיקע שטים וואָס הילכט האַרציק איבערן זאַל מאַכט אויפשפּיצן די אויערן פון די צוויי עלטערע דעלעגאַטן, און אין אַרײַנגיין בלײַבן זיי שטיין. הערן זיי צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם וועגן אַ גוואַלדיקער עוולה. ווי נאָר די אײַזנבאַן איז אַריבער צו די ליטווינער, זײַנען געוואָרן אָפּגעזאָגט די אַלע ייִדן וואָס האָבן דורך די מילחמה־יאָרן געאַרבעט בײַ דער באַן, און געוואָרן קוואַליפיצירט, און זיך אויסגעצייכנט. פאָדערט דער דעלעגאַט.

— אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ זאָל אַרויסגיין אַ ווענדונג צו דער ליטווישער רעגירונג...

— צו אונדזער רעגירונג — האַקט איבער מיט אַ פאַרבעסערונג דער פאָרזיצער, וואָס איז אין דער מדינה אַ מיניסטער, און באַמערקט דעם רעדנער — די רעגירונג איז אויך אונדזערע.

— בכן, אַרויסגיין זאָל אַ ווענדונג צו אונדזער רעגירונג — איז דער רעדנער ווי געהאַרכזאַם — און פאָדערן אַז די רעגירונג אונדזערע זאָל צוריקנעמען צו דער אַרבעט אונדז...

אַ פֿינטלדיקער איבערקוק לויפט צווישן די צוויי בײַ דער טיר, און לאָבן צוזאַמען מיט דער גאַנצער קאָנפערענץ, און פּאַטשן אויך מיט די הענט.

מומיעס און מאַלפּעס

אַ פּונקט אַ גאָר קריטישער קומט אָן אויף דער קאָנפערענץ. אויפן סדר־היום — די קהילות. די אַ מוסדות וואָס האָבן הונדערטער יאָרן אָנגעפירט מיטן יידישן לעבן, זיינען געוואָרן פון דאָס ניי געקליבן לויט די נייסטע דעמאָקראַטישע כללים. וועט שוין איצט די קהילה זיין אויך אָפיציעל די אָרטיקע פאָרשטייערשאַפט פון די יידן און ווערן אַ גרונטטייל פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע אין ליטע. נעמט זיך עס די קאָנפערענץ צום געבן אַ מהות די נייע קהילות, באַשטימען ווי זיי זאָלן זיך רעפאָרמירן און געשטאַלטיקן. גאָר שאַרף גייט וועגן נאָמען, ווי זאָל דער מוסד הייסן — נאַציאָנאַלע קהילה, אָדער רעליגיעז־נאַציאָנאַלע קהילה. פּלאָמיק זיינען די דעלעגאַטן אין דער פראַגע געשפּאָלטן. פראָנטן איינע קעגן די אַנדערע. און די הויפּטרעדנער — סאַמע גדולים. פאַרהאַוועט דרייען זיך אַרום סעקרעטאַרן און נאָך אָנטרייבער. יעדער פון זיי האַלט פּיבערדיק אויפן אויג זיינע דעלעגאַטן. ניט פאַרלאָזן זאָל מען דעם זאַל! און באַזונדער־באַזונדער, אויפ־מערקזאַם ביים שטימען, הייבן געניי צום מאָמענט די האַנט!!

געעפנט ווערט די זיצונג אויך מיט אַ באַזונדער וואָרט. מיט אַ טאָן פון אַ הויך־געלערנטן האַלט דער פאָרזיצער פאַר וויכטיק צו וואָרענען:

— אַ וועלט קוקט מיט גוואַלדיקן אינטערעס אויף דער קאָנפערענץ. און אָט נעמען מיר זיך צום באַהאַנדלען אַ קאָמפּליצירטן און גאָר־דעליקאַטן ענין. מוזן מיר בפרט־ובפרט זען אויסצומיידן אַוועלכע סיטואַציע. אָדער אפילו אָן אויסדרוק, וואָס קען דערמאָנען אַ טעאָלאָגישן דיספּוט און וואַרפן אַ שאָטן פון מיטלאַלטער...

ווי נאָר עס ווערט אויסגערופֿן דער נאָמען פֿון ערשטן רעדנער, פֿילט זיך אין זאַל אַן אויפֿריר. צום פּולט גייט שמשון ראָזענבוים. אַן אַדוואָקאַט איז ער און ציוניסטישער פֿירער וואָס האָט אַנטייל גענומען שוין אין דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל און איז מיטגליד פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס-קאָמיטעט. אין זײַנע רעדעס נעמט ער די צוהערער בעיקר מיט מעשׂהלעך, און אַן אַרויסגעזאָגטער געדאַנק איז בײַ אים באַווירצט מיט אַ קלוגן ווערטל, וואָס ווערט אויך ברייט צעטראָגן. אַחוץ אין די מישפּטים וואָס ער האָט געפֿירט ווי אַן אַדוואָקאַט, האָט ער מיט דעם דרך זײַנעם באַזונדערע הצלחה אין דער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט. מען געדענקט אים אויך ווי אַ דעפּוטאַט אין דער רוסישער דומע. אין די יאָרן פֿון דער וועלט-מילחמה איז ער אין ווילנע געווען אַ פֿאָרשטייער פֿון די יידן בײַ דער דײַטשער אָקופּאַציע-פֿאַרוואַלטונג. דעמאָלט האָבן זיך עס מיט אים פֿאַרבונדן די ליטווינער און פּלעגן מיט התפּעלות אויפֿנעמען זײַנע עצות אין זייער אָנשטרענג אויפֿצובויען די ליטווישע מדינה און שפּעטער אויך אין דעם זוכן אָנערקענונג מצד וועלט-מדינות. מיט אים איז עס געקומען צו דעם הסכּם וועגן געבן די יידן אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און ער אַליין, ראָזענבוים, איז געוואָרן אַ מיטגליד פֿון ליטווישן מדינה-ראָט, די טאַריבאַ, און אויך אַ וויצעמיניסטער פֿאַר אויסערן-ענינים.

שטאַרק באַפֿליגלט איז געוואָרן אַ ווערטל וואָס ראָזענבוים זאָל האָבן געזאָגט בײַ זײַן פֿירן די ליטוויש-רוסיש שלום-אונטערהאַנדלונגען. געפֿאָדערט האָט ער טעריטאָריע פֿאַר ליטע כּמעט ביז מינסק. איז דעם סאָוועטישן פֿאָרשטייער, אַדאָלף יאָפֿע, געוועזן אינטערעסאַנט צו הערן, לויט וועלכן מאָדוס זאָל עס ווערן פֿעסטגעשטעלט די גרענעץ-ליניע פֿון ליטע. האָט אים ראָזענבוים דערקלערט, ווי אַ ייד צו אַ יידן:

— סאָבעס, ווו עס ווערט אַרויסגערעדט, איז ליטע; און שבת, ווו מען הערט, איז שוין ניט ליטע. פּשוט...

אין זאַל דאָ אין קאָוונע, באַלד ווי ראָזענבוים נעמטריידן צו דער קאָנפערענץ, קאָן שוין ניט זיצן אויף זײַן אָרט פײַטל. ער, דער אָרגאַניזאַטאָר און רודערער פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלן בלאָק, ער האָט דאָ פאָרמעל אויך אַ התחייבות אויפצופאַסן אויף אַ קאָרעקטער האַלטונג מצד זײַנע דעלעגאַטן. האָט ער אָט שוין אויפגעכאַפּט אַ געברויז צווישן זײַנע רייען. די יונגערע הייבן אָן מיט האָפּקעס, צו קלאַפּן מיט די פיס, ווי אין די ישיבות בײַ אַ בונט... גייט אָבער ניט גלאַט מיטן אײַנשטילן.

— אים לאָזן דרשענען?! — לאָכן די שטרײַטער פײַטלען אין פּנים אַרײַן און שטעכן צו — גאָר פאַרגעסן וואָס חז״ל זאָגן וועגן אַ שנה־ופירש...

חשבונות אַ סך האָבן די תורה־ייִדן מיט דעם עלטערן מאַן פון נידעריקן וווּקס, קורצזיכטיק און פּלייצע געבויגן. ער, דער באַרימטער שמשון ראָזענבוים, וואָס איז פאַרגעזען צו שטיין בראש פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, און צו זײַן אויך קומענ־דיקער מיניסטער פאַר ייִדישע ענינים — ער איז אָבער מיט אַ גאַר־טרייפן פּגם! פון אַ בן־תורה איז ער געוואָרן אַ כּופר. יאָרן האָט ער געלערנט אין ישיבות, און אין סלאָנים אפילו געוואָרן אַ מקורב בײַ דעם גרויסן גאון רב אײַזל חריף, וואָס איז געווען מפורסם אויך מיט זײַנע שאַרפע ווערטלעך. האָט אָבער דעם יונגן ווײַללערנער פאַרכאַפּט די השׂכּלה, און זיך גענומען צו אַלגעמיינער בילדונג. געוואָרן איז ער אַ שנה־ופירש, ווי עס ווערט גערופן אַ למדן וואָס וואַרפט דאָס לערנען תּורה. וועגן אַזאַ איינעם זאָגט עס די גמרא, אַז די שׂינאה זײַנע צו אַ תּלמיד־חכם איז נאָך גרעסער ווי בײַ אַן עם־הארץ און ווי בײַ אַ געצנדינער... אויף דעם שנה־ופירש ראָזענבוים ברענט נאָך באַזונדער אַ כּעס, פאַר זײַן להוטקייט אַרײַנצוגיין אין וויכּוחים וועגן ייִדישקייט דווקא מיט פרומע, און לאָזט אין גאַנג אַ לשון אַ לומדישן...

ניט לײַכט האָט טאַקע פײַטל מיטן ניט דערלאָזן זײַן עולם צו שטערן ראָזענבוימען אין ריידן. ער בייזערט זיך און וואָרנט פאַר

דעם ניט־פּאַרלאַמענטאַרישן אויפפיר; און אגב קאָן דאָס שעדיקן גאָר וויכטיקע צילן — פֿאַרטרויט ער פון אויער צו אויער... צו אַ באַרויִקונג ברענגט אָבער דער רעדנער אַליין. מיט אַ לויבגעזאַנג פֿאַר דער טראַדיציאָנעלער יִדישער פירערשאַפט פֿאַרכאַפּט ער באַלד דעם עולם, ראַזענבוים:

— מיר ווייסן גאָרניט ווי אָפּצושאַצן די גוואַלדיקע ראָלע פון דער קהילה! פֿאַרהערלעכן דאַרפן מיר די פּרנסים, די ראשי־הקהל, וואָס פלעגן אין יעדן יִשוב אָנפירן מיט דעם וווּנדערלעכן מוסד, און אַלץ געטאָן באמונה, לטובת הכּלל. אין ענינים מער אַלגעמיינע זײַנען די קהילות פון אַ גאַנצן לאַנד געווען פֿאַראייניקט אין אַ וועד־הארץ, דער באַרימטער היסטאָרישער נאָמען פון אזאַ לאַנדראַט, און אויך אין אַ וועד פון מערערע לענדער, אין אַ וועד־ארצות. אין פּינקסים פון אָט די וועדים קען מען אַרויסזען די חכמה און מסירת־נפש וואָס זײַנען געטאָן געוואָרן אויף צו באַשיצן און ראַטעווען יִדן. מיט יִראת־הכּבוד דאַרפן מיר שטיין פאַר די דורות פון אונדזערע אַמאָליקע פּרנסים!

— מומיעס, די מומיעס!.. — שטויסט מען זיך שוין דאָ אָן אויף דעם צוגעשפּיצטן מײַן פון רעדנער, און שטעביקע קולות טראָגן זיך.

מען דערמאָנט אים, ראַזענבוימען, אַ ווערטל וואָס ער האָט געהאַט געוואָרפן קעגן די פרומע. אויף אַ וואַלמיטינג האָט ער גענומען שילדערן ווי אין אַ מוזיי זײַנען די באַזוכער געשטאַנען מיט יִראת־הכּבוד פאַר די סקעלעטן פון גרויסע וועלטפירער און פילאָסאָפן. פּלוצלינג האָבן די סקעלעטן אָנגעהויבן ריידן און פריידיקן זייערע געדאַנקען. האָט מען זיך פון פּובליקום אויף זיי צעשרִיען:

— רעספּעקט האָבן מיר פאַר אײַער עבר; הײַנט זײַנען שוין אָפּגעלעבט אײַערע אידעעס; שווײַגט, איר זײַט מומיעס!..

לאָזט אָפּ דער אַלטער אַדוואָקאַט און דיפּלאָמאַט די היסטאָריע, און האָט שוין פאַר דער קאָנפערענץ אַ מעשה פון באַקן מצה אויף פּסח. אַנשטאָט דער אַרבעט מיט די הענט, ווי קנעטן און

וועלגערן און רעדלען, האָט זיך באַוויזן אַ מאַשין וואָס מאַכט שנעל און ריין, און מצות לויכטן אַרויס. איז אָבער דעמאָלט צווישן די רבנים באַלד אויסגעבראָכן אַ מחלוקת. געווען איז די שקלא־וטריא — מצות־מאַשינאָווע איז כשר לפסח, אָדער גאָר חמץ גמור? יאָרן האָט זיך געטאָן מיט די מצה־מאַשינאָווע. אין איין שטאָט האָט דער רב אַרויסגעדרונגען פון די פּוסקים, אַז אַזעלכע מצה קאָן זײַן כשר. האָט אָבער אין אַן אַנדער שטאָט דער רב דערוויזן אַז לויט אַנדערע פּוסקים איז צו גוזר זײַן אַן איסור חמור אויף מצה־מאַשינאָווע. און געווען רבנים וואָס האָבן זיך ניט געקענט באַשליסן. בערג שאלות־ותשובות זײַנען אין דער סוגיא אויסגעוואַקסן, און סאַראַ פּילפּול!.. פון אַדורך די דיקע גלעזער צעפינקלען זיך מיט שפּאָט די בליקן פון דעם רעדנער.

— שוין שטיל מיט מצה־מאַשינאָווע; די מאָדערנע טעכנאָלאָגיע האָט פּאַרט באַקומען די אייבערהאַנט. איז אָט אונטערגעשפּרונגען אַ נײַע סוגיא: די קהילה אַ נאַציאָנאַלע, אָדער אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלע? בײַ אַזאַ שווערע הלכה קענען אַוודאי ניט וויניק רבנים זיך סומך זײַן אויף פּוסקים ראשונים און אחרונים און דערווײַזן אַז נאַציאָנאַל און רעליגיעז זײַנען היינו־הך, איינס און דאָס זעלבע. און אַנדערע רבנים וועלן זיך געבן אַ שטעל מיט ראיות פון די ראשונים און אחרונים, און אַרויסברענגען אַ תרתי־דסתרי, נאַציאָנאַל און רעליגיעז זײַנען ממש פײַער מיט וואַסער. און געוויס זײַנען נאָך דאָ רבנים וואָס זײַנען בכוח מיט חכמה אָפּצופרעגן און אויסחוזקן די גאַנצע פּלוגתא, רבנים געבענטשטע מיט דעם כּישרון פון רב אײַזל סלאָנימער... איז אָבער אין דעם אַלטן־אַלטן דרך פון אַ שקלא־וטריא אויך אַרײַנגעדרונגען די נײַע מאָדערנע צײַט. צום שטוינען דאָך אויף דער קאָנפערענץ דאָ, ווי אונדזערע רבנים מאַנעווורירן! דורכגעגאַנגען זײַנען זיי אַפּנים אַ קורס פון פּאָליטישער טעכנאָלאָגיע. שוין אויס חילוקי־דעות אין דער סוגיא קהילות. אַלע רבנים שוין איינניק, אַלע בקול אחד, אַז אַ נאַציאָנאַלע קהילה איז טרייף־פּסול... ווו פּוסקים ראשונים,

וואָס פוסקים אחרונים? היינט גאָר פוסקים שחורים... מיר ווייסן וועגן דער „לישכּה השחורה", די שוואַרצע קליקע מיט אירן אַ כּוהן גדול, וואָס האָט זיך טאַקע דאָ פון דער שטאָט קאָוונע פאַרלייגט אויף די ציוניסטן. לעצטנס איז ניטאָ יענער כּוהן גדול, און אַ כּוהן הדיוט וואָס האָט זיך געשטעלט בײַ דער שוואַרצער עבודה, האָט אויך געגומען דוכנען אונטער אַ פראַנקפורטער טלית. צוגעשפּאַנט האָט זיך די לישכּה־השחורה צו דעם פּאָליטיקאַנישן עקיפּאַזש פון דער אָרטאָדאָקסיע אין פראַנקפורט, וואָס האָט אויך אַ גאָר פּײַנע היסטאָריע אין שעדיקן אונדזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג. אָפּפערירן עס בײַ אונדז שליחי־מיצווה... איז עס היינט אַזאַ שוואַרצער געשפּאַן געוואָרן דער פוסק אחרון פאַר אונדזערע רבנים!...

— מאַלפּעס, די מאַלפּעס!.. — שטורמיש ברעכט זיך דער זאַל.

ווידער אַ ביס ראַזענבוימען. אין זײַנער אַ רעדע האָט ער בּלומרשט געגומען אָפּפרעגן די חקרנים וואָס האַלטן אַז דער מענטש שטאַמט ניט פון אַ מאַלפּע; מען זעט דאָך ניט דעם עק, טענהן זיי. האָט ער פאַר אָט די חכמים אַן עצה. באַטראַכטן זאָלן זיי אָקאָרשט גוט די רבנים, וועלן זיי שוין וויסן ווו עס שטעקט דער עק פון דער מענטשהייט...

בראש פון די שרײַער איז שוין פײַטל, און טרײַבט נאָך אונטער זײַנע דעלעגאַטן צום טאַדלען דעם רעדנער וואָס האָט אַזוי געמאַכט חוזק פון אים, דעם אָרגאַניזירער און רוח־החיים פון רעליגיעזן בלאָק. ניט מער ווי אַ במקום, אַ צײַטווײַליקער פאַרבײַטער, איז ער אין זײַנע אויגן! ער זעט שוין פאָרויס, פּײַטל, די באַציִונגען צווישן זיי ביידן אין דעם נאַציאָנאַל־ראַט וואָס די קאָנפערענץ וועט אויסוויילן... שווער באַליידיקט האָט ראַזענבוים אויך די ליטווישע לומדים און גאונים מיט זײַן אָנוווּנק אַז זיי האָבן געגומען שפּרינגען קדוש פאַר דער פראַנקפורטער אָרטאָדאָקסיע, און מסוכּנדיק איז דאָ געוואָרן די השפעה פון שונאי־ציון. אַ פינגער פונעם רעדנער טראָגט זיך אויף דעם דאָקטאָר קאַרלעבאַך און דאָקטאָר דויטשלענדער, וואָס זײַנען געקומען קיין ליטע מיט דער דײַטשער

אַרמיי און צווישן די ייִדן דאָ פאַרפירט א געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אויף דער קאָנפערענץ זיצן עס אויך דיביידע ווי דעלעגאַטן.

אויף קילן דעם היציקן עולם, ברייטערט און ברייטערט דער רעדנער זײַנע אויגן די לעבנסקלוגע, און די טרוקענע און געבראָכענע שטים נעמט אַרײַנטרײַבן אַ ניכטערקייט אין דער גאַנצער קאָנפערענץ. און ווידער אַ מעשׂה. אַ גביר האָט אויף שבת אַרונטערגעבראַכט אַ ישיבה־בחור, וואָס מען שדכנט פאַר זײַן טאָכטער. אין אַ שפּאַציר שבת מיטן בחור, גיט אים דער טאַטע אַ פּרווו. אַט דערזעט מען דאָ אויפן וועג אַ בײַטל געלט; וואָס וועסטו טאָן? — דאָך שבת, ריר איך אַפילו ניט אָן, ענטפערט דער קלויזניק. — איז בײַ דיר געלט גאָרניט, קוקט אים אָן דער גביר. — ניין, זאָגט שוין דער יונגער, איך הייב טאַקע יע אויף. — אום שבת? אַזוי רעדט אַ בחור פון ישיבה! איז דער ייִד ווידער אַנטוישט. — ווייסט איר וואָס, כאַפּט זיך דער ישיבהניק, לאָמיר פריִער אַקאָרשט געפינען... און ראָזענבוים איז שוין מיט אַ קאַלטן שפּריץ:

— אַזאַ ברעניקע פראַגע, עס פלאַקערט די פלוגתא אין דעם פּרק קהילה פון דער מסיכתא נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, וואָס פאַר אַ קהילה זאָלן מיר האָבן. רבותי, און די אויטאָנאָמיע אַליין האָבן מיר שוין? דאָך נאָר אַ צוזאָג פון ליטווישע קאָמיטעטן און פון אַ צײַטווײַליקער רעגירונג. אַ געווייילטער סיים דאַרף ערשט קומען, און אין דער געפּלאַנטער קאָנסטיטוציע באַוויליקן אַרײַנצוגעבן די גוטע פּאַראַגראַפן. יע, זאָל אַקאָרשט אונדזער געוווּנטשענע אויטאָנאָמיע באַקומען אַ פעסט־געזעצלעך פּנים, און די קהילות וועלן זיך מיט מזל נעמען אַנטוויקלען. וועט זיך שוין טאַר זיי ממילא אויסמאָדעלירן דער פּאַסיקער נאָמען... און דערווײַל, רבותי, לעומקא דדינא, פאַרטיפט מען זיך, איז אַ הווא אמינא, רעכט צו זאָגן, אַז דער ויתרוצצו גייט דאָ נאָר וועגן שילדל, אויף דעם בלעכל זאָל זײַן געשריבן: נאַציאָנאַלע קהילה, אָדער: רעליגיעז־נאַציאָנאַלע קהילה. בכן, דער גאַנצער סלע־המחלוקת איז אַ שילד־המחלוקת...

דער קייסער איז נאַקעט

— אויף שטעלן זיך איצט ריידן און מצליח זײַן, באַדאַרף דאָ אונדזער רעדנער אַ באַזונדערע סייעתּא דשמייא...

אין קאָנפערענץ־זאַל גיסט זיך אַן אומרו פון די פנימער בײַ פרומע דעלעגאַטן, און די בליקן אין הויכער שפּאַנונג צו דער בינע. אין קאָן שטייט דאָך, ווי זאָלן דאָ אין ליטע געפירט ווערן די נײַ־געוויילטע קהילות, און ווי זאָל דער מוסד הייסן — נאַציאָנאַלע קהילה, אָדער רעליגיעז־נאַציאָנאַלע קהילה... האָט עס פאַר אַ ווײַלע געענדיקט ריידן אַ גרויסער פירער פון די ציוניסטן, וואָס איז אַן אַלטער און שאַרפער אַדוואָקאַט און אויך אַ באַדײַטיקער פּאָליטיקער. אין אַן אויסנעמיקער רעדע האָט ער חוזק געמאַכט פון דעם געדאַנק אַז אין דער הײַנטיקער מאָדערנער צײַט זאָל אַ קהילה טראָגן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. קעגן אָט דעם באַרימטן מאַן איז עס אויפגערופן צו דער בינע אַ יונגער רב, וואָס איז אויך ווייניק באַקאַנט...

פאַרפלויגן איז אָבער דער אומרו שוין מיט די ערשטע ווערטער פון דעם רעדנער. ברייט אָטעמען אָפּ הערצער:

— ווי מן השמים מזכּה געווען!..

— פּאַנעוועזש מעג טאַקע שטאָלצירן מיט איר נײַעם רב!

טיף צופרידן איז רב רפאל לוקניק. פון די עלטערע און פרומע פירער אין ליטע, האָט ער עס געהאַט געוואָרפן אַ באַזונדער אויג אויף דעם הרב יוסף כּהנמאַן און אים גענומען באַטראַכטן ווי אַן אויפגייענדיקן שטערן אין דער אָרטאָקסישער וועלט. צו דער גוואַלדיקער לומדות פון דעם יונגן רב, קוקן פון דעם בלאָנד־שיינעם פּנים אַרויס חכמה און ענערגיע און אויך אַ צאַרטע מילדקייט.

שלאַנק און ווי דורכזיכטיק דער קערפּער און דער גאַנג ווי שטענדיק שבתדיק. אין די ישיבות איז ער געווען באַרופן ווי אַן עילוי, און זיך אויסגעצייכנט אויך מיט האַרציקייט און בכלל מיט מידות־טובות... אויף קענען נענטער דעם הרב יוסף כּהנמאַן איז ער, לוקניק, געווען געפאָרן קיין פּאָנעוועזש. איז אים דאָרט באַלד אויפגעפאַלן וואָס אין דער מיוחסדיקער קהילה, און שטענדיק געשמט מיט אירע פרזערדיקע גרויסע און וועלט באַרימטע רבנים, האָט ער ניט אָנגעטראָפן אַוועלכן קעגענער פון דעם נײַעם שטאָט־רב, אַזאַ יונגן און ווייניק באַקאַנטן. מיט טשיקאַווער הנאה האָט פאַר אים כאַראַקטעריזירט דעם רב גראָד איינער וואָס איז ווײַט פון יידישקייט און פירט אַן אין שטאָט מיט אַ לינקער גרופּע. דערציילט האָט דער מענטש פון אַ באַנקעט לכּבוד אַ וויכטיקן גאַסט פון אַמעריקע, וואָס איז אויך באַקאַנט ווי אַ סאָציאַליסט. האָבן אויף דעם קבלת־פּנים עטלעכע ייִנגערע רעדנער קריטיקירט דעם קלעריקאַליזם, און אַרײַנגעפלאָכטן די מוסדות פון תּורה און חינוך, וואָס דער רב פירט אָן אין שטאָט. האָט דער רב אין זײַן באַגריסונג גענומען אָט די מענטשן שוין מיט די ערשטע האַרציקע ווערטער צו זיי:

— טײַערע ליבע שקצים מײַנע!..

און אויף מאָרגן האָט ער פאַרן גאַסט אויסגעלייגט מיט האַרץ און נשמה די מוראַדיקע דחקות פון זײַנע מוסדות. האָט דער מענטש אין צערודער אָן עפּן געטאָן זײַן געלטבײַטל, און געזאָגט:

— רבי, נעמט שוין אַליין די דאָלאַרן; פאַר מיר, נאָר אויף די הוצאות צוריק...

אויף דער קאָנפערענץ דאָ איז לוקניק אין התפּעלות, וואָס דער פּאָנעוועזשער האָט נאָכן אָנהייבן מיט אַ גאָר צוגעפּאַסטן פּסוק, שוין זיך גענומען קלוג צילעווען אין דעם פּאָריקן רעדנער מיט זײַנע מענטשן:

— תּורה ציווה לנו משה, מורשה קהילת יעקב... אין דעם מודה אני, וואָס אויך קינדערלעך זאָגן יעדן פרימאָרגן מיטן עפענען

די אויגן, איז אין דער קורצער תפילה שוין פאַרבונדן די תּורה מיט קהילה... און ממש ניט פאַרצושטעלן זיך ייִדן יודעי־ספר, אַז פון זיי זאָלן האָבן פאַרפלויגן אַט די הייליקע ווערטער... טײַערע ייִדן, בחירי העם, געוויילטע פאָלקס־שליחים, חלילה פאַרנעמט זיך ניט מיט דעם דרך פון יענע נשיאי העדה קריאי מועד אנשי שם, פירשטן פון דער עדה, אויסדערוויילטע, מענטשן באַרימטע, ווי די תּורה רעדט פון זיי. מיט אַ תּמימות זײַנען אַט די געקומען און געפרעגט, פאַר וואָס אַ שטוב פול הייליקע ספרים באַדאַרף נאָך אַ מזוזה. האָט זיי משה אָבער דערקלערט, אַז אויך פון דרויסן דאַרף אַ ייִדיש הויז טראָגן אַ סימן פון הייליקייט און מען איז מחוייב אין אַ מזוזה... יע־יע, רבותי, אויך דער שילד פון אַ קהילת־יעקב דאַרף זאָגן אַז דער מוסד איז ברוח התּורה, רעליגיעז!

— עדת קורח, היבדלו!.. — שפּאַרט שוין אַרויס אַן אַרײַנשרײַ פון פײַטלען. פאַרלייגט זיך אָבער באַלד אויף זײַן מויל לוקניקס אַ האַנטפלאַך.

געהערט דעם זאָג פון רב וועגן דער מעשׂה אין חומש מיט קורחן, איז שוין דעם שטרײַטנדיקן פּאָליטיקאַנט אויפגעקומען אַ שלאָגעריש ווערטל קעגן דעם צונויפבונד פון די ניט־פרומע אויף דער קאָנפערענץ. „עדת־קורח”, אָט דעם שם־גנאַי פאַר דער פאַרשאָלטענער עדה פון אַמאָל, וויל ער עס פײַטל דאָ לאָזן אין גאַנג. און — היבדלו, זיך אָפּשיידן! צעשפּילט איז די קנאות בײַ פײַטלען. ניט איין מאָל קומט אים טאַקע אויף אַ געדאַנק, אַז אפשר וואָלטן אויך די פרומע ייִדן אין ליטע געדאַרפט גיין מיטן וועג פון די אָרטאָדאָקסן אין דײַטשלאַנד, וואָס שיידן זיך אָפּ פון די ליבעראַלע ייִדן און האָבן זיך זייערע באַזונדערע רעליגיעזע געמיינדעס...

לוקניק איז אָבער ווײַט פון דעם געדאַנק און וויל אויך ניט דער־לאָזן אַזאַ כּוונה צו דעם הרב כּהנמאַן. בײַם דערמאָנען די מעשׂה־קורח, האָט לוקניק קלאָר געמערקט אַן איראָנישן שמייכל אויף זײַן פּנים און דער טאָן איז געווען געזאַפּט מיט גוזמא. משמעות

שוין אזוי זײַן דרך אין אָפּפרעגן און מבטל מאַכן אַ טענה, אַ תּביעה. אַלץ גוטמוטיק און אויך איבערגעטריבן... געדענקט ער גוט, לוקניק, וואָס ער האָט געהערט אין פּאָנעוועזש. דער רב האָט זיך דאָרט אויסגעטענהט מיט אַ גרופּע לערער וואָס האָבן געפאָדערט אַ הוספה. דעם רב זײַנען אָבער מער צום האַרצן די אַלטע חדרים מיט די מלמדים וואָס לערנען אויך מיט די קינדער דעם גאַנצן טאָג. און אפילו שבת עטלעכע שעה. האָט ער איבער דער לערערשער פאָדערונג זיך גענומען חכמהן:

— דאָס בעסטע לעבן האָט דאָך אַ לערער. אַ יאָר אַרבעט ער אַכט חדשים, און אַ חודש פיר וואָכן ,און אַ וואָך זעקס טעג, און אַ טאָג פיר שעה, און אַ שעה פערציק מינוט...

ווערטער פרעמדע און געמישטע, וואָס קלינגען אַקצענטלאָז און ניט־גראַמאַטיש אין דעם רבס מויל, שטעלן אויס אין דעם קאָנפערענץ־זאַל אויגן, און אויערן געשפּיצט:

— פּאַסאַקיק ליעטוווישקאַס נאַראַד... — פאַרטײַטשט דער רעדנער און דערקלערט — זאָג צו דעם ליטווישן פאָלק, רייד צו אים... ניטאָ אַזוינס אין דער תּורה. פּסוקים אַ סך הייבן זיך אָבער אָן מיט אמוֹר אל בני ישראל, צו אל בני ישראל... פאַרבונדן שוין טויזנטער יאָרן איז דאָס ייִדישע פאָלק מיט דער תּורה; די אמתע נאַציאָנאַליטעט אונדזערע איז רעליגיע!

— פּאַסאַקיק... עפּעס אַ ליטוויש, אַ רוסיש; אַ מין תּרגום־לשון... — וואַרפט צו רפאל גרושקין צו לוקניקן — מסתּמא אַזאַ מזיק בכלל אויף שפּראַכן...

— אפשר איז הרב כּהנמאַן ניט אַזוי באַהאַווּנט אין גויִשע לשונות; גויִים פאַרשטייען אָבער אים — שמייכלט לוקניק, און דערציילט פון אַ מעשׂה־שהיה.

בעתן באַזוך אין פּאָנעוועזש האָט ער, לוקניק, זיך געזען אויך מיט באַקאַנטע ליטווינער. אין הויז פון דעם קאַטוילישן פּרעלאַט איז געזעסן אויך דער בירגערמײַסטער און אין שמועסן האָט ער דערציילט פון אַ פּונקט וואָס האָט געדאַרפט אַרײַנגיין אין אַ

פאַראָרדענונג פון זײַן שטאָט־פאַרוואַלטונג. לויט דעם פּונקט האָבן אין די זונטיקס און אַנדערע קריסטלעכע חגאות געמוזט זײַן געשלאָסן אויך אַלע ייִדישע קינדערשולן. זײַנען געקומען די ייִדן מיט טענות און פּראָטעסטן. אָבער צום שטאַרקסטן געווירקט אויף באַזײַטיקן אָט דעם פּונקט, האָט באַטאָנט דער בירגערמײַסטער, זײַנען געווען די רייד פון דעם שטאָט־רב, ראַבינאָס קאַהאַנעמאַנאַס. געפרעגט האָט ער, פאַר וואָס זוכן עפּעס די קריסטן קלאַפּאָטן אויף זיך אַליין. אין די חגאות־טעג אַז די ייִדישע שולן וועלן זײַן געשלאָסן, וועלן דאָך די קינדער זײַן פול איבער די גאַסן און פּלעצער, זיך דרייען אונטער די פיס פון די מאַסן וואָס גייען אין קלויסטער, קריכן אַרום די אָנגעפּאָרענע וועגענער, און רייצן די פערד... צוגעגעבן האָט דער בירגערמײַסטער, אַז יעדעס וואָרט וואָס דער רב האָט געזאָגט, האָט ער מיט זײַנע מענטשן טאַקע ניט אויפגעכאַפּט; געדעדט האָבן אָבער צו זיי לויטערע אויגן, אַ גײַסטיק פּנים, און טיף־זעלישער אויסדרוק...

דעם פּישרון פון הרב כּהנמאַן איבערצוצײַגן, זעט לוקניק גאָר בולט אויף דער קאָנפערענץ. צו דעם רעכטלעכן מצב פון די ייִדן אין ליטע, גייט ער אין זײַן רעדע אַריבער:

— אַ וועלט קלינגט מיט דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע וואָס די ייִדן האָבן דאָ באַקומען. מען באַוווּנדערט די בּגדי־מלכות, דאָס ברייטע אָפיציעלע רעכט וואָס דאַרף באַקליידן און באַשײַנען אונדזער לעבן... וועגן גלענצנדיקע שינויים וואָלט באמת געווען כּדאי צו הערן פון די דעלעגאַטן, וואָס יעדער איז דאָך אין זײַן קהילה אַן עסקן בצרכי ציבור. וועלן מיר וויסן פון דער גרויסער הצלחה אין פּרווון אַרײַנזעצן אַ ייִדן אפילו אויף דער קלענסטער מלוכה־שטעלע, אָדער לפּחות ניט אַרויסוואַרפן אַזאַ וואָס זיצט שוין פון פריִער. און ווי גרינג איז בכלל הײַנט פאַר אַ ייִדן אין דערשלאָגן זיך צו פּרנסה!.. אין די אַלע חגאות זײַנען די ייִדן געצוווּנגען שטיקער טעג ניט צו אַרבעטן. אויף יעדן טראָט נאָך די אַלטע רוסישע באַגרענעצונגען. פרעגט זיך: הזאת נעמי, איז דאָס אויטאָנאָמיע?..

מען פאַרבלענדט אונדז מיט שטראַלנדיקע ביגדי־מלכות, אַפיציעלע נאַציאָנאַלע רעכט; למעשׂה אָבער, עירומים היינו ועירומים נותרנו, נאַקעט פון רעכט געווען און געבליבן נאַקעט. דערמאָנט זיך דאָס מעשׂהלע מיט דעם קינד וואָס האָט אויסגעשריִען: דער קייסער איז נאַקעט!..

נאָך דער גרויסער רעדע נעמען גיין ווײַטערדיקע וויכּוחים וועגן די קהילות, און פאַרציִען זיך אויף מאָרגן, אין אַן ערב־שבת פון אַ קורצן פרייטיק. זיצן קוים אײַן דעלעגאַטן און קוקן שוין אויס אויף דער אָפּשטימונג אין דער ברענענדיקער פראַגע, וואָס קאָן אָט־אָט פאָרקומען. לאַנג איז נאָך אָבער די רשימה פון די וואָס בעטן אַ וואָרט, און ווילן ניט שענקען אויף דעם אַרויסזאָגן זיך... פון די רעדנער דערוועקט אַן אויפמערק אַ יונגערמאַן פון ציוניסטישן פליגל, וואָס ווערט אויסגערופן: דאָקטאָר יעקב ראַבינזאָן. שלאַנק, שטאַרק ברונעט, אויגן שוואַרצע און ברענענדיקע. אַ יוריסט איז ער, נאָך דער מלחמה געקומען פון געפאַנגענשאַפט, און נאָך אין מיליטערישן אָנטו, האָט ער אין דעם שטעטל ווירבאַלן געגרינדעט אַ העברעיִשע גימנאַזיע. אין קאָנפערענץ־זאַל שטעלט מען אַן אויערן צו זײַן יעדן וואָרט; שאַרף דער חיתוך־הדיבור און אַזוי קלאָנגיק. די קהילה אַ נאַציאָנאַלע אָדער אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלע, זאָגט ער, איז סתּם אַ פּשטלדיקער פּילפּול. ער דרינגט צום עיקר, וואָס איז בעצם יהדות. און וואַרפט אַרײַן איראָניש:

— איז באמת אַ ייִד, מחוייב צו וויסן דעם קאָליר זאָקן וואָס די באָבע פון רבינו תּם האָט געטראָגן שבת־חנוכּה?..

אַ פלאַטערניש כאַפּט אַרום רפאל לוקניקן, אַז ער דערזעט בײַם רעדנער־פּולט משהן, דעם זון פון רב בײַ אים אין שטאָט. מיט די לינקע ציוניסטן איז אַוועק דער בחור, און ער חידושט זיך אין זײַן רעדע, וואָס אין אַזאַ מאָדערנער צייט וויל מען דער דעמאָקראַטישער קהילה אָנטאָן מיט צוואַנג אַ יאַרמולקע... טרייסט זיך לוקניק, און מיט אים נאָך דעלעגאַטן, וואָס ניטאָ אין זאַל רב אביגדור, דער טאַטע דער צדיק...

— חומץ בן יין !.. — וויין דער טאַטע, און עסיק דער זון ; אַזאַ יישר־כוח באַקומט דער בן־הרב אין אַרונטערגיין פון בינע. ער הערט עס פון רב לייבן, דעם ווילקאָמירער רב, וואָס קומט אים אָן אַנטקעגן מיט דער פּיפּקע אין מויל.

אויסגעווײלט איז דער אַלטער רב צו זיצן אין פּרעזידיום, ביַי דער זיַיט פונעם פּאָרזיצער. וויַיכט ער אָבער פון דעם אויבנאָן און זיצט אין זאַל צווישן די אַלע דעלעגאַטן. איצט זעט מען ווי ער שטיַיגט צו דער בינע, אונטער זיַין אָרעם אַ פּעקל צונויפגעוויקלט אין אַ קאָלירט טיכל, און אויפן קול צום פּאָרזיצער :

— רב מיניסטער, היַינט וועט מען עס הייבן די הענט ?

— ניין, שוין ניט באַוויַיזן.

— קאָן איך לכבוד שבת נאָך אַריַינכאַפּן אַ מרחץ — לאָזט זיך רב לייב מיטן פּעקל דורכן זאַל.

קוריאָזע בליקן באַגלייטן מיט אַ שמייכל דעם מערקווערדיקן גאון. קעפּ שאָקלען אויך אונטער :

— און אפשר פירט מען אונדז מיט דער גאַנצער אויטאָנאָמיע, נאַקעט אין באָד אַריַין ?..

ח ת נ י ם

— וועד ארץ ליטא... אין היסטאָרישן שײַן פון אונדזער אייביקן פאָלק, און מיט יִראַת־הכּבוד פאַר דער באַרימטער אינסטיטוציע פון אונדזערע אָבות אין דער אַמאָליקער ליטע, ווען מיר מיט דעם היסטאָרישן נאָמען, וועד ארץ ליטא, אויך רופן דעם נאַציאָ־נאַל־ראַט וואָס מיר האָבן דאָ איצט אויסגעוויילט.

געקלאַמערט אין היסטאָריע, שאַלט פײַערלעך דאָקטאָר מאַקס סאָלאָווייטשיק אין שליסן די ערשטע קאָנפערענץ פון די יִדישע קהילות אין ליטע... און ווערטער נאָך הויכע ליגן אים, דעם פּאָרזיצער, אויף דער צונג אין דעם גרויסן מאָמענט, אין דער נאַכט פון 11טן יאַנואַר 1920, וואָס וועט אַרײַן אין דער היסטאָריע... איז אָבער די שעה גאָר שפּעט, און די פּנימער פון די דעלעגאַטן אין זאַל שיסן מיט שווערער מידקייט. אַ וואָך פון זיצונגען מיט היציקע וויכּוחים. און פאַר דעם הײַנטיקן טאָג זײַנען געגאַנגען אַן אַ שיעור אָפּשטימונגען און איבערשטימונגען איבער דער ענדלעכער פאָרמולירונג פון די רעזאָלוציעס; רײַסענישן איבער אַן אויסדרוק, אַן איינצל וואָרט, און אפילו אַ פּונקט. און די וואַלן צום נאַציאָנאַל־ראַט!.. זעט דער פּאָרזיצער אַרײַנצובריינגען אַ הײַטערע שטימונג אין דעם אויסגעשעפּטן עולם. קומט אים אויף עפּעס שׂימחת־תּורהדיקס. אין באַשטימען דעם סדר פון שליסן די קאָנפערענץ, איז אין דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע געוואָרן אַרויסגעבראַכט אַ רעיון צו טאָן ווי דער מינהג פון שׂימחת־תּורה. אין דעם יום־טוב, האָט ער געזאָגט, ווי מען ענדיקט די לעצטע פּרשה פון דער תּורה, הייבט מען גלײַך אָן בראשית, צוריק די ערשטע פּרשה. איז דער פּאָרלייג, מיטן סיום פון דער קאָנפערענץ זאָל דער נאַציאָנאַל־ראַט מאַכן

די התחלה פון זײַן אַרבעט... דאַרף עס איצט דער בעל־הרעיון איבערגעבן זײַן פּאַרלייג. רופט אים צום וואָרט דער פּאָרזיצער — מיט אַ נוסח און אַ ניגון פון שׂימחת־תּורה:

— יעמוד הרב הדאָקטאָר יוסף קאַרלעבאַך, חתן־תּורה!

— חתן־תּורה... — ווי בײַ אַ סורפּריז אַן אָנגענעמען, הייבן זיך קאַרלעבאַכן די ברייטע פּלייצעס — און אויב שוין יע אַזאַ מין טיטל, וואָלט זיך היינט פּאַר מײַן ווייניקייט אפשר מער געפּאַסט חתן־ליטע. איך האַלט דאָך בײַם פּאַרלאָזן דאָס לאַנד; פּאַרענדיק איך טאַקע אַ פּרשה, אָבער ניט פון די חמישה חומשי תּורה, נאָר פון פינף יאָר כּמעט אין מײַן אייגענעם לעבן, מײַן פּרשה ליטע. ליטע, ליטע!..

חדשים שוין ווי דאָקטאָר קאַרלעבאַך האָט אויסגעטאָן דעם מונדיר פון דײַטשער אַרמיי, אָבער זײַן שטיין בײַם רעדנערפּולט איז פּרײַסיש־מיליטעריש. טיף איז ער אָבער דורכגעדרונגען מיט דער ייִדישער ליטע. אויך אין זײַן דײַטש מישט זיך כּסדר אַ ליטוויש ייִדיש, און אַרײַנגעפּלאָנטערטע פּסוקים און גמרא־מאמרים קומען אפילו אַרויס מיט אַ ישיבהשן פינגערדריי. ווי נאָך ייִדישע זעלנער וואָס זײַנען געזעסן מיט דער דײַטשער אָקופּאַציע־אַרמיי אין ליטע, איז ער דאָ אַרײַן אין התפּעלות פון דער חיותדיקער און זאַפּטיקער ייִדישקייט. באַזונדער האָט ער באַוווּנדערט די ברייטע ידיעת־התּורה אפילו בײַם פּשוטן המון! געוואָרן איז ער אַן אײַנגייער בײַ תּלמידי־חכמים, און שעהן פלעגט ער פאַרברענגען אין דער גרויסער ישיבה פון קאָוונע־סלאַבאָדקע. איבערראַשט האָט אים די שאַרפע ליטווישע לומדות, און נאָך מער דער פּאַרטיפטער לימוד פון מוסר. שוין גאָר ווײַט־ווײַט פון דעם ראַבינער־סעמינאַר, וואָס ער האָט געענדיקט אין בערלין... פּאַר די יאָרן אין ליטע גאָר אַ סך געטאָן פּאַרן ייִדישן חינוך. רײַך מיט וויסן, און באַליבט זײַנען געווען די פּעדאַגאָגישע לעקציעס זיינע פּאַר די ייִדישע לערער איבערן לאַנד און אפילו אין ריגע, לעטלאַנד. באַרימט איז די העברעיִשע רעאַל־גימנאַזיע וואָס ער

האָט געגרינדעט אין קאָוונע און איז אונטער זײַן דירעקציע, און באַקאַנט מיטן נאָמען קאַרלעבאַכס גימנאַזיע. דער אָ אויפטו איז עס געווען דער אָנהייב פון די העברעיִשע מיטלשולן וואָס זײַנען אין אָ גרעסערער צאָל אויפגעקומען אין ליטע... שטאַרק אויס־געבונדן איז דאָקטאָר קאַרלעבאַך מיט אָרטאָדאָקסישע עסקנים, און לעצטנס טוט ער מיט זיי אויף שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע „יבנה", וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיטן טראַדיציאָנעלן ייִדישן חינוך. טעטיק איז ער אויך אין גרינדן קורסן אויף אויסבילדן לערער פאַר די רעליגיעזע שולן. און אויף יעדן צוזאַמענקום פון אַ פרומערן עולם וועקט ער די מענטשן פלאַמיק:

— מען רעדט וועגן אַ פרילינג פאַר די ייִדן אין ליטע... דער גרויסער אידעאַלער פרילינג אין דער ייִדישער געשיכטע, איז דער אָביב פון יציאת־מצרים. דער אָ פרילינג האָט געפירט צום באַרג סיני, צום מתן־תורה!!.. און דער פרילינג וואָס מען דערוואַרט דאָ, דאַרף עס זײַן פאַר דעם ייִדן אַן אויפלעב, אַ רענעסאַנס ברוח; אַ שעת־כּושר אויף אַ שטורמישער טעטיקייט למען התורה. נאָך מער זאָלן שפּראָצן און בליִען די רעליגיעזע מוסדות; יגדיל תּורה ויאדיר!.. און פון דעם רוח ליטע בכלל, זאָל איך נאָר האָבן דעם זכות אַרײַנצוברענגען באהלי אשכּנז, הלוואי!

*

— יעמוד החתן־החתן, החתן מרדכי יאַטקונסקי, חתן־בראשית.

פּײַערלעך איז די פּתיחה פון נאַציאָנאַל־ראַט, און שמשון ראָזענבוים וואָס איז אויסגעוויילט ווי דער נשיא, נעמט רופן צו די באַגריסונגען. ווײַזט ער אויך כּישרון אין אויפברענגען שימחת־תּורהדיקע שטימונג, און דעם ערשטן וואָס קומט באַגריסן, מאַכט ער פאַר אַ חתן־בראשית. און היות ווי דער מענטש איז אַ בחור און בײַ אַן עליה ווערט אים צום נאָמען צוגעגעבן החתן — איז ער שוין דאָ החתן־החתן...

אין נאָמען פון דער קהילה אין קאָוונע, די הויפּטשטאָט פון דער מדינה, באַגריסט דער טאָפּלטער חתן. דער קרומלעבער רוקן

פון דעם אײַנגעשרומפּטן קערפּער און די ברייטע גרויע אויגן וואָס פינקלען פון דעם אויסגעבלייכטן פּנים — קענען דערציילן אַז דער יונגער מענטש האָט זיך יאָרן געשאָקלט איבער אַ גמרא אין ישיבות. אָבער פון דעם מליצהדיקן לשון־קודש מיט די האָפּערדיקע נאַציאָנאַלע לאָזונגען, וואָס ער הייבט אָן, לאָזט זיך שוין פילן — אַ משׂכּיל און פאַרברענטער ציוניסט. באַגײַסטערט איז ער, וואָס דער נאַציאָנאַל־ראָט רופט זיך אויך וועד יהודי ליטא, און ברענגט אַרויס מיט התלהבות:

— אַ פּינקס איז געבליבן פון דעם וועד יהודי ליטא. קרוב מיט הונדערט פופציק יאָר צוריק איז צוזאַמען מיטן אַנולירן דעם וועד, געוואָרן איבערגעהאַקט דער פּינקס. אַ סך אַ סך דערציילן אָבער אויך די פאַרגעלטע בלעטער פון גזירות און נאָך פּורעניותן... איז אונדזער פלאַמיקע ברכה, אַז דער באַנײַטער פּינקס וואָס דער וועד הארץ וועט געוויס שרײַבן, זאָל אין אים בלאָט פאַר בלאָט שטראַלן און שײַנען מיט אַ תּמידיקן פרילינג!..

✶

מאַרץ 1926. ניט געווען שוין אין ליטע קיין מיניסטער פאַר ייִדישע ענינים, פאַרמאַכט דער נאַציאָנאַל־ראָט. און די קהילות, וואָס זייערע אָפּיציעלע רעכט ווערן אַלץ פאַרשמעלערט און באַגרענעצט, איז אָט אין אַ חודש פון פרילינג אויך געקומען זייער טאָג. די לעצטע זיצונג פון קאָוונער קהילה פירט מרדכי יאַטקונסקי. דערמאָנט ער ווי די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז אויפגעקומען, און צו דער פײַערלעכער עפענונג פון נאַציאָנאַל־ראָט איז עס אים אויסגעפאַלן דער כּבוד צו באַגריסן אין נאָמען פון דער קהילה... אַ הספּד־טאָן פאַרטראָגט זיך אין זײַן אָפּשלוסוואָרט:

— חתן־בראשית, מיט דעם טיטל האָט מיר דעמאָלט דער נשׂיא געגעבן דאָס וואָרט, ווי דעם ערשטן באַגריסער אויף דער בראשית־זיצונג פון אונדזער העכסטער נאַציאָנאַלער פירערשאַפט. האָב איך אין מײַן באַגריסונג באַזונדער גערעדט וועגן דעם

היסטאָרישן פּינקס פון דעם וועד יהודי ליטא, און באַטאָנט אַז אַ פּינקס וועט זיכער אויך באַגלייטן די טעטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע... ניט באַוווּסט, צי עס איז געבליבן אַ פּינקס פון דעם קיצור־ימימדיקן נאַציאָנאַל־ראַט. די קהילה אונדזערע אין קאָוונע שרײַבט מיט דייקנות איר פּינקס. און הײַנט, אין דער שעה פון גזירה, אַז די קהילה ווערט געשלאָסן — לאָזן מיר דעם פּינקס אָפן. אַ בײַשפּיל איז פּאַר אונדז דער ייִד וואָס זיצט און לערנט, און איז מפסיק אויף אַ ווײַלע. פאַרמאַכט ער ניט דעם ספר, נײַערט ער לייגט אַוועק איבער דעם אָפענעם בלאַט אַ טיכל... בקרוב־בקרוב וועלן ווידער זײַן טעטיק די קהילות, און דער פּינקס וועט האָבן אַ המשך. אָפן בלײַבט דער פּינקס — און פאַר אונדזערע אויגן אַ טיכל.

לעצטער פרילינג

אַ קראַך און אַ בראַזג פון דרויסן גיבן אַ הייב מיט שרעק די מענטשן פון די בעטן. די ייִדן שלאָפן ניט רויִק שוין פון נעכטן, 24סטן יוני 1941, ווי עס זײַנען דאָ אין קאָוונע אַרײַנגעמאַרשירט די דײַטשן. לויפט צום אַרײַנגאַנג די דינסט, און בײַ דער אויפגעבראָכענער טיר — יונגע ליטווינער מיט העק און מעסערס און מיט געווער. מיט אַ שטויס־אַרויס איז זי, די קריסטין, אין דער פינצטערער גאַס אַרײַן. גרויליקע קולות פון די ייִדן אינעווייניק, נעמען זי טראָגן. האַלט זי זיך אָפּ פון די כאָפּטעס וואָס ציִען זיך מיט דער נאָענטער בריק איבער דער ווילִיע. פון שטאָט קומען זיי עס אַהער קיין סלאָבאָדקע און לאָזן זיך אויך מיט קראַך און בראַזג איבער די ווײַטערדיקע ייִדישע הײַזער. קלאָר ווערט איר, פאַרוואָס דאָס הויז פון אירע ייִדן איז געווען דאָס ערשטע אין באַפאַל; דאָך גלײַך־באַלד נאָך דער בריק...

גלידער אָפּגעריסענע, קערפּערס צעהאַקטע און די שטוב פול מיט בלוט, פאַרגיסן דער דינסט מיט שטראָמיקן שווינדל. קעגן איר — אויגן. ווײַט פון קערפּער דער אָפּגעריסענער קאָפּ פון שטוב־עלטסטן, און די אויגן ברייט צעעפנט, גלאָצן. צאַפּלדיק אויפגעציטערט, טאָפּטשעט זי הין און הער אין בלוט — אָבער די אויגן!.. כאַפּט זי אַ טיכל און וואַרפט אַריבער דעם פּנים, און איז שוין ניט אין שטוב.

אויטאָבוסן אין גאַלאָפּ דורך דער גאַס. פליִען פון דער בריק און פלאַטערן מיט פאָנען פון דער ליטווישער מדינה. פול מיט יוגנטלעכע און מיט האַפּערדיקן געפּילדער. פון אַ לויפיקן פענצטער

אַ שאָס פון אַ קוקעלע אויף דער יונגער מיידל. האַלט זיך אָפּ די מאַשין, און אַ גערוף הײַטער:

— היי, דו אונדזעריקע, שפּרינג אַרײַן!.. ווען טו אויף דערפילן דײַן נאַציאָנאַלן חוב און מאַכן ייִדן־ריין אונדזער טייערינקע פאָטערלאַנד, וואַליאַ ליעטווואַ, הוראַ!..

— קווענקלסט, פאַרשווין דו איינע, מסתמא אַ ייִדן־מויד... היי, ווי מיר וועלן אָוועקלייגן ייִדישקעס די שענסטע, איידער זיי באַקומען דעם כיק!..

נאָך עטלעכע טעג, ווערט אַ גרופּע צונויפגעכאַפּטע ייִדן אין קאָוונע געטריבן אין דער פאַרשטאָט סלאַבאָדקע. אַריבער דער בריק, קומט אַ באַפעל צונויפצונעמען די הרוגים און באַגראָבן זיי. אין דער נאָענטער שטוב וואַרפט אַ מיטליאָריקער ייִד אַרונטער דאָס טיכל פון דעם אָפּגעריסענעם קאָפּ —

— יאַטקונסקי, מרדכי יאַטקונסקי! — רײַסט זיך פון דעם מענטשן אַרויס אַ געשריי. אין זכרונות פאַרגייט ער — איך זע דעם יונגן יאַטקונסקי בײַ דער עפענונג פון נאַציאָנאַל־ראַט. באַקומט ער דאָס וואָרט צום באַגריסן. חתן־בראשית, דעם טיטל האָט אים דער פאַרזיצער געגעבן, ווי דעם ערשטן באַגריסער אויף דער בראשית־זיצונג.

— דאָס טיכל, אויגן אָפענע... — ווי אין אַ חלום פאַלט אַרײַן אַ צווייטער, וואָס איז געווען אַ ראַטמאַן פון דער קהילה אין שטאָט — די אויגן צעפּראַלט, גלאָצן צום טיכל, אַ טיכל איבער זײַן אָפענעם פּינקס...

אַ לומדישער יונגערמאַן צעשאָקלט זיך איבער דעם קאָפּ אין פאַרגליווערטן בלוט:

— חתן־בראשית, אַ חתן־דמים פון אַזאַ בראשית, השם ישמרנו ויצילנו!..

*

דעצעמבער 1941. טעג שלעפּט זיך דער צוג. אַ לאַנגע־לאַנגע ריי פראַכטוואַגאָנעס אָנגעפּראָפּטע מיט מענטשן. פון קליין ביז

גרויס איז איבער דער לינקער זײַט ברוסט יעדערן אויפֿן בגד אָנגעניייט אַ געלער מגן־דוד מיט אַן אַרײַנשריפֿט: יודע. אונטער אַ שטרענגער מיליטערישער וואַך ווערן עס רעשטלעך ייִדן פֿון דײַטשלאַנד געפֿירט אויף מיזרח. אונטערוועגס בלײַבן די וואַגאָנעס פֿון מאָל צו מאָל שטיין, לאָזן פֿאַרבײַ עשאַלאָנען מיט מיליטער און אַמוניציע.

אַרײַנגעפֿאָרן אין ליטע, נעמען עטלעכע האַמבורגער ייִדן אָנלייגן בײַ אַ וואַנט אין וואַגאָן אַ בערגל פֿון זייערע מיטגענומענע פּעקלעך, און העלפֿן זייער אייבער־ראַבינער אַרויפֿשטײַגן. דערגרייכן וויל ער גאָר אויבן צו דעם פֿאַרגראַטעוועטן פֿענצטערל און קאָנען אַרויסקוקן אין דרויסן. יאָרן איז ער געוועזן געזעסן אין ליטע, און מיט די ייִדן דאָ געבליבן פֿאַרבונדן און פֿלעגט אויך קומען אַהער מיט באַזוכן. קאָן זיך אַ מאָל דורכן פֿענצטערל אפֿשר לאָזן כאַפּן אַ וואָרט מיט אַ ייִדן, און באַקאַנטע ניט ווייניק געהאַט אויך אין דער געגנט.

אין דער זוניקייט איבער דער שניי־ווײַסער לאַנדשאַפֿט זעען זיך ליטווינער, דײַטשע זעלנער, און אויסלענג דער באַן־ליניע רוסישע געפֿאַנגענע אין דער אַרבעט. בײַ קאָוונע דרייט זיך דער צוג אָוועק מיט אַ זײַטיקער ליניע, פֿאָרט און בלײַבט שטיין לעבן פֿאַררייכערטע באַנוואַרשטאַטן. באַלד עפֿענען זיך די טירן פֿון די וואַגאָנעס און די מענטשן ווערן אַרויסגעלאָזט אויף אַ דערבײַיִק פֿרײַען פֿעלד. פֿאַרטיילט ווערט יעדן איינעם אַ פֿאָרציע ברויט, און וואַסער אַן עמער פֿאַר יעדן וואַגאָן. קעפּ קוקן אַרויס פֿון די וואַרשטאַטן, און פֿאַמעלעך־פֿאַמעלעך רוקן זיך אַרויס אַרבעטער, און אויך מיט מגן־דודס אויף די בגדים. אין נענטערן זיך, בלײַבט איינער שטיין. הויך און אײַנגעדאַרט, די אויגן ברייטערן זיך אים. אַ כאַפּ די ברילן פֿון צערונצלט פּנים, ווישט האַסטיק די גלעזער און טוט אַרויף צוריק. קוקט, און נאָך ניט זיכער:

— דאָקטאָר קאַרלעבאַך ?.. שלום־עליכם! איך געדענק אײַך נאָך פֿון די זומערקורסן פֿאַר לערער דאָ אין קאָוונע, 1918... ייִדן

דאָ אין ליטע, כּמעט אַלע אויסגעהרגעט. און די רעשטלעך ווערן אָן אויפהער געפּלאָגט. פון געטאָ קאָוונע ווער איך מיט אַ קאָלאָנע געטריבן יעדן טאָג אַהער צו דער צוואַנגאַרבעט...

— און מיר ביידע זײַנען דאָ אין קאָוונע געווען אײַערע שילער... — ריידן נאָך צוויי, און איינער גיט צו — איך געדענק ווי דער ייִדישער מיניסטער האָט אײַך געגעבן אַ תּואַר חתן־תּורה...

— ליטע מיט אירע וווּנדערלעכע ייִדן! — ווישט זיך קאַרלעבאַך די פאַרגאָסענע אויגן — זוכה געווען האָב איך דאָ צו טאָן אַ סך פאַר דעם ייִדישן שולוועזן, און בפרט פאַר דעם טראַדיציאָנעלן... פאַרלאָזן האָב איך דאָס לאַנד אין 1920, נאָך דער גרויסער קהילה־קאָנפערענץ, מיטן אָנזאָג פון אַ רענעסאַנס דאָ אין דעם ייִדישן לעבן, אָדער אַ פרילינג, ווי עס האָט געהייסן... אַ טעטיקייט לעילא־ולעילא האָט אונדזער אָרטאָדאָקסישער עולם גענומען ווײַזן אויפן גײַסטיקן געביט!.. באַפליגלט מיט דעם אַ רוח־ליטע, האָט אין מיר געברויזט אַ דראַנג צו אַקטיוויטעט און שווּנג אויך אין מײַן דײַטשלאַנד. יענער פרילינג לעבט אין מיר, און לאָזט ניט אָפּ!..

אַ פײַף מיט אַ קאָמאַנדע־רוף!.. אין לויפן צוריק צו די וואַגאָנעס, באַוויַזט קאַרלעבאַך אַרויסצובליפּען:

— חתן־תּורה, אַזוי האָט מיך טאַקע באַקריינט דער מיניסטער... ניבא ואינו יודע מה ניבא; געזאָגט, און ניט געוווּסט אַז עס איז אַ פּאַרויסזאָג...

דער חתן־תּורה, וואָס צוריק מיט אַ יאָר צוויי און צוואַנציק איז געוואָרן מליצהדיק געוואָרפן אויף אים — אין דעם זאָג האָט ווי געשטעקט נבואה. דערגאַנגען איז ער אין זײַן לעבן צו ענדיקן אַ לעצטע פּרשה פון אַ תּורה־ייִדנטום. ער, דער מרא־דאַתרא פון האַמבורג, הרב יוסף צבי קאַרלעבאַך, האָט בײַ די אַלע מוראדיקע רדיפות ניט פאַרלאָזן זײַן עדה, און געבליבן דער

איינציקער און לעצטער פּוסק אין הילכות־התּורה איבער גאַנץ דײַטשלאַנד.

און ווידער שלעפּט זיך דער צוג. אין ריגע טרײַבט מען אַרײַן אַ טייל ייִדן אין דער אַרטיקער געטאָ. נאָך טיילן ווערן צעוואָרפן אין אַרומיקע אַרבעטס־לאַגערן.

✶

„החודש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכל חדשי השנה״; דער־דאָזיקער חודש זאָל אײַך זײַן דער אָנהייב פון חדשים, דער ערשטער פון די חדשים אין יאָר זאָל ער זײַן.

„חודש ניסן, חודש של גאולה, בו נגאלו ישראל ממצרים, ובו עתידין ליגאל״; חודש ניסן איז אַ חודש פון גאולה. אין דעם חודש זײַנען די בני־ישׂראל געוואָרן אויסגעלייזט פון מצרים, און אין דעם חודש וועלן זיי אין עתיד ווערן אויסגעלייזט.

„חודש ניסן קבעו ה׳ לגאולה בכל הדורות״; דעם חודש ניסן האָט גאָט באַשטימט אויף גאולה אין אַלע דורות.

מאַרץ 26, 1942. נאָך גאָר פרי זיצט הרב דאָקטאָר קאַרלעבאַך איבער ספרים און קלײַבט אַרויס פּסוקים און מאמרים. אַ בר־מיצווה וועט פאַרקומען דעם שבת פאַר צוויי ייִנגלעך פון דעם לאַגער. האָט ער זיך געפּעדערט, דער רב, ניט געקוקט אויף דער קראַנקייט וואָס ער האָט דורכגעמאַכט און וואָס ער מוז ווידער גיין צו דער צוואַנגאַרבעט. ביז דעם גאַנג וואָס רופט צום אויפשטיין, און באַלד דער מאָרגן־אַפּעל, און ווידער דער מאַרש צו דער אַרבעט — נעמט ער דערווײַל גרייטן זײַן דרשה צו דער שׂימחת־מיצווה.

ציטאַטן פון ספרים פּאַסט צו דער רב צו דעם טאָג פון דער פײַערונג, און צו דעם יום־טוב וואָס קומט און צו דעם גאַנצן חודש. דער טאָג איז שבת־הגדול וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסן נס; אין דעם טאָג האָבן די מיצרים באַקומען אָפּשײַ פאַר די בני־ישׂראל. דער יום־טוב איז פּסח; גאולת־מצרים מיט אַזוי פיל

ניסים! און דער חודש איז ניסן, דער מיוחסדיקער חודש אין יאָר, און דער חודש האביב, פרילינג־חודש — און דער חודש פון גאולה אויף אַלע צײַטן!

אַז באַפרײַונג פון דײַטשן יאָך און אויך די גאולה קאָנען באַלד קומען — האָט ער ניט וויניק צו ריידן מיט די לעטישע ייִדן. פון דער געטאָ־ריגע ווערט יעדן טאָג געבראַכט אַ קאַלאָנע אויך צו דער שטעל ווו ער אַרבעט. חכמהן זיך די ריגער, אַז בײַ די דײַטשע ייִדן קומט זיבן מאָל אַ טאָג משיח. די לעצטע טעג שמייכלען זיי אונטער, וואָס ער, דער רב פון האַמבורג, לייגט גרויסע האָפענונג אויף דעם חודש ניסן — אויסגערעכנט אין אַזאַ פינצטערן פרילינג!.. דערמאָנט ער זיי פון דעם „פרילינג" בײַ די ייִדן אין דער שכנותדיקער ליטע, און אויך דאָ אין לעטלאַנד, סך־הכל מיט אַ צוואָנציק יאָר צוריק. און ער גיט צו אַ פּסוק מיט אַן אויסטײַטש:

— „שמור את חודש האביב כי בחודש האביב הוציאך ה' אלהיך ממצרים לילה"; היט אָפּ דעם חודש פון פרילינג, וואָרום אין דעם פרילינג־חודש ביסטו געוואָרן אויסגעלייזט, בײַ נאַכט. „לילה" באַטאָנט ער, ווען גאָר פינצטער, קומט די גאולה!..

אין די ספרים וואָס ליגן פאַר אים אויפן טיש געפינט אַלץ ניט דער רב אַ מאמר מיטן גענויעם נוסח וועגן דעם גוואַלדיקן באַטײַט פון תּפילין, וואָס דאַרף זײַן אַרײַנגעפּאַסט אין דער דרשה פאַר די בר־מיצוות. איצט וועט ער אָבער ניט זוכן דעם ספר. אין דער ענגשאַפט פון דעם איינציקן צימער קאָן יעדער טראָט און באַוועג אויפוועקן זײַן פרוי מיט די קינדער וואָס רוען נאָך אויס זייערע גלידער... באַלד מערקט ער ווי די פרוי רירט זיך שוין פון געלעגער. ווי יעדן מאָרגן רײַסט זי אָפּ שטיקער פון איר שלאָף און נעמט זיך שטיל־שטיל צו דער שטובאַרבעט. דאָס האַרץ שנײַדט אים אויף דעם יאָך וואָס זי טראָגט אויף זיך. מיט די לעצטע כּוחות אַז זי קומט פון דער צוואַנגאַרבעט, פאַלט זי אַרײַן אין דעם צוגרייטן עסן, און נאָך און נאָך קלאַפּאָטן. אויך אַ ווינקל אָרדנט

זי דאָ אײַן יעדן אָוונט פּאָר די קינדער פון לאַגער, וואָס דער רב לערנט מיט זיי. און אין די שבתים דאַוונט מען דאָ, און דעם שבת וועלן אויך זײַן די בר־מיצוות...

שוין דער גאַנג. ניט אָבער ווי יעדן מאָל. אַזוי שטאַרק, אָן אויפהער!.. באַלד אויך דער באַשייד. קאַפּאָס און ס״ס מיט אַלאַרם פון דרויסן:

— צום אַפּעלפּלאַץ! שנעל־שנעל!!

נאָך איידער די מענטשן דערלויפן צום פּלאַץ, זײַנען זיי שוין פון די סאָרטירער צעוואָרפן אויף רעכטס און אויף לינקס.

— אַ סעלעקציע... — אין דער לינקער זײַט פּלאַץ צעקרעכצט זיך יִיאושדיק אַן אויסגעצערטער ייִד וואָס שטייט ניט ווײַט פון קאַרלעבאַכן — אויסגעהאַלטן די עבודת־פּרך, און אין דרײַ אַקציעס אַרויס אויף רעכטס; הײַנט שוין ניט קיין אַרבעטסקראַפט!..

דעם גורל זייערן ווייסן גוט די מענטשן; נאָך הײַנט, אין שעהן געציילטע... פון רוסישע געפאַנגענע סאַלדאַטן שוין געהערט, אַז זיי גרייטן ווידער צו לאַנגע גראָבנס אין דערבײַיִקן רומבולער וואַלד. אין דעם אָרט זײַנען עס מיט דרײַ חדשים צוריק געוואָרן אומגעבראַכט טויזנטער־טויזנטער ייִדן פון געטאָ־ריגע.

יונגע הענטלעך דריקן אים, נעמען אַרום. די צוויי בר־מיצווה־ייִנגלעך! מאָגערע און קליין אין וווקס, האָט מען זיי ווי מיזערנע אַרבעטסקרעפטן אָפּגעריסן פון די טאַטע־טאַמעס. האַרצרײַסיק טוליען זיי זיך צו דעם גוטן און פאָטערלעכן ראַבינער. מיט אויגן פול טרערן פאַררייסן:

— אין אַ סאַנאַטאָריע פירט מען אונדז, האָט דער לאַגער־פירער פאַרזיכערט די עלטערן; און נאָכן קרעפטיקן אונדז, וועלן מיר צוריקגעקערט... הער ראַבינער, וועלן מיר ווידער זײַן מיט אונדזערע עלטערן?..

ליכטיקער ווערט דער פרילינג־מאָרגן. דערזעט דער רב זײַן פרוי צוזאַמען מיט זייערע דרײַ טעכטערלעך. אויך אויף דער

לינקער זײַט. שטייען שוין אין רייען, און די פּאַטראָלן נעמען טרײַבן...

צענומען איז ער פון די צוויי קינדער, און אַט אין גאַנצן צעשמעטערט... פאַרלאָפן ווערט זײַן מוח מיט תּחית־המתים. אין זײַן האַנט שוין דאָס תּנכל וואָס ער טראָגט שטענדיק מיט זיך. מישט ער און ווײַזט:

— די הפטורה וואָס איר ביידע האָט געלערנט צו אײַער בר־מיצווה... זאָגט דער לעצטער נביא, מלאכי, אין זײַן לעצטן פּסוק „והשיב לב אבות על בנים, ולב בנים על אבותם״; קינדער או עלטערן וועלן זיך קערן איינע צו די אַנדערע...

די ערשטע שטראַלן פון זונאויפגאַנג אין דעם מאָרגן, פאַר־טראָגן אים אין די פּרילינגס פון זײַנע יאָרן אין דעם לאַנ־דערבײַ. און ער ציט זיך מיטן מאַרש, דער חתן־תּורה פון יענער ליטע. אין זײַן לעצטן פרילינג לאָזט אים ניט אָפּ דער בשׂורה־פּסוק פון אַ נביא דעם לעצטן. און ער רײַסט פון זיך טרייסט פאַר קינדער לעצטע.